Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Milkhome

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1948

בייהנאָ ניא .I

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8138

Visual Library

I

# אין אָנהייב

# 1. דער אלטער טאָפּאָל

I

אים האָט ניט אָנגעקלאפט דער אומגליק אינ דער שויב,
צו זײַנע פענצטער איז דער טויט ניט צוגעריטנ;
פונ זײַנ פארטײַעטקײַט געטאָנ האָט אים א הייב
דער שפרוכ פונ זײַנ געביינ, ווי א געוויטער.
עס איז אינ דערפעלע שוינ קיינער ניט געווענ,
אונ פונ דער שטילקײַט זיכ געהויבנ האָט א נעפל.
געווענ באנעצט זײַנענ מיט ליכטיקײַט די ווענט,
ערגעצ געוויינט האָבנ די כוואליעס אפנ דניעפער.
די נאכט אראָפ איז א געשוואָלענע פונ שרעק,
געשניטנ טאָפאָלס זיכ אינ הימל האָבנ שווארצע,
האָט פונ געלעגערטנ כיבארקעלע באמ וועג
אליינ ארויסגערוקט דער זאָק: אינ דער נאכט זיכ.
אפ זײַנ פארמעג האָט ער געאָרגיס פיר געהאט
אונ דוירעס פיר — אינ סאמע רעכטנ בלי נאָכ;
ער — דער געוועזענער לייב-גווארדיע-סאָלדאט
פונ אימפעראטאָרישנ פאָלק פונעם וואָלינער.

## II

ער האָט א שנײַד געטאָנ די פינצטערניש פונ נאכט
מיט זײַנע שטאָלצע סיווע באקענבארדנ.
האָבנ אימ טאָפּאָלס דענ א וויווע ניט געמאכט?
האָבנ זיכ ווינטנ פאר זײַנ אויסזענ ניט צעשפּארט דענ?
באדעקט געוועזנ איז זײַנ קאָפּ מיט ווײַסע האָר,
ווי ווײַסער בליט געטאָנ וואָלט אימ באדעקנ;
אריבער נײַנציק אָפּגעראשטע יאָר
זיכ האָבנ אָנגעלענט מיט קאָוועד אפ זײַנ שטעקנ.
אימ האָט געדוכט, אז ס'האָט דער טײַכ געטאָנ א פלייצ,
אז פונ זײַנ פּענט האָט ער געגעבנ א צעברויז זיכ;
געברענט אפ פעלדער האָט דאָס קאָרנ אונ דאָס ווייצ,
דער הימל אויסגעזענ האָט פײַערלעכ אונ גרויזאמ,
געווענ די שטילקײַט איז פארטײַעט, אָנ באוועג,
אונ ווי א טאָנעס — דאָרשטיק־אויסגעלײַטערט.
דערהערט דער זאָקנ האָט פונווײַטנ אפנ וועג
א צעפּאָלאָכעטנ געיעג ערגעצ פונ רײַטער.

## III

דעמ בליק אנטבלויזט, ווי שווערדנ צו געפּעכט,
איבערנ דאָרפס־וועג דעמ צעטראָטענעמ אונ וויסטנ
זײַנענ אפ אופגעשוימיקט־הירזשענדיקע פערד
אדורכגעפלויגנ דרײַ קאוואלעריסטנ.
א יעדער ווײַל — א קער געטאָנ די קעפּ,
די ווײַט א צי געטאָנ זיי האָבנ יעדער רעגע.
געלעגנ שטיל־פארכאלעשט איז דער דניעפּ
אנ אָנגעגלאָזטער אפ די זאמדיק־געלע ברעגנ.
אונ מיטאמאָל האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט די פערד,
איינס אָנ דעמ צווייטנ רײַבנדיק די בײַכער.
אינ וועג די רײַטער א געפּאר האָבנ דערהערט,
כאָטש ס'האָט דער וועג געצויגנ זיכ א גלײַכער.
זיי האָבנ איינער מיט דעמ צווייטנ ניט גערעדט,
בלויז מיט די נאָזלעכער געסאָפּעט אונ געווונקענ.
אונ פונ די צוימלעכ אונטער ציינערדיקנ פלעט
בא פערד אינ מײַלער האָבנ דורכגעזעצט זיכ פונקענ.

IV

מיט א דערשראָקענעמ אונ אײַנגעצוימטנ טראָט
געלאָזט דער זאָקנ פונעמ ווינט האָט זיכ א ריס טאָנ;
באמ שליאכ אוועקגעשטעלט זיכ נאָכקוקנ ער האָט
נאָכ די פארשווינדנדיקע דרײַ קאוואלעריסטנ.
ער האָט זיכ אײַנגעהערט אינ טויבנ צעפּאָלאָכ,
ווי ס׳וואָלט א כמארע זיכ פארבײַ אדורכגעטראָגנ:
צי ערגעצ יאָגט נאָכ זיי דאָ עמעצער זיכ נאָכ,
צי זיי אליינ נאָכ עמעצנ זיכ יאָגנ?
מיט באקענבארדנ מיט צעפּליורעטע באשטאט,
האָט אינ באדינער אינ פארצײַטיקע דערמאנט ער.
ער איז געוועזנ א לייב-גווארדיע-סאָלדאט
נאָכ פאר דער צײַט פונ אימפעראטאָר אלעקסאנדער.
אליינ געשטאנענ איז ער איצט אינמיטנ וועג,
ווי פונעמ ווינט ער וואָלט געווארט אפ א קאָמאנדע.
ס׳האָט נײַנציק יאָר דער ראש אינ אימ געוועקט
אונ האָט אינ צײַטנ אינ פארגאנגענע דערמאנט אימ.

V

אנ אײַנגעשרומפּענער, מיט פײַערלעכ אינ בליק,
איז ער געשטאנענ, ווי אנ אָפּגעבליטער טאָפּאָל.
מיט קנאפּע הונדערט יאָר צוריק
געשלאָגנ האָט זײַנ טאטע זיכ בא סעוואסטאָפּאָל.
ער האָט געהערט, ווי אפנ דניעפּ זיכ רײַסט א בריק,
ער האָט געזענ, ווי ס׳פליִענ פײַערנ צעזייטע,
מיט קנאפּע הונדערט פופציק יאָר צוריק
געפאלנ אונטער מאָסקווע איז זײַנ זיידע.
אימ איז פונ פאנשטשינע געבליבנ נאָכ א שפּור
אונ פונ מילכאָמעס דרײַ — פארצירעוועטע שראמענ.
געשלאָגנ האָבנ זינ זיכ אויכ אינ פּאָרט-ארטור,
אי אפ דער טריקעניש אי אפ די יאמענ.
אינ וועג זיכ אײַנגעקוקט ער האָט — צי עמעצ גייט,
אונ צו די רײַטער די פארשווונדענע געשטאמלט:
ער האָט די אייניקלעכ אינ שלאכט אזוי באגלייט,
אויכ קעגנ דײַטש געגאנ זיי זײַנענ דאמלט.

## VI

וי צו זײַנ שטאמ גיט ער צומ דניעפּער זיכ א צי:
אוועק פונ דאנ איז אויכ א לאנגע צײַט שוינ.
עס שלאָגנ זײַנע אורייניקלעכ זיכ אצינד —
ער ווייסט ניט ווו, נאָר — ווידער מיט די דײַטשנ.
ס'האָט אינ זײַנ גרײַזקײַט זיכ די נאכט געטאָנ א שטויס,
אונ אינ דער ווײַט ערגעצ א טראָג געטאָנ האָט דאנ אימ.
אינ אפּנ ווענ ער, פּארנ טויט, אזוי ארויס
צומאָל א קוק טאָנ — וואָס אזוינס עס איז גערמאניע.
אנ אייגנ שיפּעלע באמ דניעפּ האָט ער געהאט,
דעמ דניעפּ אלײנ האָט ער געהאט אונטער דער האנט דאָ,
ער איז געווענ לייב-גווארדיע-סאָלדאט
נאָכ פּאר דער צײַט פונ אימפּעראטאָר אלעקסאנדער.
אָט וועט ער אָפּשטארבנ אונ אלצ נאָכ ניט פּארשטיינ:
וואָס האקט מענ אויס א בוימ, ווענ ס'איז זײַנ בלױנג טאָפּל?
אינמיטנ ווענ איז ער געשטאנענ איצט אלײנ
אנטקעגנ ווינט, געוואָרצלט, ווי א טאָפּאָל.

## VII

ער האָט געהער־ט דעמ שאָרכ פונ בלאט צו בלאט,
געגישטערט אינ דער פינצטער האָט א ווינט א הארטער.
לאָז זיכ באווײַזנ קעגנ אימ א דײַטשישער סאָלדאט,
ער וועט אפּ אימ די אלטע אויגנ א צעשפּאר טאָנ:
„דיר קומט עפּעס ארויס פונ אונדזער ערד?
מיט קוואָרימ האָט מענ דײַנע טאטעס דאָ באוואָלט?
צי ביסטו זיי ניט אָפּמאָנענ געקומענ איצט אהער,
זיי טיפּער אויסגראָבנ פּאר זיכ אונ זיי פּארשיטנ בראָער?" —
די הייכ געטאפּט פונ א פּראָושעקטאָר האָט א שטראל,
דעמ הימל אויסגעהעלט אינ מילעכדיקע שטרײַפנ:
לאָז זיכ באווײַזנ קעגנ אימ א דײַטשער גענעראל,
לאָז זיכ באווײַזנ קעגנ אימ אלײנ דער טײַוול, —
„וואָס טוט איר ווידער דאָ? — וועט ער אימ טאָנ א פּרעג, —
צי וועט זײַנ ווילגעבורט זיכ ניט דערמאנענ,
אז ס'גייט אינ ביידע זײַטנ דאָ דער וועג —
אי קיינ ראסיי אי קיינ גערמאניע?"

VIII

געבלאָנדזשעט האָט זײַן אופגערעגטער בליק
איבערן אלטן װעג — אין ביידע זײַטן;
און מיטאמאָל האָט ער דערזען, װי ס׳יאָגן זיך צוריק
די פערד, אליין, פארסאָפּעט, אָן די רײַטער.
געשלונגען אומרויִק די ערד האָט זייער טראָט,
פון גריװעס שטיל געטראָגן זיך א שאָרך האָט.
לעם זאָקן אָפּגעשטעלט זיך איינער האָט,
זיך מיט דער גריװע צערטלדיק צעפּאָכעט.
און גלײַך דער צװייטער און דער דריטער אין א ריי
האָבן מיט טריט מיט אומרויִקע אויסגעשטעלט זיך.
און פאר די צוימלעך האָט דער זאָקן אָנגענומען זיי,
געגלעט זיי צארט די גריװעס און די העלדזער,
װי דורכשװימען די נאכט װאָלט ער מיט זיי זיך דאָ געלאָזט,
די באקענבארדן װיגנדיק אין ביידע זײַטן,
געפירט האָט ער זיי, װי אן אלטער באלעבאָס,
און זיי באטראכט, װי א צאװאָע פון די רײַטער.

IX

צי האָט א שטערן פון דער הייך געטאָן א פאל?
צי האָט א לעק געטאָן דעם הימל א פּראָזשעקטאָר?
געבראכט דער זאָקן האָט די פערד אין שטאל,
באגלייט פון ליכט דורך אומגליק אופגעװעקטער.
און אין דער װײַט זיך אײַנהערנדיק װאכ,
צום הימל יעדער װײַל פארײַסנדיק די אויגן,
האָט ער אפּ אומגליק זיך געריכט. צו האלבער נאכט
זײַנען פארדארבער אפּן װעג מיט שטורעם אָנגעפלויגן.
געריסן ביימער מיט די װאָרצלען האָבן זיי,
און מיט געפּײַפּ זיי אין דער פינצטערניש צעמאָלן,
נאָר ס׳האָט אין שטאל דער זאָקן אופגעשארט א ביסל היי
און, קרעכצנדיק, געװאָרפן עס די פערד אין זשאָלעב.
אויב עפּעס-װאָס גיט אים דער דײַטש א פרעג,
װעט ער אים זאָגן, ניט אװעקגייענד פונדאנען,
אז ס׳גייט אין ביידע זײַטן דאָ דער װעג —
אי קיין ראסיי אי קיין גערמאניע!

געוועֹן די נאַכט איז אויסגעהוילט און וויסט,
איבערן וועג געגאַן דער טויט איז נאָכן אַקער.
ס'האָט דורכגעסווישטשעט יעדער ווײַל אַ ריס,
און יעדער ווײַל האָט אויפגעבליצט אַ פלאַקער,
אַ פאַלנדיקן מענטש באַלויכטן אין דער ווײַט
און באַ דעם לעצטן שפרונג — אַ צעפּלאָכטע בעהיימע.
דערשראָקן און בײַזוווּנדערדיק־פאַרטײַ'ט
געטוליעט זיך צו דר'ערד האָבן די שטיבעלעך אין אײמע.
„געוועזענער לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַט!"
האָט זיך געדוכט, אַז ס'רופט דער טויט אליין אים
מיט דונער און מיט בליץ — אי אום אי גראַד —
דורך פאַלנדיקע שטיבעלעך, דורך קרעכצן און געוויינען.
ער האָט אין שטאַל, ווי דורך אַ כאָלעם, עס געהערט
און ניט געקאָנט פון אָרט אין ערגעץ זיך אַ ריס טאָן;
מיט ציטערדיקע הענט האָט ער געהאָדעוועט די פערד
פון די פאַרשוווּנדענע די דרײַ קאַוואַלעריסטן.

## 2. באַם קייווער

I

צום דריטן האָנען־קריי איז די געפּאַר פאַרבײַ,
אַ האַלבער דעמב האָט זיך געוואַלגערט צווישן מאָכן.
באַם סאַמע וועג, באַ דעם צעאַקערטן פון בלײַ,
געשטאַנען איז אַ מענטש נעבן אַ קייווער — אײַנגעבראָכן,
ווי אַ מאַצייווע אויסגעבויגן פונעם ווינט,
די אויגן אויסגעקריצט, ווי אויסיִעס פון אוראַלט,
און מיט אַ פידל אונטער פאַכווע האָט אַ קינד
צו אים זיך, ווי אַ בראָכשטיק, דאָרט געניורעט.
געוועזן געשמידט ס'איז צו דער קייווערדיקער ערד,
דער בליק האָט דורכגעריסן צאַמען,
עס האָט דאָס קינד געקוקט, ווי כעסעדיקע רעכט
ווערט אונטערוועגס דאָרט אָפּגעטאָן זײַן מאַמען.
ס'איז ניט געוועזן קיין קאָוועד פאַרן מעס,
מע זאָל אים ברענגען אין דער פינצטערניש צו קווורע.
נאָר ס'האָט געדוכט, אַז ס'שטייט דער מאַן שוין אַ מעסלעס,
ווי אַ מאַצייווע מיט אַן אויפשריפט פון דעם אוראַלט.

II

דעם וועג געוויזן האָבן שטערן דאָרט געהיים,
נאָר די אוויילים ניט געציילט האָבן פארשטארטע,
ווי אין דער איינציק ווינונגס-רעכטער היים
וואָלט די געהארגעטע פארבעטן זיי אפ נאכטלעג.
און אין דער הייך — א דײַטשישער אעראָפּלאַן
האָט זיך אין וועג געלאָזט שוין אפ האריגע,
נאָר פון דעם קיווער איז ניט אָפּגעגאַן דער מאַן,
דאָס מויל — מיט טרויער מיט צעוואקסענעם פאריגלט.
עפּעס האָט פּאָכעדיק די לופט געטאָן א ברי,
מיט א געצוויטשער פון קאַיאָר אדורכגעפלויגן,
ווי פון א נעסט זיך אופגעכאפט פארפרי
וואָלט אים ארויס מענאכעם-אָוול זײַן א פויגל.
גענומען זיך מיט כעדווע קרײַזן ארום אים
און מיט געצוויטשער נאָך א ווערעמל זיך יאָגן:
דער פויגל אָנגעפאנגען האָט זײַן מי
אין דער פארקישעפטער געהיימעניש פון טאָגן.

III

שוין האָבן שאָטנס זיך געשיידט מיט זייער רו,
שוין האָבן אייבציקוויַיז געלאָשן זיך די שטערן.
פון יעדער צוויטש געוואָרן העלער איז ארום,
א יעדער טרעל — א שנירל בלאנקעדי׳קע פערל.
עס ווענדט ניט אָפּ פון דער יעצירע זיך די גאָב
אפילע דאן, ווען זי פארלענדט און זי פארהאָגלט!
האָט ער זיך אומגעקוקט, א הייב געטאָן דעם קאָפּ,
פונקט ווי געהאט וואָלט ער דעם גאסט זײַנעם צו זאָגן:
„דער שארפסטער האק איז ניט באוווסט דער טאם
פון ווקס, פון א צעפלאנצ זיך אין דער הייך טאָן!
אָבער דער מינדסטער שפור פון אן ארומגעהאקטן שטאם
גייט פרי׳ר צי שפעטער אופ מיט בליִונג א באהויכטער״.
געוועגן די פליגעלעך צעטריפלט זײַנען, גרוי,
פונקט ווי די ארבל פון א וואָכעדיקן רעקל;
האָט פארן גאסט אוועקגעלייגט דער מאן א שטיקל ברויט,
געקוקט, ווי מיטן פיסקל ער צעהאקט עס און צעברעקלט.

## IV

די פינצטערניש האָט דורכזיכטיק געבלאָזן,
זיך דורכגעפּיקט דורך איר, ווי דורך אַן איי, דער טאָג האָט.
געקוקט האָט ער אַף זײַן פּרימאָרגנדיקן גאַסט,
פּונקט ווי געהאַט ער וואָלט אים נאָך צו זאָגן:
„ווען ס׳קלאַפּט דער שטורעם אָפּ פון צווײַג די פּרוכט,
גראָבט זי מיט כאָכמע דורך די טיפקײַט פון דער ערד דאָרט
און קערט זיך פונדאָסנײַ אום דורך געבורט,
אַ זיבן מאָל צעצווײַגטע און פאַרמערטע...״
אונטער די ברעמען, ווי אין שטײַגן־נעסט פאַרשפּאַרט,
האָבן געפאַנגענע געטרויערט זײַנע אויגן,
נאָר ערגעץ ווײַט געריסן זיך, פאַרטראַכט,
פּונקט ווי דערזאָגן ער באַדאַרפט וואָלט נאָך דעם פויגל:
„קומט פונעם מענטש דען ווייניקער ווי פונעם בוים, וואָס גרינט?
איז צו זײַן קלוגער פאָרזעצונג אַ טכום געשטעלט דען?״
געגאַנגען איז אים מענאַכעם-אָוול זײַן דער ווינט,
און דער באַגין האָט שוין פון ערגעץ זיך גענע׳נטערט.

## V

אַ בין האָט זשומענדיק צום פעלד זיך שוין געיאָגט,
אַ מורעשקע האָט אונטער לאַסט זיך שוין געדרייט דאָרט, —
דאָס ווערק פון מאַלכעסדיקן אופוואַכן אַף טאָג
האָט זיך געשאַפן אינעם אײַנגעשטעלטן סיידער.
דער ראַנד פון הימל האָט שאַרי͏ִעט און געהעלט,
דער מיזרעך אופגעגאַנגען איז אין געשאַל פון טרויבן;
ווי ליכט געצונדענע צוקאָפּנס בײַ דער וועלט
האָבן זיך סרייפעס אין פאַרטאָג אַרײַן געהויבן.
און צו קאַיאָר, ווי נאָר דער כוישעך איז אַראָפּ,
האָט ער זיך ניד׳ריקער ווי שטענדיק אָנגעבויגן,
אונטערגעלייגט עפּעס דעם מעס אונטערן קאָפּ,
אים דאָרטן צוגעדעקט מיט שערבעלעך די אויגן,
און, ניט צעשטערנדיק די שטילקײַט מיט געוויין,
דעם אָפּשייד שליסנדיק, אין ווירבל־פּײַן געלײַטערט,
האָט ער געבראַכט אַן אונטערוועגדיקן שטיין
און מיטן קינד געלאָזט אין וועג אַרײַן זיך ווײַטער.

## 3. גראָנאָטאָפּער ריכטונג

I

אינ דער פארלאָזטער שטאָט האָט זיכ געהערט א קנאל,
נאָר ניט געהערט האָט זיכ קיינ לעבעדיקע שטימ מער —
אינ רויכ האָט זיכ געשטיקט דער אלטער ארסענאל,
אונ ס׳האָט געברענט דער בארג פונ הייליקנ וולאדימיר,
ווי א באשווערנדיקער ניידער פונ דער שטאָט,
אז ניט צעשיידנ וועלנ זיי קיינ קייטנ אונ קיינ קלעמער
מיט איר צעצוימטנ גורל אונ באראָט.
אונ נאָכגעקוקט האָבנ די אלטע קופּאָלנ, ווי שליעמענ,
נאָכ די פארשווינדנדיקע מאכנעס אינ דער ווײַט,
נאָכ שטאמענ אויסגעריסענע אפ וואָגל אונ אפ וואנדער,
אונ ווי אינ שטאָט פירט איבער אפ צוריק די צײַט
אליינ דער טויט אינ פײַער אונ אינ בראנדנ.
א בוימ האָט קרעכצנדיק געטאָנ א פאל,
אונ ווי א כאָלעמ איז געווענ דאָס אש פונ הימל...
די וווּנד האָט צוגעלייגט צו דר׳ערד דער ארסענאל,
אונ ס׳האָט געברענט דער בארג פונ הייליקנ וולאדימיר.

II

אפ מײַלנ-ווײַט געהערט האָט זיכ דער טראָט,
אפ מײַלנ-ווײַט דער פיבער האָט געהערט זיכ;
פארשטיינערט אָפּגעטראָטנ מ׳איז פונ שטאָט,
נאָר אינ איר יעדנ שטיינ געלאָזט האָט מענ די הערצער.
הארמאטנ ווונדיקע געטראָגנ אפ די הענט,
ווי שוועס — אינ דער הייכ באמ זיכ צעשיידנ.
עס האָט דער דניעפּער זיי אפ וויאָרסטנ ווײַט געזעגנ
אונ אָנטאָנ ניט געלאָזט פונ די באצווינגער זיכ די קייטנ.
די בריקנ אופגעריסנ איבער זיכ האָט ער אליינ,
מיט דונער-קנאלנ אויסגעמישט האָט זײַנ געוואָי זיכ —
געהערט האָט זיכ, ווי ער באשווערט א יעדנ שטיינ,
ווי ער אינ פײַנט זיכ שלײַדערנ איז אפ זיי גויזער,
ווי צו דעמ גרינס פונ ביימער טראָגט זיכ זײַנ פארבאָט:
ניט קאָנענ זאָל דער פײַנט פונ זייער בלי געניערט זײַנ!
צעשטויבט מ׳איז אָפּגעטראָטנ פונ דער שטאָט,
נאָר אינ איר יעדנ שטויב געלאָזט האָט מענ די הערצער.

III

א וואָגנ נאָכ א וואָגנ — אָנגעפּילט מיט בראָכ,
פאַרזאָרגטע אָנטרײַבער מיט ביקסנ אונטער פּאַכוועס.
סאָלדאטנ מענגעסווײַז אינ טרויער גייענ נאָכ
דורכ גאָלד פונ רײַפנדיקנ פעלד, — נאָר ווער באדארפ עס?
באקלאַזשקעס, אויסגעליידיקט ביז צומ דעק,
אינ קעסעלעכ זיי קלינגענ, ווי דערשטיקטע גלעקער.
אפ קרענעצעס אינ וועג גיט קיינער ניט קיינ פרעג,
אונ ס'קאָנ קיינ שטיבעלע זיכ קיינער ניט דערוועקנ.
פונ גאנג דורכויסיקנ דער ווײ אונ בראנד
קאָנ פונ דעמ מילדסטנ ווינט ניט זײַנ געלינדערט.
זיכ אויסגעמישט האָט גרילצנדיק באנאנד
געהירזש פונ פערד, פונ וואָגנס דער געקלימפּער.
פונ אונטער פיס דער וועג ערגעצ פארשווינדט,
א שלייפ ארומ די מידע, — ער פארדרייט זיכ,
אונ אפנ דויטנ האָריזאָנט, אינ פײַער פונ באגינ,
איז נאָכגעגאנגענ צופוס א ווינטמיל, ווי א קרייצונג.

IV

די ווײַט א בלאנק געטאָנ האָט פּלוצעמ, ווי א שווערד,
געסילעט אפנ גראָז האָט זיכ דער פערלדיקער טוי נאָכ.
דרײַ אויסשפּיר-רײַטער זיכ באוויזנ האָבנ אָנ די פערד:
פארלאָפנ איז דעמ וועג אינ הינטערלאנד דער סוינע!
א שײַנ געטאָנ האָט דער קאיאָר מיט טויטנ-בלענד,
אינ פיבער זיכ צעשליידערט האָבנ ווארגנדיקע ווינטנ:
דער לעצטער דורכגאנג ווערט פארקלעמט!
פאראנ נאָכ צײַט זיכ אופהייבנ! געשווינדער!
ס'געשפּענסט פונ טויט האָט שוינ געטײַט אהער,
אונ ווער-ניט-ווער האָט שוינ דעמ קאָפּ אראָפּגעבויגנ,
נאָר איינער האָט א הייב געטאָנ: ס'געווער
אונ איבער אלעמענ זיכ דורכגעלאָפנ מיט די אויגנ:
— סאָלדאטנ! אָפּהאלטנ דעמ פײַנט איז א באפעל פאראנ,
ביז אונדזער טייל אויסער געפאר וועט אינ דער פולער מאָס זײַנ! —
ער האָט פונ דעמ געוועזענעמ לייב-גווארדיע-סאָלדאט געשטאמט —
א לײַבלעכ אורייניקל — אלעקסיי סאדאָווסקי.

V

— ווער גייט מיט מיר? — האָט דורכגעהילכט זײַן קאָל,
און מיט א ווענד צום ראנד האָט אויסגעשטרעקט זײַן האנט זיך.
און אין גערויש פון נעמען אופגעשווומענע א צאָל
דערהערט האָט זיך: „אָוואדיס!" „דראָזד!" און „מאנציס!", —
דאָס האָבן זיי אינמיטן וועג צעשיידט זיך מיט די פערד...
נאָך זיי האָט סעמיבראט דער פאָליטרוק געטאָן א לאָז זיך,
און ביז מע האָט צוריק זיך אומגעקערט —
געווען איז אפ ארום דער קלעם פארשלאָסן.
ערגעץ געשפארט האָט שוין פון יעדער ווינקעלע געפאר,
ווי מיט געשוויל זיך אָנגעבלאָזן האָבן ווײַטן,
נאָר רויִק האָט פארדרייט סאדאָווסקי א ציגאר,
ארומגעגלעט אים מיטן מויל פון אלע זײַטן,
זיך ניט געאײַלט, א ביס געטאָן א שטיקעלע באם עק,
פארייכערט און א זאָג געטאָן מיט האלבע ליפן:
— קיין גראָנאָטאָפ זיך דורכגעשלאָגן האָט דער טייל א וועג,
און איצט איז אונדז א וועג זיך דורכשלאָגן געבליבן!

## 4. אפן ערשטן פארהער

I

פארזאָרגט זיך ציט אפ מײַרעוו-זײַט א שליאך,
אן אויסגעשטופלטער מיט בראָך און גריבער;
דורך אים האָט אן עסעסישע פארשטארקטע וואך
א מאכנע קריגס-געפאנגענע געטריבן.
פארלאָפן זיי דעם וועג א כטויף איז נאָך א סטויף
מיט דראָט צעשויבערטן, ווי טרויער-מעשולאָכים,
און די געטריבענע דורך ווירבלדיקן שטויב
געשלעפט האָבן זיך ווײַטער אונטער בײַטשיקן געפּאָכע.
פארבראָטענע, פארקוילטע פון דער זון,
באנומענע און באָרוועסע, האלב-הוילע,
זײַנען זיי אָנגעקומען ערגעץ צו א זומפ,
און דאָרט זיך אָפשטעלן האָט זיי די וואך באפוילן.
געווען פארוואונדעטע א טייל איז צווישן זיי,
א טייל — פארמאטערטע פון דאָרשט און הונגער.
— ארויסגיין זאָלן ייִדן פון דער ריי! —
האָט א באפעל איבערן זומפ אדורכגעקלונגען.

## II

א ווײַל האָט קיינער ניט געטאָנ זיכ קײנ באַוועג,
בא אײניקע האָבנ די אויגנ זיכ געגעבנ א פאַרמאַכ נאָר,
אונ מיט אנ אָפּשײד-בליק צום טרויעריקנ וועג
ארויסגעגאַנ איז אײנער פונ דער מאַכנע.
פאַרבליבנ אימ צום טויט זײַנענ געציילטע טריט,
די וועלט האָט אינ די אויגנ זיכ בא אימ גענומענ וויגנ.
— פאַרלאַנגסט, פילײַכט, אונדז עפּעס זאָגנ, ייִד? —
נאָר מיט פאַראַכט האָט ד'ער פאַרורטיילטער געשוויגנ.
ער האָט געהאַט שוינ זייער ווייניק צײַט
אפּ קאָנענ עפּעס אָפּטיילנ פונ איר דעמ טאַליענ.
געײַלט האָט זיכ צו אימ פונ אומעטום די ווײַט,
געגעבנ האָט דאָס ליכט צום לעצטנ מאָל שוינ א באַפאַל אימ...
דעמ רימענ בלויז געגעבנ א פאַרצי אפּ זיכ,
ניט אָנגעהערט האָט שוינ קײנ האָפענונג אונ קײנ געפאַר אימ.
— קײנ נאָמענ האָסטו ניט?—האָט איבער אימ געקרימט זיכ א געזיכט,
אונ פונ דער הייכ א זעצ געטאָנ דעמ טאַליענ האָט: — גוראַריע!

## III

געווענדט זײַנ בליק ז'געווענ איבער דער וואַכ,
ווי עפּעס נאָכ וואָלט ער געהאַט איצט צו באַקלערנ.
— א באָלשעוויסט? — האָט דער עסעס געטאָנ א לאַכ.
— איכ האָב דעמ קאָוועד דער פאַרטיי געהערנ! —
אראָפּגעלאָזט דער קאַט גוראַריענ האָט א פּאַטש,
א שלײַדער אימ געטאָנ אונ, האַלב צעמישט אונ האַלב צערודערט,
האָט ער מיט ליפּנ שוימיקע געפּײַקלט: — קוואַטש!
דאָס האָסטו פאַר דײַנ ווערטפּוליקנ ענטפער, יודע! —
גוראַריע אופגעשטעלט האָט צ'ריק זיכ אפּ די פיס,
זיכ אָפּגעווישט דעמ שטויב, געקוקט אינ דר'הייכ פאַרבלוטיקט.
האָט מיט דער גומי אימ דער קאַט פונסנײַ דערלאַנגט א ריס:
— דאָס האָסטו פאַר דײַנ קוקנ אינ די הייכנ, יודע! —
ס'האָט ענגער דער האַמוינ געגעבנ זיכ א פרעס,
פאַרטײַעט דורכגעלאָפנ איז א ווינטיקער געהודע.
אונ א באַפעל האָט אויסגעריטשעט דער עסעס:
— די טאַשנ אויסליידיקנ שנעל דעמ יודע!

IV

מיט פייַקלדיקע ווערטער פונ באפעל
האָט פול דאָס זשאבע-מויל געגעבנ א פארשטאָפּ זיכ,
גוראריענ מ׳האָט די טאשנ אויסגעליידיקט שנעל,
אונ זיגעריש דערלאנגט דעמ זאָנדערפיורער קלאָפּסנ.
נאָר די פאפּירלעכ די אדורכגעשפּיזטע מיטנ בליק
געצווונגענ האָבנ צו גוראריענ מאכנ נעענטער א שפּאנ אימ
אונ אופהייבנ א דאָווער-אכערישנ היק:
— אכ זאָ!.. געקעמפט קעגנ דעמ רייַכ האָט נאָכ אינ שפּאניע? —
אונ זיכ צעלאכט, זיכ לאכנדיק, פארהוכט,
— די שפּאגעס זיכ באגעגנט האָבנ ענדלעכ.
פונוואנענ אזא נאָבל-קריגערישער גוכט
בא א פארדאמטנ פאראזיט אונ הענדלער? —
אונ אינ דער ביטערקייַט האָט, ווי א בליצ, געטאָנ א גיי
א זיסע טרייסט א לעצטע פאר גוראריענ,
וואָס אויכ אינ שפּאניע ער געקעמפט האָט קעגנ זיי,
אויכ דאָס איצט לייַטערט פארנ טויט דעמ צאר אימ...

V

געוואלגערט האָט זיכ זייַנ אראָפּגעקלאפּטע הוט
לעמ זייַנע פיס די באָרוועסע, די הוילע,
אונ ער האָט שווייַגנדיק געווישט דאָס בלוט,
וואָס האָט געטריפט פונ אופגעלאָפנ מויל אימ.
עס האָט א היצ פונ זייַנע אויגנ זיכ געדעמפּט,
געזענ זייַנ היימ אינ מעזשבעזש, ווי אינ כאָלעמ, א געפּלעטער;
געהערט האָט זיכ פונ דאָרט דאָס שאָרכענ פונ א דעמב
מיט עטלעכע פארבליבענע פארוועלקטע בלעטער...
געקלאמערט האָט ער זיכ מיט יעדנ אָטעמ אָנ דער היימ,
ווי ווייַט עס האָט פונ דאָרט געגעבנ א פארטראָג אימ!..
אונ אופגעוועקט האָט קלאָפּס אימ שנעל מיט א געשריי:
— פארלאנגט דער ביבל-ריטער נאָכ עפּעס צו זאָגנ? —
— יאָ, ער פארלאנגט! — האָבנ די אויגנ אימ געטאָנ א גלאנצ
מיט בלוט, ווי דער עמאל אפ זייַנ אינ שלאכט פארדינטנ שטערנ, —
ס׳איז בא זייַנ פּאָלק פונ בוכ ביז שווערד נאָכ קלענער די דיסטאנצ,
ווי פונ דער האק ביז צו די פלאכעס בא דער דייַטשישער אימפּעריע!


878—2

# VI

אינ דער צעבויטעטער פרימאָרגעדיקער רו
האָט אויסגעשטרעקט באפּעלעריש דעמ זאָנדערפיורערס האנט זיכ:
— זאָל זיכ אלײנ דער יודע אויסגראָבנ א גרוב
אָנ אונטערשייד אפ װעלכע-ס׳איז דיסטאנצנ! —
גורארִיע האָט געקוקט: „אָט איז זי, אָט, די װאָר,
אָט איז ער, אָט, זײַנ לעצטער אינדערפרי דאָ”...
נאָר קלאָפּס האָט אימ גע׳ײַלט: — פארלאנגט דער יודע נאָכ א װאָרט? —
אונ אויסגעפליסטערט שטיל גורארִיע האָט: — א רידל!
— א גרוב זיכ גראָבנ מיט די הענט! — האָט זיכ דערהערט
דעמ זאָנדערפיורערס לאכנדיקע שטימ די גראָבע.
אונ ס׳האָט גורארִיע זיכ ארויפגעלאָזט אפ דר׳ערד,
זיכ מיט די הענט א גרוב גענומענ גראָבנ...
ער האָט געגראָבנ פלײַסיק, אָרנטלעכ — ביז װײ,
ביז שווייס, ביז בלוט, ביז אײטער אונטער נעגל;
געגראָבנ שוינ א שאָ, געגראָבנ צװײ,
געגראָבנ שווער האָט זיכ זײַנ קײוועדיק געלעגער...

# VII

פאר ז׳י דערינערונגענ אויסגראָבנ א גרוב
באדארפט װאָלט ער, זײ זאָלנ ניט פארנעפּלענ אימ די אויגנ;
געקומענ זײַנענ זײ אהער, זיכ אויסגעשטעלט ארומ,
פונקט װי אוײלימ — נידעריק געבויגנ...
אָט זעט ער זיכ ארומדרײענ אינ יִדישנ מוזײ,
װו ער א צײַט געארבעט האָט ביז כאמע דער מילכאָמע;
עס קוקנ פונ די װענט צו אימ געשפּענסטער אלערלײ,
װאָס קײנס פונ זײ איז עפשער שוינ ניטאָ מער...
שוינ מיטנ לעצטנ שוויס ער גראָבט. די פינגער שוינ פארשטארט,
אונ א קינזשאל זײ טאפּנ אָנ אינ זשאווער שטײניק —
אנ אײדעס פונ אנ אָפּגעהילכטער שלאכט.
א װײַל געקוקט, װי אויסשטעלנ ער דארפ עס אינ מוזײ נאָכ.
באשעפטיקונגענ אלערלײ האָט ער געהאט,
געהאלטנ אויסגעשטרעקט פאר אלעמענ האָט ער זײַנ לעבנ.
געװענ פארוואלטער פונ מוזײ, א לערער, א סאָלדאט
אונ איצט צולעצט איז ער פאר זיכ אלײנ דער גרעבער...

VIII

ארומ האָט א געפּאָכ פונ פייגל זיכ געהערט,
געטראָגנ אינ דער הייכ האָט זיכ א פריילעכער געצוויטשער.
א ריס געטאָנ האָט זיכ צו זיי גוראַריע פונ דער ערד,
ווי אופגעוועקט דורכ זיי בא זײַנע לעצטע טריט שוינ.
אונ ווײַטער פאָרגעזעצט דאָס גראָבנ — ביז פארנאכט.
געזעצט האָט פונ די פינגער בלוט, אונ פונ די אויגנ — פײַער.
אדורכגעשמועסט איינער מיטנ אנדערנ האָט זיכ די וואכ,
פארייכערט איינס באמ צווייטנ א ציגאַרעט.
— אונ איבריקנס, — האָט קלאָפּס געטאָנ א שניט
אנ אופגעזאָדענער, מיט גאל מיט גרינער, —
זאָל ער א גרוב זיכ אָפּארבעטנ פרי׳ר, דער פאראזיט,
א קויל זאָל זיכ דער יודע פרי׳ר פארדינענ! —
אונ אָפּפידנ באפוילנ אימ אַפּ א פארהער,
נאָכ א געשפּרעכ מיט אימ באדארפ ער האָבנ.
זיכ אופגעהויבנ האָט גוראַריע פונ דער ערד,
באגלייט פונ די עסעס, גלײַכ ווי פונ שווארצע ראָבנ.

IX

עס האָט זיכ קיינ שווארצאפּל ניט באוועגט,
דערשטיקט אינ רויש איז ער געגאנגענ א געפּלעטער;
זיכ אָנגעטראָפנ האָט אנטקעגנ אימ א בוימ אינ וועג,
אראָפּגעלאָפּנ איז צו אימ א שאָרכ פונ בלעטער.
וואָס מיינט דער ווינט? וואָס מיינט פונ צווײַגנ דער געוויג?
וואָס קער זײַנ אָטעמ דענ זײַנ אייגענער אצינד זיכ אָנ אימ?
דאָכ האָט ער מיט דער לופט אונ מיט די רוישנ זיכ געקוויקט
אונ, גייענדיק, מיט ווינט זיכ אָפּגעפרישט דאָס פּאָנעמ.
געלעגנ איז די ערד פארוואונדיקט, אינ פארבראָט,
זיכ א געבונדענע געלאָזט פונ דער פארדארבונג טרעטנ;
א טויטנ-לאגער האָט זיכ דאָרט געשטיקט אינ שטעכיק דראָט,
אינ קראמפּ געייטערט צאנקענדיק האָט זיכ די געטאָ...
א יעדער שטויב איז אָפּגעגאנ מיט וויי אונ פײַנ,
אי דאָ אי דאָרט א טויער האָט געוואַרט מיט ציינ, ווי זעגנ.
וואָס איז דער אונטערשייד, אינ וועלעכנ פונ זיי ער וועט ארײַנ?!
אלצייינס — מיט יעדער האָפענונג צעשייד זיכ אונ געזעגנ!

## 5. א בריוו פונ דער היימ

I

געגאנג א רעגנ איז די גאנצע נאכט.
בא יעדנ איינעמ אפנ פעלד געשונדנ האָט די הויט ער.
אונ אויסגעווייקט אפ דורכ האָט דאָכ דער קאָמאנדיר געטראכט:
„פארשפעטיקט צו דעמ שניט האָבנ די ברויטנ...
ס'איז א גערעטעניש א ניט-געוועזענע, נאָר ווער,
נאָר ווער וועט זי ארויפנעמענ אונ זי פארדייענ?
אדורכפירנ דורכ איר דער דײַטש אונטער געווער
וועט אינ געפאנגשאפט רויטארמייער
אפ שווארצער קאטאָרגע אונ אפ צעשאָס —
פונ ווײַט זאָל יעדער אָפגעבנ זײַנ וויי איר”...
דער רעגנ האָט א גאנצע נאכט געהאלטנ אינ איינ גאָס,
געפאסעוועט א גאנצע נאכט די רויטארמייער.
אונ אינדערפרי האָט פונ דער פרישער ערד געשפּארט
א כיִעסדיקער רייעכ פונעמ גראָז, גלײַכ ווי פונ האָניק —
נאָר ניט צומ הארצ געווענ איז אָטעמענ די פראכט;
די גלוסטונג ביסלעכווײַז זיכ אָפגעטאָנ האָט.

II

פארשארפט אונ טרויעריק, מיט א באנעמ
פונ א באשיידענעמ אונ צניִעסדיקנ דאָרפס-יונג,
באקלערט האָט ווי דעמ טייל ארויכפירנ פונ קלעמ
דער אָפגעצערטער קאפיטאנ כאדאָווסקי,
געלעגנ אופגעמאכט פאר אימ איז דער פלאנשעט.
די מאפּע — אפ איינ זײַט, א בריוול — אפ דער צווייטער.
אימ דוכט זיכ: אפ דער מאפּע שוינ א וועג ער זעט,
נאָר ס'האָט צומ בריוו אימ פריִ'ר א צי געטאָנ מיט ווייטעק.
א בריוול פונ דער היימ... דאָס הארצ רײַסט אופ זיכ מיטאמאָל.
מיט בוכשטאבנ מיט גרויסע שרײַבט זײַנ זונ אימ:
„איכ קוש דיכ, טאטקאָ, הונדערט מאָל,
אונ נאָכ אזויפיל הונדערט מאָל, ווענ דו וועסט קומענ!”
באמ ראנד פונ בריוו נאָכ אויסגעמאָלט האָט ער
דאָס שטיבעלע — א לעבעדיקס, ווי ס'שטייט באמ דניעפּער.
געקוקט אפנ געמעל דער קאפיטאנ האָט דורכ א טרער,
געקוקט אפנ געמעל דער קאפיטאנ האָט דורכ א נעפּל.

## III

דעם בריוו נעבן דער מאפע צוגעלייגט געשווינד,
א שאָרך געטאָן אין אים האָבן די אויסגעמאָלטע ביימער:
ווער ווייסט, ווו ערגעץ איז זײַן זון אצינד?
צי עפּעס נאָך כוצ דעם געמעל געבליבן פון זײַן היים איז?
ווער ווייסט, וואָס זײַן וואסיאָנע האָט זיך דאָרט דערוואַרט!
ס׳איז עפּעס אלץ אזוי איצט ווײַט און נאָענט און געשפּענסטיק...
דערמאָנט האָט זיך א זומערדיק-שלאקסרעגנדיקע נאכט —
וואסיאָנע פלעגט אראָפּ פון בעט, אן עפן טאָן דאָס פענצטער,
און ס׳פלעגט א פרישקײַט גֶעבן זיך א רײַס ארײַן,
אז ניט געאָטעמט, נאָר געטרונקען מ׳האָט זי קרעכצנד.
ס׳האָט פון דעם בריוו זיך אָנגעשווערט ס׳געמיט מיט פּײַן,
קיין אויג ניִט צוגעמאכט האָט אין אזוינע נעכט זיך...
און פונדאָסנײַ — דאָס קסאוו, אפּ דורך און דורך,
עס האָט זיך פאר דער קלאָרסטער מאפּע דאן געדאכט אים,
ווי דורך די קינדערישע בוכשטאבן געזוכט
וואָלט ער א גאנג — פון קלעם זיך דורכרײַסן מיט שלאכטן.

## IV

„איך קוש דיך, טאטקאָ, הונדערט מאָל,
און נאָך אזויפיל הונדערט מאָל, ווען דו וועסט קומען!״ —
האָט ער ביז בלוט איבערגעכאזערט אפּ א קאָל,
אן אָנגעזאפּטס מיט ווײַטן, מיט געקרעמפּעוועטן אומעט.
דער טאָג איז אופגעשטאנען לויטער און צעשטראַלט.
באגינען אפּ א האלבן הימל האָט צעשפּרייט זיך.
ס׳האָט דאָס געזאנג פון פייגל אופגעוועקט דעם וואלד,
און א געזשום א גאָלדענער געגאנגען איז פון די ווייצן.
אפּ ארבעט האָבן שמיד-ווערעמ געטאָן א גיי ארויס,
און ס׳האָבן שמעטערלעך צעלאָזט זיך ס׳מכעדיק און לעכצנד.
„געשיקט זיך, אז דאָס אלץ וועט ווערן אויס?
אז דאָס וועט אלץ צעטראָטן און צעשטערט זײַן?״
פון פעלד געגאנגען איז אפּ אים א זיסער ראש,
די זאנגען אָנגעפולט זײַנען געווען מיט טוי נאָך.
ער האָט געוווּסט, צום טײַכל לאָזנדיק זיך טאָן א וואש,
אז אָפּגעשניטן האָט פון אלע זײַטן אים דער סוינע.

## V

געלעגן אַ פֿאַרוווּנדעטער איז אויפֿן הוילן גראָז
מיטן פֿאַרבלאָטיקטן שינעל איבערן קאָפּ אַריבער.
ער האָט די וווּנד פֿאַרבאַנדאַזשירן ניט געלאָזט,
ער האָט מיט דער באַגנעטן-שלאַכט דער לעצטער נאָך געפֿיבערט,
ווי אָפּגעגאַנגען אין בלוט ער איז,
ווי אָן געווער, דעם ווײַ פֿאַרקלאַמערט,
האָט ער אין גאָרגל פֿון אַ דײַטש געגעבן זיך אַ ריס
און זיך געלאָזט אַוועקטראָגן ערשט דעמאָלט.
אויף ביקסן אים געטראָגן מ׳האָט דעם גאַנצן וועג
אונטער אַ קוילן-גאָס, די קעפּ געבויגן.
— ווי פֿילסטו זיך, אָרלאָוו, — האָט יעדער אים געפֿרעגט,
נאָר ער האָט בלויז געפּינטלט מיט די אויגן...
דער ראַנד האָט אויסגעזען — אַ שווינדלדיקע שוועל,
ווו פֿאַר דעם טויט געווען איז דער אַרײַנגאַנג אָפֿן.
עס האָט זיך קיינעם גאָר ניט מער געוואָלט אין פֿעלד,
נאָר וווּ-ניט-איז זיך אויסציִען און שלאָפֿן...

## VI

באַגראָבן האָט זיך ווער אײנעם בוריאַן,
אין קאָרן זיך באַהאַלטן ווער עס האָט געפּרוּווט דאָרט,
אַרומגעגאַנגען איז צווישן זיי דער קאַפּיטאַן,
געקוקט: וואָס קאָן ער נאָך מיט זיי איצט אויפֿטאָן?
ער האָט נאָך אַלץ די קינדערישע בוכשטאַבן געקײַט,
די הונדערט קושן, וואָס אין דר׳היים האָבן דערוואַרט אים...
אים האָט געדוכט, אַז ס׳קוקט פֿאַריבלדיק אויף אים פֿון ווײַט
זײַן זיידע דער סאָלדאַט פֿון דער געוועזענער לייב-גוואַרדיע,
ווי אײנעם ערשטן טאָג, ווען צווישן אייניקלעך און זין
זיך מיט די סיווע באַקענבאַרדן האָט צעלאָזט ער:
— מיר וועלן פֿרי׳ר דאָס דריטע מאָל אַרײַנגיין קיין בערלין,
איידער זיי וועלן ס׳ערשטע מאָל אַרײַן קיין מאָסקווע.
צופֿוס, אַלצײַנס — דורך וואַסער און דורך גרונט,
ווי הונדערט יאָר צוריק אין הוילע לאַפּטיעס, —
און מיטן דריטן קעלישעק געטאָן עס אַ פֿאַרטרונק
און מיט די פּיס די אַלטע צוגעקלאַפּט עס.

# 6. אמאָל איז געווענ

I

סאדאָווסקי איז געווענ א יונגער אגראָנאָמ,
דאָס לאנד געווענ איז ווי א יאָמטעוו-טיש געגרייט אימ.
עס האָט זײַנ טאטע נאָכ געטריבנ א פאראָמ,
פאַרזוכט די פאַנשטשינע האָט קינדווײַז נאָכ זײַנ זיידע,
אונ ער געזענ האָט, ווי דעמ דניעפּער אונ זײַנ דראנג,
דעמ אײַנגעפּענטעטנ אינ שטיינעריקע ברעגנ,
שפאנט מענ אינ ברויזנדיקער ליכט אונ אינ געדאנק,
אז ניט נאָר בושעווענ ער זאָל דאָרט, נאָר באַוועגנ!
אונ ס'איז א פלעטנדיקע פרייד אזא געווענ
צו אָט דער מי זיכ צו באַהעפטנ מיט א צוריר...
דאָס לאנד דאָס גאנצע מיט געצײַגנ אינ די הענט
האָט ווי אײנ מײַסטער אימ געשליפנ אונ געפורעמט,
אונ אימ דערלאנגט ווי א באַגינענדיקע גאָב
אונ מיט דער פרײַהײַט פונ די יאַמענ אימ פארבונדנ.
סאדאָווסקי שטאָלצ געווענ איז אופהייבנ דעמ קאָפּ
אונ קוקנ לאנג פארגאפט, ווי אפ א וווּנדער.

II

ער פלעג ארויספאָרנ באַגינענ אפנ פעלד,
אפ זײַנע שפּראָצונגענ די יונגע זיכ אנ איב טאָנ —
נאָכ א פארשלאָפענע געלעגנ איז זײַנ וועלט,
אונ ער געוועקט האָט זי אָנ ראַש, ווי א געליבטע.
פונ אײנ זײַט — שטרעקעס דרעמלדיקער סטעפ
מיט גאָלד פונ פעלד-בלימלעכ מיט זוניקנ פארפראָשעט,
פונ צווייטער זײַט — דער מאלכעסדיקער דניעפּ
מיט דער באַצויבערדיקער קרויג פונ זאפּאָראָזשיע,
אונ ער אלײנ, סאדאָווסקי, אינדערמיט.
ער פאָרט זיכ לאנגזאמ אינ דעמ לויטערנ באגינענ,
אונ אזא רויקײַט פארוויגט אימ דאָס געמיט,
אונ אזוי זיס איז אינ דער שטילקײַט צו באַזינגענ
פונ צויבער-וווּקס די כאָכמע אונ די פראכט,
פונקט ווי דעמ צויבער פונ די צוימענדיקע שליוזנ;
אונ קוקנדיק אפ זײַ, האָט ער געטראַכט:
„דאָס איז דער אָנהייב פונעמ צוקינפטיקנ רוסלאנד!“

III

און מיטאמאָל — דער קריג! ווי פון דער העלער הויט.
און אײדער וואָס — א כורבנדיקער האָגל שוין פון בלײַ איז;
שוין העפקער הוליעט און עס בושעוועט דער טויט,
אין דורכגעבראָכנ זײַנעני ראנדנ שוינ דורכ פײַער.
בא דעם ווארשטאט שטײט נאָכ דער ארבעטער פארטאָנ,
נאָכ בא דעם היי־שניט פאָרעט זיכ דער פויער,
און ס׳קומענ צוגנ מיט פארוווּנדעטע שוינ אָנ,
און אפּ א נאכטלעג בעט זיכ שוינ דער טרויער.
און אײדער וואָס — דערשלונגענ איז שוינ ברעסט,
דער אלטער מינסק אינ פײַער שוינ דערטרונקענ.
און פּלײטים אפּ די וועגנ ערגעצ פרעסט
א נידעריק־ארפּגעלאָזטער שווארצער יונקערס.
איז וואָס וועט ער זיכ שטעלנ ווארטנ אפּ זײַנ ריי?
דעם וועג ער טרעפנ וועט אלײנ אהינצו;
ארײַנכאפּנ מע דארפ א ווײַלע זיכ אהײמ,
געזעגענענ דאָרט מיטנ ווײַב און מיטנ קינד זיכ.

IV

א ווינטל האָט מיט זיסער צערטלעכקײַט געגלעט
זײַנ אופגערעגט־פארזאָרגטנ פּאָנעם;
ער האָט ארויסגענומענ זײַנ פּארטיי־בילעט,
א לײענ צוויי מאָל נאָכאנאנד געטאָנ אימ:
דער נאָמענ. די פאמיליע. אָט זײַנענ זיי,
ווי פלאנצונגענ פונ לאנד מיט ליבע אָנגעצײכנט.
„נו, אָט, מײַנ פרײַנט, סאדאָווסקי אלעקסיי״, —
האָט ער צו זיכ אלײנ געווענדט זיכ מיט א שמײכל,
געלאָפנ ווײַטער מיטנ בליק: „וואָס נאָכ?״
ארײַנזויגנ האָט אלצ אימ מיטאמאָל געוואָלט זיכ.
„געבורט — נײַנ הונדערט צוועלפטער יאָר,
א קאָמאנדיר פונעמ זאפּאס״, — זיכ אויסגעגלײַכט א שטאָלצער,
און נאָכאמאָל אינ ביכעלע א קוק,
זײַנ אָפּבילד און דעמ שטאמפּ געפּרווּוט א מעסט טאָנ:
„נו, אָט! צי איז דאָס אלצ דענ ניט גענוג?
מיט וואָס איז דער בילעט ניט קײנ געזעצלעכע פּאָוועסטקע?״

V

דאָס ערשטע מאָל ווי ס'ברענט אזוי די זון,
געדוכט סאדאָווסקינ גייענדיק זיך האָט דאָרט.
אינ הויפ געשפּילט האָט זיך זײַנ קלײנער זונ,
פונ זאמד פונ גאָלדענעם א שטיבעלע געקנאָטנ,
א קוק אונ צוויי, קײנ רעגע ניט געזאמט,
ער ארום קינד געגעבנ האָט א דריי זיך...
— אהערצו טאָר מענ ניט! — פארדעקנדיק דעם זאמד,
האָט אפנ פּאָטער זיך דאָס קינד צעבייזערט.
— גערעכט, מײַנ זונ! — האָט ער געטאָנ א גיי
אונ אים, א שולדיקער, ארומגענומענ.
— ווו איז די מאמע, זאָג מיר, וואָראָביי,
די מאמע איז פונ שול נאָכ ניט געקומענ? —
אונ נאָכ עפּעס געטאָנ בא אים א פרעג,
געקוקט אפ אים. אליינ געוועזנ ערגעץ ווײַט שוינ.
— דו פאָרסט אוועק? — איכ פאָר אוועק!
— וווהינ? — זיכ שלאָגנ, וואָראָביי. זיכ שלאָגנ מיט די דײַטשנ!

VI

אונ צו דער שול האָט ער פארקער'וועט שנעל די טריט,
באמערקט די לערערנ האָט אפ א האלבנ וועג אים.
די קינדער אָפּגעלאָזט אהיים פארפרי
אונ זיכ צו אים אליינ געלאָזט אנטקעגנ:
— מ'האָט דיכ ארויסגערופנ? שוינ דײַנ ריי? —
האָט זי מיט אויגנ בלישטשענדע א גלעט געטאָנ אים.
— איכ בינ אנ אייגענער! — האָט ער איר שמייכלדיקערהייט
א זאָג געטאָנ: — קײנ אײַנלאדונג באדארפ איכ ניט, וואסיאָנע! —
אינ הויפ פונ שול האָט מענ געקאָסיעט היי,
געמורמלט האָבנ ביימער אומעטיק, פארשלעפערט...
זיי זײַנענ ביידע פײַערלעכ געגאנ אהיים,
עפשער אפ קײנמאָל דאָרטנ מער זיכ שוינ ניט טרעפנ.
פונקט ווי פארשרײַבנ זיכ פונסנײַ געגאנגענ זײַנענ זיי,
מיט וויי געריסנ יעדער טראָט האָט פונ דער ערד זיכ.
דאָס שטיבעלע פונ זאמד באנײַט האָט וואָראָביי,
זיכ דאָרט באזעצנ וועלנ איצט אפ לאנג זייערע הערצער.

## VII

פאר איר סאָלדאט האָט אלצ געמאכט וואסיאָנע שנעל,
אינ וועג אינ ווײַטנ מוטערלעכ געגרייט אימ;
א ווײַלע צוגעזעצט אזוי זיכ פאר דער שוועל,
זי וועט אימ ביזנ צוג אלײנ באגלייטנ.
די גאנצע צײַט אינ אימ געשפיגלט האָט זי זיכ,
איר האָט געדוכט, אז זי פארהיט אָט דאָ אימ פונ געפאר שוינ;
איר האָט געדוכט, אז שוינ פארברוינט איז זײַנ געזיכט
פונ שווערנ גאנג אונ אונטערוועגדיקע מארשנ.
זי האָט קיינ וואָרט קיינ איינציקס ניט גערעדט,
בלויז מיט די בליקנ אימ אינ זיכ ארײַנגעזויגנ...
— וואסיאָנע, ס'איז שוינ צײַט! עס איז שוינ שפעט, —
האָט ער א קוש געטאָנ וואסיאָנענ אינ די אויגנ
אונ מיט דעמ מויל אראָפגעווישט א טרער —
וואסיאָנעס טרער, ווי זי געטריפט וואָלט פונעמ הימל.
עס האָט א דורכפלי זיכ פונ בושעלעס דערהערט,
אונ ביידע האָבנ זיכ פארקוקט, ווי אפ א גוטנ סימענ...

## VIII

אונ אפנ זיידנ נאָכ א ווײַלינקע געוואַרט,
געפאָרעט ערגעצ האָט דער זיידע זיכ אינ גאָרטנ;
ער האָט א ווײַנשלבוימ דאָרט מיט א דראָנג אונטערגעשפארט,
דאָס פאָנעמ אויסגעקער'ווועט בלויז, אינ צווײַגנ אײַנגעפלאָכטנ:
— דו גייסט שוינ, אלעקסיי? נו, גיי מיט מאזל!.. וואַרט... —
אדורכגעשפארט צווישנ די ביימער אינ דער מיט זיכ,
אונ זײַנ סאָלדאטסקע קעסעלע פונ דרײַ מילכאָמעס אימ געבראכט:
— נא!.. ביז מ'עט דיר ארויסגעבנ אינ פאָלק די אמוניציע! —
זײַנ קאָפ אלײנ געוועזנ איז ווי ווײַנשל-צוויט,
וואָס האָט פונ גאָרטנ צוגעשוועבט באגלייטנ אפ דעמ קריג אימ;
געקלונגענ האָט אימ נאָכ ביז איצט זײַנ קאָל, ווי א געשמאקע ליד,
פונקט ווי דער שאָרכ פונ ביימער, וואָס פונ ווינטנ זיכ צעוויגנ.
איצט האָט ער אופהייבנ די אויגנ ניט געוואגט אהינ,
געשפרייט האָבנ זיכ גרוי-געוואָרענע, פארשוועכטע מײַלנ:
די זיידעס... זיי זײַנענ ארײַנ דאנ קיינ בערלינ,
אונ ער — אינ קלעמ ארײַנ איז איצט דערווײַלע...

## 7. דער עראָפּלאַן און דאָס שמעטערל

I

אַף מײַלן-ווײַט געהערט האָט זיך דער טראָט
פֿון טרויער-מאַכנעס הײמלאָזיקע פּלײטים;
געפּלײצט, ניט ווײסנדיק וווּהין, מע האָט,
אין קלומקעס אײַנגעשפּאַנטע, אָן באַגלײטער.
אַ יעדן וועג האָט זײ די פֿיבער-שטאָט פֿאַרטרויט,
פֿאַרטרויט דעם פֿעלד האָט יעדער גסיסעדיקע גאַס זײ,
און אָנגעטריבן סווישטשענדיק דער טויט
האָט זײ מיט ברענענדיקע בײַטשן פֿון פּוגאַסן.
געגאַנען אַף מיורעך זײַנען יונג און אַלט,
מיט קינדער אַף די הענט, מיט זקײנים אונטער אָרעם —
זײ נאָכגעגאַנגען איז ברענענדיקער וואַלד,
זײ נאָכגעגאַנגען איז אויסגעקלאַפּטער קאָרן.
געשטראָמט, פֿאַרפּלײצנדיק, אַ מאַכנע נאָך אַ מאַכנע האָט —
צו פֿוס, אַף וועגענער, איבערן וועג צעזײטע,
ווי ס׳וואָלט די אָדערן אַלײן געעפֿנט זיך די שטאָט
און אָפּגעגאַנען מיט בלוט, און אָפּגעגאַנען מיט ווײטעק.

II

געטאַפּט, ווי אין דער פֿינצטערניש, האָט יעדן אײנעמס שפּאַן,
און גאָרניט זעענדיק, האָבן זײ מיד אַזוי געשלעפּט זיך,
און פֿון דער הייך האָט זײ דערזען אַ דײַטשישער עראָפּלאַן,
אַ לאָז געטאָן זיך, ווי אַ וואָלף, צו אומבאַשיצטע שעפּסן.
ער האָט פּיקירט. דערנאָך — אַ קרײַז. דערנאָך — איבער די קעפּ.
פֿון מאָרד דעם טײַנעג האָט ער לאַנגזאַם זיך צעצויגן,
און שוועבנדיק אַראָפּ, ווי דורך ספּיראַל-אַרטיקע טרעפּ,
האָט ער די אומגליקלעכע נאָך געוואָלט אַ קוק טאָן אין די אויגן...
און צוגעפֿאַלן איז די מאַכנע צו דער ערד,
זיך אײַנגעקלעפּט ביז מעשוגאַס אין אירע פֿאַלדן,
פֿאַרטויבטע — ניט געוווּסט האָבן זײ רעכט,
צי זײַנען זײ שוין טויט, צי דאַרף דער טויט ערשט אַ באַפֿאַל טאָן!
אַראָפּגעפֿירט פֿון זיבען האָט זײ בלויז דער זשום
און דער געפּרעסטער ראַש פֿון אײַזערנעם געפּאָכע.
עס האָט זיך אַ געשרײ געוואָרפֿן אַף אַרום
און צ׳ריק געפֿאַלן דאָרט אין בלוט און אין געכאָרכל.

III

א לאָפּ געטאָנ א קינד האָט פונ דערשרעק,
דערזענ א שמעטערל ·אונ אויסגעשטרעקט די הענט דעמ,
אונ נאָכנ קינד האָט זיכ געלאָזט דער שפּארבער אינ געיעג —
דעמ פּילאָטאזש דעמ סאמע נידעריקסטנ אָנגעווענדעט.
א גענעראל-געשלעג! א ריטערלעכער איינס-אפ-איינס
צווישנ א דײַטשנ אס אונ הימלאָזיקנ יאָסעמ,
וואָס האָט א שמעטערל געהאלטנ אינ די הענט א קליינס,
די פליגעלעכ מיט גאָלד מיט זוניקנ באגאָסנ.
געריסנ האָבנ שטיקער ערד זיכ אינ דער הייכ,
מיט קעפּ מיט בערדיקע צעשמעטערט אונ צעשפּליטערט,
אונ מיט דעמ בלוט פונ קינד באצירט דעמ בויכ,
זיכ אָפּגעטראָגנ אינ די וואָלקנס האָט דער דײַטשער ריטער.
אונ אָפּגעטאָנ מע האָט דאָרט די הארוגימ רעכט,
דער דאָקטער הילפ האָט די פארוואונדעטע געגעבנ,
אונ אופגעהויבנ מ׳האָט זיכ פונ דער טרויעריקער ערד,
געלאָזט זיכ ווײַטער גײנ אונ ווידער — לעבנ...

IV

מיט טאָרבעס אינ די הענט, מיט זויגקינדער אינ שויס,
מיט בראָכ אינ הארצ אונ מיט שיגאָענ אינ די בליקנ —
אפ אומוועגנ פונ טויט טאָג-אײַנ, טאָג-אויס
האָבנ זיכ יידנ הימלאָזע געזוכט אנ אָרט-מיקלעט,
אנ אָרט, א נאכטלעגער, א דאכ
באמ שמידנדיקנ פראָסט אונ שמעלצנדיקנ פײַער;
דער יי׳עש האָט פונ זיי, פארפלייצנדיק, געשפּארט
אונ זיי געפירט, ווי א פארבלאָנדזשעט טריונטיעריקע לעווײַע...
זיכ אָפּגעשטעלט צומאָל, באזונדער אונ באנאנד,
אונטער דעמ פײַפ פונ שרויט אונ פאטשנדיקנ רעגנ —
אנ אומגעפאלענעמ דאָרט אויסשטרעקנ די האנט,
אונ א געפאלענעמ באגראָבנ אונטערוועגנס,
אונ ווײַטער זיכ געשלעפּט אפ קיינעמס ניט באראָט,
געוואָגלט ווײַטער אינ דעמ אויסזיכטלאָזנ אומגאנג,
אונ אויסגעפאָכט דאָס כײַעס יעדער איינער האָט,
אפּ אקסל שלעפנדיק, פונקט ווי א בארג, דעמ אומגליק.

V

געטריבן האָט דער דײַטש זיי האסטיק פון דער ערד,
נאָר אין אומענדלעכקײַט האָט זיי געפירט דער וועג דורכדאַנען.
פון טרערן אויסגעדעמפט — איז הויך און שווער
געהאַנגען איבער זיי א שוואַרצער אמוד-אָנאָן...
די טויכעכע האָט פלאַקערדיק אַפ זיי באַגינט:
ניט נעכטיקן אָט דאָרט, ווו ס'האָט געטראָפן זיך צו טאָגן,
האָט עס געטראָגן זיי, ווי זאַמד צעווייעטן פון ווינט,
ווי קערנער אַפן פעלד, צעקלאַפּטן פון א האָגל.
און ערגעץ מיט א קינד מיט א צעטומלטס פאַר דער האַנט,
זיך אײַנהערנדיק אין זײַן יענוועלטיקן קאָל נאָר,
געגאַנגען איז צווישן די ערשטע א באַיאָרטער מאַן,
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין אופגעשטעלטן קאָלנער:
אונטער דער פּאַכווע — א פּוטליאַר, פּונקט ווי א טרונעלע א דינס,
אונטער די ברעמען — אויגן אויסגעלאָשן־מידע;
געבליבן פון דער גאַנצער וועלט איז אים דאָס קינד,
און פון דעם קינד — זיך אײַנגעקלאַמערט האָט אין אים דער פידל,

VI

נאָר ער האָט אַפ קיין פידל ניט געשפּילט.
דעם מענטשן אויסשפּילן באַם טויט באַרופן ער געווען אַמאָל איז.
באַגלייט האָט אים דער זיבניערעדיקער פידלער שטיל
איבער זײַן אומענדלעכן טרויעריקן גאָלעס.
ער איז געגאַן, פאַרטיפט אין זיך און אין דער וועלט,
געזוכט צוזאַמענהאַנג, וואָס האָט שוין אָפּגעטאָן זיך.
אין זײַנע אומרויִקע אויגן האָבן טרערן זיך געשטעלט,
זיי האָבן איבער יעדן קעגנשטאַנד מיט ווײי געבלאָנדזעט:
דער בוים איז בוים. דאָס גראָז איז גראָז. די ערד איז ערד, —
האָט זיך דאָס האַרץ מיט ביטערקײַט געלאָזן א באַשאָט טאָן,
נו, און דער מענטש? דער דאָקטער צווי מאַרגוליס — ער?
קער אים די וועלט אָן ווייניקער נאָך ווי א שאָטן?
דער מענטש!.. געשיקט זיך, אַז דער מענטש קאָן גאָרניט טאָן,
ווען ס'קומט די צײַט, ווען ס'קומט די פּרווו פון גורל?..
נו, און א פאָלק?!.. א ווען גייט זײַן אומגליק אָן
אָט דאַן, ווען סע פאַרשעלט דעם טאָג פון זײַן געבוירן?..

## VII

ער זעט אצינד די מענטשהײַט ווי א קראנקן בוים,
אין וועמענס פוּוכטן ס׳האָבן ווערעם זיך פארנעסטיקט,
און וויקלען רונד ארום זיי מיט א ווארגנדיקער צוים,
און טריפן אָן אין יעדער איינער סאמ און פעסט דאָרט,
און דרינגען אין געוועב ארײַן שוין דורך אפ דורך,
די וואָרצלען און די קרוינען ערטערווײַז געפּלעט שוין.
וואָס פאר א גליק עס איז פון צווײַג זיך אָפּרײַסן דער פרוכט
און, פאלנדיק אפ דר׳ערד, די פעסט מיט אייגן לײַב דערקוועטשן!
געוויס איז יעדע צווײַג פארטאָן אין זיך אליין
און ראנגלט זיך דורכויס פארקלעמט אין פײַער,
און ס׳קאָן צו איר דער בראָך פון ברידער ניט דערגיין, —
אָבער דער בוים? דער גאנצער אייץ-האכאַיִם?!
עס האָבן די פארורטיילטע נאָך אים געפּאָלגט
מיט אויגן דורכגעבערענט, צו קיינעם ניט געווענדט שוין:
— ווער טראָגט דעם קאַיִן-צייכן פאר א פאָלק?
ניט נאָר דער קאט, — אויך דער, וואָס האָט די האק געגעבן אין די הענט אים!..

## VIII

געצויגן ווײַט פאָרויס האָט זיך דער וועג.
א יעדע ווײַל האָט מען זיך אומגעקוקט צו פרישע גריבער;
מע האָט זיך ניט געציילט דאָרט — וויפל מ׳איז געווען,
מע האָט זיך ניט געציילט דאָרט — וויפל מ׳איז געבליבן...
דער דאָקטער האָט געדענקט: אז ווי באם יאם דער זאמד...
דער דאָקטער האָט געדענקט: אז ווי די שטערן אינעם הימל...
געגאנגען שטיל. זיך ניט פארהאלטן, ניט געזאמט.
נאָר בא די קוואָרים בא די לײַבלעכע פארלייגט מע האָט א סימן..
פונקט אָט אזוי געלאָזט האָט ער א קייווער אפן וועג
און מיט א וואלגער-שטיין דערהארגעטע פארשפּראָכן האָט ער,
און נעכט זײַנען געבליבן נעכט, און טעג זײַנען געבליבן טעג,
און היימלאָזע דעם ווייטעק מיט די פיס האָבן געטראָטן...
דער דאָקטער האָט זיך אלע ווײַלע אומגעקוקט צוריק,
פארהאלטן האָט דער וועג דאָרט יעדן שפּאן אים.
„און דאָך! — געטראכט האָט ער, — געהערט דער זיג
דעם קינד, דעם מיטן שמעטערל, איבערן קאט גערמאניע!"

# 8. צוויי סאָלדאטנ צו דער פּאָר

I

געלעגנ פאר סאדאָווסקינ זייַנ פארמעג איז א צעפּראלטס,
באשטאנענ ס׳איז פונ א פלאנשעט אונ צוויי-דרייַ קארטעס.
„עס וועט אימ אויסקומענ, — האָט ער געטראכט, — איצט זייַנ דאָ אלצ:
אי קאפּיטאנ, אי גענעראל, אי דער פארטיילער פונ די וואכטעס".
א קורצער ראט מיט קאָמאנדירנ אינעמ וואלד,
באשלוסנ אויסגעטאָקט אינ קורצע זאצנ:
אָוואדיס לאָזט נאָכ פּראָוויאנט זיכ באלד,
מעדיקאמענטנ אָנשמעקנ לאָזט ערגעצ סעמיבראט זיכ.
געקוקט פונ קארטע האָט אנ אָנגעמערקטער וועג,
צו אימ נאָכ צוויי, — האָט מיט פארמאכטע אויגנ ער דערמאנט זיכ.
אינ אויסשפּיר לאָזט דורכ איינעמ זיכ באנאכט אוועק
אינייִנעמ מיט א גרופּע דער פארטאָרג פונ ראָטע — מאנציס.
געענדיקט האָט זיכ שנעל דער קורצער ראט,
די אופגאבעס האָט אינ געדאנק זיכ יעדער אויסגעריכט שוינ.
סאדאָווסקי האָט זייַנ שטאב אונטער א דעמב באשטאט,
אונ אינ א לאסטוואָגנ — די איבעריקע ווירטשאפט.

II

ניט איבערגעפרעגט קיינער האָט קיינ וואָרט,
בארעדעוודיק פונ בליק געווענ דער גלאנצ איז,
מיט זיכ אינ אויסשפּיר האָט זיכ נאָכ
מאמעדאָוונ אונ דראָזדנ מיטגענומענ מאנציס.
גערוט האָט שטילקייַט אפ זייַנ ביינקנ געזיכט,
ארויפגעגליטשט פונ דעמ האָט זיכ א יעטווידער געטומל;
ער האָט געהאט א טעווע רעדנ אָפּט אליינ מיט זיכ
אונ מיטנ קאָפּ נאָכ צושאָקלענ, ווענ עפּעס אפנ זינ איז אימ געקומענ.
דער שווערסטער גאנג איז ניט געווענ פאר אימ קיינ יאָכ:
איינ פּיפּס — אונ צוויי סאָלדאטנ צו דער פּאָר אימ!
ביז איצט געדענקט ער, אז צו קנאפּע דרייַצנ יאָר
איז ער צופוס געגאנ פונ סטאלינדאָרפ קיינ יעוופּאטאָריע
אינייִנעמ מיט זייַנ טאטנ, מיט דעמ גאנצענעמ געזינד —
דאָס פּייסעכדיקע בעכערל אפ א בילעט פארהאנדלענ...
צי דאָס איז אפנ זינ געקומענ אימ אצינד,
צי אפנ זינ איז אימ געקומענ איצטער עפּעס אנדערש,

III

נאָר אויסגעדאכט זיך האָט — מיט זיך אליין ער רעדט
און שאָקלט מיטן קאָפּ אליין זיך צו נאָך.
די נאכט האָט זיי מיט רייכעס זאפטיקע געפּלעט,
פארטויבט האָט זיי פון ווײַט ארטילעריסטישער געדונער.
דאָך שטארקער פון דער שטארקסטער שיסערײַ
געווען זײַנען די נאכטיקע די זיסע אראָמאטן;
זיי האָבן זיך אין הארץ געטאָן א ריס ארײַן
פון גערטנער און פון פעלדער, אָנגעזאפּט מיט מיאטע.
— דו ווייסט ניט, דאָדיק, ווען ס'איז ספּאס? —
האָט דראָזד געווענדט זיך פלוצעם צו זײַן כאווער;
די אויגן האָבן אים געהיצט, די ליפּן — בלאס, —
מיט עפּל קער איצט אָפּגעשיט שוין זײַן פּאָלטאווע!.. —
ס'האָט דאָדיק מאנציס ווענן ספּאס אינגאנצן ניט געוווּסט,
און ס'האָט אים באנק געטאָן, נאָר כיישעק ניט געהאט צו קלערן;
אים אײַנהאלטן געוואָלט האָט זיך דעם אָטעם און דעם הוסט,
אז עמעצער ארום זאָל זיי צומאָל דאָ ניט דערהערן...

IV

נאָר ער אליין האָט אין דער נאָ'נט דערהערט
א שטילן שאָרך צווישן די גראָזן א געהיימען,
ווי אין א קרעכץ וואָלט זיך פארגיין אליין די ערד
און ווי צו עמעצן געררופן וואָלטן ביימער...
זיי האָבן זיך אן אויגנבליק פארטײַ'ט,
און מיט די בליקן וועגנדיק, זיי האָבן גלײַך באשלאָסן:
מע קאָן זיך נעמען מיט דער זײַט,
מע דארף אָבער נאָך דעם געשאָרך זיך לאָזן...
ס'האָט אלץ זיך אויסגעמישט אין שטילקייט פונעם פעלד:
דאָס קאָל פון גראָז, פון אלץ, וואָס ווידמעט און וואָס מערט זיך,
און דאָס דערשטיקט געיאָמער פון דער וועלט,
און פון פארוווּנדעטע דאָס וויטעקדיקע קרעכצן.
זיי זײַנען צוגעגאנ פון זײַטן צוויי,
זיך אומגעקוקט, ווי עמעץ וואָלט נאָך זיי געלאָקערט.
דערהערט האָט פון א קינד זיך א געוויין,
דערהערט האָט זיך א קלאָלע פון א זאָקן...

## V

— פונ וועלכנ דאָרפ? — האָט אימ א פרעג געגעבנ דראָזד.
— איר זײַט פונ אונדזערע? — האָט זיכ א הייב געטאָנ דער זאָקנ.
איבעַרגעקויקלט אינ דער ווײַט האָט זיכ א שאָס.
— פונ אונדזערע! — געפֵּײַלט האָט מאנציס זיכ אימ זאָגנ.
געווענ די באָרד באמ זאָקנ איז אינ בלוט,
געווענ באמ קינד דאָס פּאָנעמ איז אינ בלאָטע;
אראָפּגעכאכט פונ קאָפּ דער זאָקנ האָט די הוט,
מיט איר אפ צ׳ריק א טײַט געגעבנ האָט ער:
— פונ וואסילקי, אפ יענער זײַט בורלוק, —
האָט אפ א טײַכל ער ניט אופגעהערט צו טײַטנ.
דערלאנגט אהינ האָבנ די אויסשפּירער א קוק:
עס האָבנ סרייפעס זיכ אפ יענער זײַט געשײַטערט.
— דעמ טײַוולס הינט!.. אפ שטיקער רײַסנ זיי דאָס דאָרפ... —
האָט פונעמ זאָקנ קוימ געהערט זיכ א געשטאמל,
דאָס קינד א גלעט געגעבנ האָט ער פאר די האָר, —
אונ זיי, די אייפעלעכ, מיט אזא שמירעכצ זיי פארסאמענ...

## VI

געצויגנ אינ דער הייכ האָבנ זיכביימער אומבאוועגט,
צומ הימל אויסגעשטרעקט די אָפּגעשיילטע העלדזער.
— א סאכ, — האָט מאנציס אימ געטאָנ א פרעג, —
האָבנ אינ דאָרפ פונ זיי דאָרט אָפּגעשטעלט זיכ? —
אינעמ געזויכט האָט מאנציסנ דער זאָקנ ניט געזענ,
זײַנ ענטפער האָט געטאפּט דעמ כוישעכ, ווי א בלינדער:
— ס׳מאכט אײנער דעמ בייזווונדער אָנ פאר צענ,
פונ צענ ווייסט שוינ דער טאָג אליינ ניט ווו זיכ הינטאָנ...
נאָר אָנגעשיקט אליינ דער געגעמ האָט אהינ
א היצעל מיט א כאָפּטע וועלפ אינײנעמ.
מע זאָגט: די פינצטערניש פארטראָגנ האָט זיי פונ בערלינ,
מיט שאובנמ זײַנענ זיי געצייכנט אונ מיט ביינער,
אפ קינדער גלײַכ האָבנ זיי אויסגעפּרוווט די העק,
זיי האָבנ גלײַכ די זקײנימ אויסראָטנ באפוילנ.
ס׳ווייסט יעדער בוימ, ווער איז דער היצעל — פרעג!
א יעדער קיווער האלט שוינ מיט א קלאָלע איצט אינ מויל אימ...



878—3

VII

מיט פײַערן אדורכגעגייט האָט זיך דער ראנד,
ווי מיט א מעסער האָט די נאכט א יעדער ווײַל געטאָן א שינד אים.
—נו, הייב זיך, זיידע, אוף, — האָט מאנצים אים גענומען פאר דער האנט,—
וועסט גיין מיט אונדז, צו אונדזערע אצינדער! —
געהערט האָט זיך דאָס טײַכעלע אפ ווײַט, ווי ס'פליסט,
גלײַך מיט א שליכעס ס'וואָלט געײַלט איבערן ראנד זיך.
געהאָלפן שטעלן האָט מאמעדאָוו זיך דעם זאָקן אפ די פיס,
דעם שטעקן אופגעהויבן האָט פון דר'ערד אים מאנצים,
א מעסט געטאָן דעם וועג צום וואלד אפ צ'ריק
און אפן וווּנק געווענדעט אײַלעוודיק און פראָסט זיך:
— מאמעדאָוו, נעם דאָס קינד! מאך אין די אָרעמס דעם א וויג!
א סעכערל, גיב נאָר א נישטער, עפשער האָסטו?.. —
געגעבן האָט א שטערן זיך א לאָז אראָפּ;
צום וואלד צוריק מיט זיי מאמעדאָוו האָט געלאָזט זיך,
און אויסקער'ווענדיק אלע ווײַל צו זיי דעם קאָפּ,
האָט מאנצים ווײַטער פאָרגעזעצט דעם וועג מיט דראָזדן.

## 9. דער בושל ברענגט א יעדיִע

I

קיין דורכגאנג און קיין וועג איז ניט פאראנען מער,
א לייג געגעבן אפן האלדז האָט זיך דער טאָג מיט פיבער:
אָט איז א וואלד אין רוּיק-הארבסטיקן פארקלער,
אָט זײַנען שטיבלעך היימלאָזע צונויפגעטריבן,
און ווײַטער — איז דער פײַנט. און ווײַטער — איז דער טויט.
און ווײַטער אפ ארום— פארוואָרפן שוין א שלייף איז...
און, פיקנדיק דאָס מיסט, צו אלעמען פארטרויט
געזוכט טאָג-טעגלעך ברויט האָבן די שטילע אויפעס.
ס'איז, דאכט זיך, אלץ אזוי ווי אלעמאָל:
די ערד, דער וואלד, דער הימל און דיביימער,
נאָר ס'האָט בא יעדן זיך א זעץ געטאָן דאָס קאָל,
און אויסלויפן גענומען האָט די צײַט מיט איימע.
געוואָרן עפעס אָנגעלאָדענער זײַנען די פיס,
געקוקט אזוי אומהיימלעך האָבן וועגן.
צי וועט מען זיך אדורכרײַסן נאָך ווען-עס-איז,
צי שוין מיט אלץ זיך אין דער וועלט אָט דאָ געזעגנט?!

II

סאדאָווסקינ האָט דער אומגעדולד געײַלט,
די זאָרג אפ אימ געוואקסנ איז אינדרײַענ.
זיכ אָפּגעטאָנ פונ אײניקע האָט אפ א ווײַל
דער מאלכעסדיקער שטאלט אונ גלאנצ פונ כאיִל.
די היצ פארצויגנ האָט דעמ גאָרגל אונ געברענט,
פונ בוימ האָבנ זיכ שאָטנס ניט געלאָזט פאנאנדערשליסנ.
באמ האָריזאָנט, די פליגל צו דער הייכ געווענדט,
געגאנגענ זײַנענ ווינטמילנ, ווי מ'וואָלט געיאָגט זיי שיסנ...
א בושל מיט געהיטנ וויגעדיקנ טראָט
אראָפּגעלאָזט, ווי א יעדיִע, האָט פונ סטעפּ זיכ,
אז אפנ וועג, יעסוימעדיק, אפ גאָטס באראָט,
צעשראָקענע, פאריאָגטע, בלאָנדזשענ ערגעצ שעפּסנ...
געלעגנ דאָס צעטראָטענע געוויקס איז אפנ שליאכ,
קײנ ווינט געוואָלט האָט ערגעצ זיכ א ריר טאָנ.
אונ אײנער מיט א קינד אונ מיט א שטויביקנ פּוטליאר
געגאנגענ איז, ניט וויסנדיק אינ וועלכער ריכטונג.

III

די בראָכע האָט מיט וויי זיכ פונ דער ערד געשפּארט,
ס'איז א גערעטעניש געווענ. געגאנ איז שעפּע.
ווי א געפאנגענע געלעגנ איז די פּראכט —
פארווּרטײלט, העפקער אונ פארשלעפּערט.
דער רינג פונ סוינעס קלעמ אונ צוואנג
האָט ענגער א פארשליס אונ א פארצי געטאָנ זיכ.
פונ בוימ צו בוימ, פונ זאנג צו זאנג
געגאנוועט האָט אנ אומעט זיכ, ווי אזא טריבער אָנזאָג.
— פאנאנדערשטעלנ גלײַכ זיכ אפ אנ איבערופ! —
געגעבנ א קאָמאנדע קורצ דער קאָמאנדיר האָט.
אונ פונ דער ווײַט צו אימ האָט וועגנ זיכ געפּרווּווט
דער מאנ, וואָס האָט, ניט וויסנדיק וווהינ, דעמ וועג געווירעט.
געפאלנ איז די נאכט. אנ אומרויִקע. וויסט.
דער ראנד האָט נאָכ אינ פלאמ געהאלטנ זיכ אינ שמעלצנ.
דער קאָמאנדיר האָט פונדערווײַטנס זיכ באגריסט
אונ אפ דעמ רופ פונ אומבאקאנטנ אָפּגעשטעלט זיכ.

## IV

— אווּ איז אײַער ביקס? — א קער׳ווע זיך געטאָן האָט ער
צו דעם באַ׳אָרטן מאַן מיט דערעכערעץ.
— כ׳פארשטיי... כ׳פארשטיי... נאָר ניט קיין ביקס איז מײַן געווער, —
געענטפערט האָט דער מאַן: — א סקאלפּעל מײַן געווער איז!
— אווּ איז אײַער סקאלפּעל? — צוגעלייגט דער קאָמאנדיר די האנט
האָט צו דעם שלייף אלס צייכן פון באגריסונג.
באהערשט א ווײַל האָט א פארלעגנהײַט דעם מאַן:
— עפשער איז מעגלעך גלײַך זיך צו דערוויסן,
ווּ וועט אים אָנווענדן דעם סקאלפּעל זײַן באפעלט? —
עס האָט דער קאָמאנדיר די האנט געגעבן א דערלאנג אים
און אים א ווײַז געטאָן: — איבערן גאנצן פעלד!
ס׳איז ניט פאראנען אין פארווונדעטע קיין מאנגל... —
און דריקנדיק די האנט מיט אכטונג דעם כירורג,
האָט ער צו זיך אליין פון אופרעגונג גענומען ריידן:
— און סעמיבראַט... דער דריטער טאָג... צי וועט ער דורך...
ס׳האָט טרעפן אפן וועג מיט אים געקאָנט פארשיידנס...

## V

באמערקט דער קאפּיטאן האָט ערשט אצינד
דעם קליינעם בעזשענעץ נעבן דעם טרויעריקן מאַן דעם אלטן:
— אַן אויגנבליק!.. דערלויבט... ווער איז דאָס קינד? —
האָט ער דעם דאָקטער אפּ א ווײַלע נאָך פארהאלטן,
געקוקט אפּ דעם, ווי א פארשולדיקטער, האָט ער
אפּ די געזיכט-צוגן די מאָגערע און אויסגעטאָקטע.
— דאָס סאמע אלטע אויסקויפּ-בלוט פון דר׳ערד, —
האָט מיט די אקסל שטיל א קנייטש געטאָן דער דאָקטער.
געוואַרעמט האָט סאַדאָווסקיס הארץ א בריוו
מיט א געמעל, מיט ביימער, מיט א שטיבל...
און מיטן קינד אוועקגעגאנגען אין וואלד-געדיכטקײַט טיף
צו די פארוווּנדעטע דער דאָקטער איז א טריבער.
באגלייט סאַדאָווסקי שווײַגנדיק האָט אים
און לאנג א טרויעריקן בליק אפּ אים פארהאלטן.
עס האָט געדוכט, אז ס׳ציטערט נאָך דעם דאָקטערס שטים:
„דאָס אויסקויפּ-בלוט פון דר׳ערד דאָס סאמע אלטע״...

## 10. פּראָוואַנט

I

באַם טײַכעלע בורלוק — ביז צו דעם האַלדז אינעם טשערעט —
געוויקט אָוואַדיס האָט אַ גאַנצן טאָג זיך.
אַ וועג אַן אײַנזאַמער האָט זיך אין ווײַט געשטרעקט,
געבלאָנדזשעט איבער אים האָט, רעווענדיק, אַ סטאַדע אָקסן.
געטומלט האָבן דײַטשן ערגעץ גאָר ניט ווײַט,
פון שיך געקאָוועטע געהערט האָט זיך דאָס קלאַפּן.
ווער אָנגעטאָן, ווי האַלדזבאַנדן, די וווּרשטן האָט פאַרשײַט,
ווער אַרום בויך מיט אויפעס, ווי אַ יוסטער קורעלאַפּניק,
נאָר אויסגעריסן זיך פון פּענט באַ אײנעם האָט אַן אָפּ,
צו די טשערעטן וויגנדיק אַ לאָז געטאָן זיך.
און אין אַ רעגע — נאָך דעם פויגל אין געלאָפּ
האָט זיך דער שאַרבן-ריטער אין טשערעט פאַרבלאָנדזשעט.
אין זומפּ געזונקען האָט זײַן יעגערישער טראָט.
געקראָכן פון דער פעל. געדראָט און זיך געפּלאָנטערט,
און אַף אַ רויטאַרמייער אָנגעשטויסן זיך ער האָט,
פאַרפּאָלגנדיק דעם אומשולדיקן האָן דאָרט.

II

אַ ווײַל איז ער געבליבן שטיין און ניט געוווּסט:
צי לויפן ווײַטער נאָכן האָן, צי דאָ אינעם טשערעט אים לאָזן;
נאָר אויסגעקרייעט האָט ער: — גיב זיך אונטער, רוס! —
מיט אַזאַ טעמפּן און דערשראָקענעם יִרגאָזן.
געהוידעט האָט זיך פון טשערעט די וואַנט,
אין טײַך — פאַרוויקט דער גלאַנץ פון כמאַרעס:
אָוואַדיס אופגעהויבן האָט די לינקע האַנט,
געווען נאָענט גאָר פון אים שוין די געפאַר איז
און מיט דער גאַנצער קראָם אַף אים זיך שוין געצילט,
נאָר ער — מיט רעכטער האַנט געצויגן לאַנגזאַם האָט דאָרט
דעם פּיסטאָלעט און אומבאַמערקט — דאָט צינגעלע אַ צי!
און גלײַך איז אָפּגעגאַן דער דײַטש מיט בלוט אין בלאָטע.
ערשט דאַמאָלט האָט אָוואַדיס שנעל געטאָן אַ שפּרונג,
צוזאַמען מיטן האָן, אין ערגעץ ניט געלאָזט קיין שפּאַן אים:
— דו דאַרפסט אַ האָן, און איך — אַ צונג!
געמאַכט! איז קריך אַרויס, גערמאַניע!

## III

א שטילקייט האָט געשפּרייט זיך אַף אַרום,
ווי גלאָז, פאַרהויכט געווען זײַנען די ווײַטן.
געגאַנגען אין געפאַנגשאַפט איז דער דײַטש איבערן זומפּ
און זיך גענייוויש אומגעקוקט אין אַלע זײַטן.
אין בלאָטע אויסגעווייקט — איבערן קאָפּ,
באַם רימען צוגעקניפּט א זעקל צו א זעקל,
די פּאָזעכע, מיט אויפּעס מיט געפּענטעטע פאַרשטאָפּט,
האָט אַלע ווײַל פון אים אַרויסגעקרייט א „קוקאַרעקו!".
א כּעזשבן, הייסט עס, שטייט, אָוואַדיס, דיר איצט פאָר מיט אים
פאַר גאָר דער וועלט, וואָס ער פאַרוואַנדלט האָט אין א בעסוילעם...
געשיקט זיך, אַז עס רעדט אַזוינער מיט א מענטשן-שטים?
און עפּעס פרעגן קאָן מען אַנדערש דען ווי מיט א קויל אים?
אָט גייט ער, שלעפּנדיק די שאַנד, דער דײַטשער קאַט,
ס'איז אים ניט שווער. ער שטעלט זיך ניט אַנטקעגן,
ווען איינס-אַף-איינס מיט א סאָלדאַט
האָט ער זיך אַפּן פעלד באַגעגנט.

## IV

אים איז נאָר שווער די פיס צו שלעפּן אין דער גיך
אונטער דער לאַסט פון רויב-זאַק און פון פּאַכעד.
ער וואָלט געקראָכן, ווען מע זאָגט אים: — קריך!
נאָר אָפּגעווענדט פון אים מיט עקל זיך די וואַך האָט.
ער קוקט מיט שרעק, דער הערשער פון דער וועלט,
און מיט די אויפּעס טרויעריק ער זיך געזעגנט.
זײַן נאָבל בלוט, וואָס איז באַרופן צו געוועלט,
באַגײַסטערט ניט, ווי א סאָלדאַט, פאַר ווירדע צו געשלעג אים...
ער הערט אין שרעק צו יעדן שאָרך זיך צו,
דאָס אָנגערויבטע קריכט אין בלאָטע זיך פאַנאַנדער;
אָט באַלד וועט ער אַרויסשטעקן די טאָמע צונג,
און פאַר זײַן פעל דאָס טאָמע פאָטערלאַנד פאַרהאַנדלען.
ער וועט עס מאַכן נעט, און פּינקטלעך, און געניי,
אַזוי ווי א געריכט פון רויב אָרגאַניזירט ער;
ניט קאַרגן וועט ער גאָרניט פאַר זײַן הויט.
און נעבן אים געגאַנגען איז אָוואַדיס ווי זײַן ריכטער.

V

פון גאָר דער ערד — דער עקל און פאראכט,
מער גאָר, מער גאָר צו אים ניטאָ איז.
בעקוקט אפּ אים אָוואדיס האָט, געטראכט:
„ס׳מאכט קיינמאָל די נאטור דאָך ניט קיין טאָעס,
זי גיט דאָך ניט דער שלאנג קיין פיס,
דעם מענטשן גיט זי דאָך קיין גיפט ניט...
צי ווירקלעך עפּעס אויבערדיקס אין אים דאָ איז —
אזוינס, וואָס לייגט ניט אײַן זיך אין קיין שום באגריפן?"
געזען האָט ער אים קײַקלען פון געלעכטער זיך אין בלוט,
איצט זעט ער אים פון פאכעד קײַקלען זיך אין בלאָטע;
פּאָרויס געגאנגען איז דער האָן בארוט,
דעם פיסק א יעדער ווײַל צום דײַטש א וואָרפּ געגעבן האָט ער.
פון ווײַט אָוואדיסן דערזען מ׳האָט, ווי ער שפּאנט,
א קראָם פון אלדאָסגוטס האָט ער געהאט דאָ;
— וואָס איז דאָס? — האָט סאדאָווסקי זיך געווענדט. — ס׳איז פּראָוויאנט! —
געשמוכט אָוואדיס האָט: — ס׳ דאָסטאווקאָי נא-דאָם!

VI

און ערגעץ האָט סאדאָווסקי אופגענומען טריט...
זיך אײַנגעהערט אין יעדן ווינטלדיקן פלאטער.
ניט אומגעקערט האָט סעמיבראט זיך מער צוריק,
עפּעס געשען איז פאר געוויס מיט סעמיבראטן...
אָבער דעם אומגעוווּנטשטן מיין געיאָגט האָט ער,
מאכשאָוועס אומגעוווּנטשענע פון זיך געטריבן:
וועט ווירקלעך סעמיבראט ניט אומקערן זיך מער? —
געעקבערט און גענאָגט האָט א געדאנק א טריבער.
דאָך האָט סאדאָווסקי, א פאראקשנטער, געווארט...
עפּשער קומט אויס זיך סעמיבראטן ערגעץ זאמען?..
געוועזן איז ווײַט שוין סעמיבראט אין יענער נאכט
נאָך דעם פארהער בא קלאָפּסן אין א קאמער...
געגאן א מורמל פון א בלאט איז צו א בלאט,
און פון בורלוק האָט זיך געטראָגן א געבלעבל.
צום טויטן-לאגער האָט געשלעפּט זיך סעמיבראט
אין דעם באגלייט פון זײַן ניט-אָנגעהויבן לעבן...

## 11. פּאָזעמקעס

I

אין גרינס פון וואלד געשווינדלט מארליע האָט ווי צוויט.
נאָך פון דער ווײַט האָבן פארוווּנדעטע זיך אָנגעזוען דאָרט;
פארשנעלערט האָט דער דאָקטער זײַנע טריט
און גלײַך צו אלעמען דעם בליק געווענדעט.
צו יעדן איינעם איז ער צוגעגאנגען נאָ'נט
פארכלינענדיק מיט רייכעס זיך מיט הארבע.
האָט העכערס דען א מענטש נאָך ווינטשן זיך געקאָנט,
ווי זײַן באצייכנט דורך די שלאכטן מיט פארדארבער?
עס האָט זיי צוגעדעקט די קרוין פון וואלד,
א יעדער ווינטעלע זיך צוגעלייגט האָט, ווי א היילונג.
אונטער דער מארליע האָט בא יעדערן דער וויי געשטראלט,
אונטער דער מארליע איז א יעדע ווונד געוועזן הייליק.
צו יעדן איינציקן האָט ער זײַן בליק געווענדט,
וואָס גיכער נוצלעך זײַן געוואָלט האָט זיך אזוי אים;
ס'איז אים א שאנד געווען פאר זײַנע גאנצע הענט,
און פאר זײַן גאנצן גוף אין אים געוועזן א ביזאָיען.

II

פאר זײַנע זעקס און פופציק יאָר — דאָס ערשטע מאָל
פון נאָרמעס אויסגעטאָן, ניט פילנדיק קיין וויי מער,
האָט ער אצינד געפונען זיך אין א שפיטאָל
אָן ווענט און אָן א דאך, דורכויס נאָר צווישן ביימער.
זײַג גאנצע וועלט ערגעץ אינמיטן וועג געלאָזט,
ווי אָנגעלעבטע לאסט — אָן נויטווענד און אָן זינען;
די קראנקע האָבן אויסגעזען, באשטאטע אינעם גראָז,
ווי שווימענדיקע אפ א יאם-דעק אפ א גרינעם.
זיי האָבן ניט געמאָנט קיין סכאר פאר זייער לייד —
עס האָט דער סכאר געלויכטן אין בארוף פון קריגער;
און שווײַגנדיק זיי האָבן זיך אליין באגלייט
צום לעצטן ראנד פון גוירלדיקן איגל.
און אופגעציטערט מיטאמאָל האָט דער פארוווּנדעטער אָרלאָוו,
דערזען האָט ער א פּאָזעמקע, אין גרעזעלעך פארפלאָנטערט,
א ווײַז געגעבן מ׳ט דער האנט האָט ער פון שלאָפ
און מיט די אויגן פיבערדיק געטאָן צו איר א בלאָנקע...

III

זי איז געווען פלאַטערדיק אַזוי, פאַרכאָלעמט-רויט,
מיט ראָזן פוכ געלענט אפ גרינעמ ציטערדיקנ בלעטל;
ווי ס'וואָלט די ערד אליינ געבראַכט אימ פאַרנ טויט
א טראָפּנ בלוט מיט איר געגנאָד אימ שטיל א גלעט טאָנ.
אָט איז זי. אויסגעצויגנ. בייגיק-גלײַכ.
ער וויל זי פונעמ אויג קיינ רעגע ניט פאַרלירנ;
עס איז אימ פונ איר רייעכ אזוי פריש אונ לײַכט,
אונ זיס אזוי איז בלויז פונ איר קאָליר אימ.
זי האָט אפ אלצ פאַרגעסנ אימ געמאַכט,
פאַרגעסנ פונ דער ווונד געמאַכט אונ פונ דעמ קריג אימ;
אָט וועט זי צוגיינ באלד אליינ צו אימ, זיכ דאַכט,
פונקט ווי זײַנ שוועסטערל געגאַנ איז מיט א פולנ קריגל.
האָט ער א שטרעק צו איר די האַנט געטאָנ
אונ מיט דער קוליע זי געפרווט דערלאַנגענ;
באַוויזנ האָט דער דאָקטער זיכ. א בייג זיכ אָנ,
אונ אויסגעשטרעקט די פּאָזעמקע דעמ קראַנקנ:

IV

— פאַראַנ א סאַכ דאָ פּאָזעמקעס אינ וואַלד,
א קאַנט אזא, — האָט ער אימ אײַנגערוימט, — מיט אלצ באַשאָנקענ,
איכ וועל אײַכ אָנקלײַבנ. איכ וועל אײַכ ברענגענ. באַלד... —
אונ קלײַבנ פּאָזעמקעס געלאָזט זיכ בלאָנקענ.
אַז ער איז אינ אַרומרינגלונג, איז אימ געווען קלאָר,
געזאָגט אימ האָבנ עס די גראָזנ אונ די ביימער,
אונ דאָכ האָט אימ געדוכט, אַז איצט, נאָכ זעקס אונ פופציק יאָר,
איז אָנגעקומענ ערשט, ווי ס'דאַרפ צו זײַנ, אהיימ ער,
ווו ס'לויערט די געפאַר אפ איד אינ אלצ,
ווו פונ בערײשיס אָנהייבנ מע דאַרפ לאַכלוטנ;
דאָ, ווו מע שטרעקט פאַר יעדנ זעמדעלע דעמ האַלדז,
דאָ, ווו מע גייט פאַר יעדער יאַגעדע מיט בלוט אָפּ,
דאָ, ווו מע שלאָגט זיכ פאַר דער היימ מיט שטאָלצ אונ רומ
אונ ווו מע צאָלט פאַר איר מיט לעבנ אונ מיט ליידנ,
אָט דאָ, — האָט ער דעמ בליק א פיר געטאָנ אפ רונד אַרומ,
אָט דאָ, באַמ אָרט פונ אירע כעוולע-ליידע...

V

געשטאנען איז נאָך בוילעט פאר זײַן בליק
די וואסילקאָווער גאס... די עטלעכע קאשטאנען...
זײַן שטוב... דאָס בעטגעוואנט צעפליקט...
ס׳איז אלץ פאר זײַנע אויגן מיט פארענטפערונג געשטאנען;
מיט בראָך פון דעם צעשלײַדערטן געשיר,
מיט בושע און מיט ווי זײַן בליק געווען נאָך פול איז;
דאָס שילדעלע דאָס מעשנס אפ זײַן טיר
מיט ווערטער אויסגראווירט אפ ייִדיש: „צווי מארגולים״...
ער האָט געהערט דעם טופּ פון מערדערישע פיס
און דאָס געוויש פון בלײַיקע באזויפטע קוילעס;
דאָס שילדל אָפּגעריסן האָבן זיי געוויס,
געוויס איבערגעשמאָלצן אין א קויל עס.
און זוכן אים ארום מיט רוגזע און מיט פלײַס,
דאָס הארץ אים דורכלעכערן מיט זײַן נאָמען;
ער האָט א ריס געטאָן א יאגעדע, א קוק איבעראנײַס:
א שאָד, וואָס דאָ קיין יאגעדעס זײַנען ניטאָ מער!

VI

ס׳האָט ווי א נעפּל דורכגעשוועבט בא אים אין קאָפּ
דאָס ב נטל אָפּגעקלאפּטע, אָפּגעראשטע יאָרן,
פון זײַן געבורט-שטאָט אָן, פון סאמע גראָנאָטאָפּ,
ביז די צעזייטע אונטערוועגדיקע קוואָרים,
ביז צו דעם סאמע פרישן דאָ, אונטער דעם ווינט,
וואָס וועט צעטראָטן ווערן פאר א טאָג מיסטאמע...
ארײַנגעזונגען האָט זי בא די נעכט איר הארץ אין יעדן קינד,
אים דוכט: זי זינגט פון קייווער נאָך ביז איצט „א בריוועלע דער מאמען״.
געכאָלעמט האָט זיך אים אצינד די אלטע נעסט,
דער דאך מיט שינדלען אויסגעלאטעט —
צי ווײַל זי איז אליין געווען שוין א מעס,
צי ווײַל געבליבן איז אין איר אן ·אלטער טאטע?!..
ווי קיין אמעריקע מ׳האָט אים פון דאָרט ארויסבאגלייט,
ווען ס׳האָט אפ אים די גרויסע שטאָט פארוואָרפן אידע מאָסן,
אצינד, ווי א באוועגלעכע מאציווע, צ׳ריק ער גייט
באם זיידנס אָפּשטעלן זײַן ייִנגסטן יאָסעם...

VII

געיאָגט האָט ער פונ זיכ א טויזנטיאָרעדיקע לאסט,
געריסנ זיכ פונ איר, ווי פונ א טויטנ דולהויז:
איז וואָס אזוינס געוועג זײַנ היימ אפ וואסילקאָווער גאס?
איז וואָס אזוינס געוועג זײַנ מעשנ שילדעלע: „מארגוליס"?
אויב ער האָט העפקער פאר די כײַעס זיי געלאָזט
אונ ניט פארטיידיקנ ארויסגעגאנ ער איז זיי...
ווי וועט ער עס פארענטפערנ? וואָס קענ דענ זײַנ פאר דעמ א מאָס?
ווענ ער אפילע זאָל דעמ מויעכ זיכ צעהריזענ? —
א פאָזעמקע א מינדכטע רײַסט ניט אויס דער ווינט,
ער וואלגערט זי. ער קלאפט זי. אונ זי ווערט זיכ!
א ליגנ איז געוועג זײַנ הויזגעזינד
מיט די געבורטנ, מיט די סימכעס, מיט די קרעכצנ,
אויב עס צעטרעטנ אונ פארטרײַבנ אינ דער גרוב
געקאָנט האָט א געפאנצערטער א ווילדער דאָווער-אכער.
ס'האָט אימ פארפאָלגט פונ אומעטומ זײַנ טעמפער טופ
אונ דאָס צעיושעט-פרעכע זשאָרבעדיקע לאכנ.

VIII

עס האָט אימ נאָכ א פאָזעמקע א ווונק געטאָנ,
פונ די מאכשאָוועס אָפגעריסנ אימ א ווײַלע;
ער האָט זיכ וואקלדיק געגעבנ א בייג אָנ
אונ א צעשטרייטער זיכ צוריק גענומענ אײַלנ.
געשמעקט די ערד האָט אזוי זיס מיט אינדערפרי,
עס האָבנ שוואלבנ זיכ געשאָטנ אופ אונ אָפ אָנ אופהער
מיט אזא גליקלעכ, גלעקלדיק-צעפאָכעטנ „צווי-צווי",
ווי זיי וואָלטנ, זיכ שפילנדיק, באמ נאָמענ אימ גערופנ.
צי שטייט ניט בא דעמ קייווער נאָכ פונ דאמלט ער
מיט זײַנ פאריאָסעמטנ מיזיניק לעמ דער מאמע —
אונ ס'קומענ פייגל אלצ מענאכעמ-אָוול זײַנ אהער
אונ בעטנ ברעקלעכ ברויט פאריינס צוזאמענ?
ס'האָט די דערהארגעטע אדורכגעשוועבט געשווינד
פארבײַ די אויגנ זײַנע האלב-פארמאכטע:
זיבנ מאָל איז זי געגאנ צו קינד,
זיבנ מאָל האָט זי די וועלט געבראכט אימ.

און זיבנ סימכעס זײַנענ שוינ געווענ,
און זיבנ סימכעס זײַנענ פאָרגעשטאנענ,
אפ וואסילקאָווער גאס, דאָרט אינ דער היימ, ווי דענ?
ער הערט דאָכ נאָכ אָט דאָ דעמ רויש פונ די קאשטאנענ...
נאָר ס׳וואלגערט אונטערוועגס זיכ ערגעצ איר געביינ,
נ׳ט אויסגעטאנצט די כאסענעס, ניט אויסגעוויינט דעמ טרויער.
איז וואָס אזוינס געווענ זײַנ היימ,
אויב ניט געקאָנט האָט זי איר גוידל אימ פארטרויענ!
ער איז מ׳ט יאגעדעס א הויפנ, פרישע, נאָכ מיט טוי;
געגאנ צוריקוועגס, זײַנ געדאנק דערטראכטנדיק פאוואָליע,
נאָר דער פארוווּנדעטער געווענ איז טויט
און אויסגעזוענ האָט ער, ווי עפּעס וואָלט זיכ אימ געכאָלעמט.
און אינ דער הייכ, אפ א בערעזע, איבער אימ,
געהאלטנ טרויעריק א פיקהאָלצ האָט אינ קלאפנ.
דער דאָקטער האָט אראָפּגעלאָזט זיכ אפ די קני
און אימ אוועקגעלייגט די פּאָזעמקעס, ווי ליכט, צוקאָפּנס.

## 12. אינ טויטנ־לאגער

I

פאר א קארטאָפל אופהייבנ — א קויל!
און פאר א כאפ געבנ דעמ אָטעמ — א נאהײַקע!
ס׳איז ארבעט-צײַט. די לײַבער — אָפּגעמאָגערט. הויל.
און איבער בײַכער אָנגעבלאָזענע — דער הונגער פּײַקלט.
די דארע העלדזער אויסגענאָגט פונ היצ,
אפ אויסגעקרימטע רוקנס — רײַטנ שטיינער.
ס׳איז ארבעט־צײַט, די פיס — אפ אש צעגליט,
אינ שמאטעס — אײַנגעהילטע הויט-און-ביינער.
זיי גרוזעווענ דעמ מארכ קיינ דײַטשלאנד באמ וואָקזאל,
אליינ דער מאלכאמאָוועס האלט דעמ אופוע.
אָט גיט דאָרט עמעצער אונטער דער לאסט א פאל
און הייבט פונ אָרט שוינ מער ניט אופ זיכ.
עס פאלט א טאָג, ווי ס׳פאלט א בוימ,
גלײַכ ווי א טהאָמ די נאכט רוקט אָנ זיכ,
דאָרט האָט דער גענעמ זיכ מיט דראָט פארצוימט,
צומ טויט געשפּענסטער דאָרטנ בלאָנדזשענ...

II

די „נײַע אָרדענונג" האָט זיך געגעבן א צעוואָרפ
איבער דער ערד דער זיבן מאָל געשענדטער.
געוואָרגן אונטער איר האָט זיך אי שטאָט אי דאָרפ,
גערוקט האָט איינס צום אנדערן זיך נע'נטער —
זיך צוטוליען אין פײַן, אין ווינד-און-ווײ
מיט שטיקער בראָך, פונקט ווי געליימטע גלידער.
ווי מעצוירעאָ̇מ-אינדזולען — ארום זײ
האָבן זיך טויטן-לאגערס מיט געפאנגענע געווידמעט.
ניט בלויז געפאנגענע, נאָר פארצוקט,
האָבן פארורטיילטע דעם טויט אפ זיך געבעטן.
און אָנגעקומען אלע ווײַלע איז אן אנדער צוג
אפ לעצטער פײַן מיט מענטשנווארג פון געטאָ.
דער דײַטש, ווי א באפולמעכטיקטער פונעם טויט,
איז אומגעגאנגען ·דאָרט מיט א פארבלוטיקטן אריפמאָמעטער,
אפ גאָלד איבערגעפירט די ווערט פון זײער הויט,
און אפ געגוס — די גסיסע פון די קנעכט פון די געפלעטע.

III

די אָדערן אפ העלדזער אײַנגעשלייפט, ווי שטריק,
און מיט געוויין פון ריפן דורך דער הויט דער דורכגעברענטער,
געציילט האָבן געפאנגענע זײערע לעצטע טריט,
די הוילע פיס — אין וווּנדן און אין פענטן.
ביז בלוט זיך אײַנגעשניטן אפ די נאקנס האָט די לאסט,
און ביזן ביין אפ זײער ברוסט האָבן די נומערן זיך אײַנגעפרעסן.
זײ האָבן אויסגעזען, ווי שוין פון לאנג וואָלט יעדערער געפאסט.
די עלנבויגנס — אויסגעשפיצט, די אויגן — גרעסער.
ס'האָט קיינער ניט באמערקט, ווען עמעץ האָט צו דר'ערד
פרי'ר אפ די קני און אפ דער זײַט דערנאָך א וואלגער שטיל געטאָן זיך;
און רוענדיק, דעם ווײטעק ווי אין כאָלעם בלויז געהערט,
נאָר דער פארקילטער בליק האָט אלץ ניט אופגעהערט נאָך בלאָנדזען...
צווישן רוינעס בא דעם כאָרעווּן וואָקזאל
האָט אפ א קײוער זיך געפלײַסט גוראריע בא די מערדער,
אפ העלפט האָט צוגעדעקט זײַן לײַב א זאק,
אפ העלפט האָט צוגעדעקט די ערד אים...

## IV

ער האָט בא קלאָפּסן אָפּגעשפּאָרט אין קייווער-ריוו אַן אָרט,
באַם אווטאָמאַט זיך אָפּפּאַרדינט א שטיקל בלײַ אין האָלדז-און-נאַקן.
און זיך צום לעבן ווייטעקלעך געריסן דאָך,
ער זאָל אין ערגעץ אין קיין שטער זיך ניט פאַרהאַקן.
א גאַנצן טאָג פון סאַמע פון קאַיאָר
איז פון זײַן רוקן ניט אַראָפּ, פונקט ווי די הויקערס פונעם קעמל,
דער אומגעהערטער זויגנדיקער יאָך
און די ביז בלוט זיך אײַנגעזויגטע קלעמער.
דער ערשטער האָנען-קריי האָט אים דערמאָנט די צײַט,
באַם ערשטן פויגל-צוויטש האָבן זיך אָנגעטאָן אַף אים די שלייפן.
געלעגן אַפן וועג איז א צעבראָכן בריקל אַף דער זײַט,
פונקט ווי א כאָרעוו בעט, פאַרבליבן פון א סרייפע.
פאַרקליבן האָט אַן אומעטיקע קוואָטשקע זיך אַהין,
צו איר באַרופן זיך א געלעגער דאָרטן אויסגעסאַדערט.
דאָרט אומגעגאַן דער טויט איז פון באַגין,
נאָר צום באַשאַפן האָט דאָך קיין צוטריט ניט געהאַט ער...

## V

געזעסן איז די קוואָטשקע, ווי א הייליקע, פאַרשפּאַרט,
איר וואַרעמקײַט — די נאָך ניט-אויסגעפּיקטע אָפּגעגעבן.
אָ, צוליב איר, האָט גייענדיק גוראַריע זיך געטראַכט,
איז זיך קעדײַ ביז לעצט צו שלאָגן פאַרן לעבן!
זי האָט זיך נאָך א קערנדל אַרויסגעכאַפּט באַנאַכט,
און נאָך א טראָפּן טוי — אין פרײַקן באַגינען.
ניין, ניט צעשטערן קיינער וועט פון דער נאַטור די פּראַכט,
וואָס האָט געשענקט דעם מינדסטן אָפּ פאַרשטאַנד און זינען
אַפּ מערן זיך און פאָרזעצן דעם מין,
די איבערכאַזערונג די אייגענע צו גאַרן און צו זוכן.
א שטילער קרעכץ געגאַן פון איר איז אין באַגין,
ווי זי געוועקט וואָלט דאָס געהיימניש מיט אַזעלכע שפּרוכן.
און איינמאָל א קאַיאָר איז זי אַרויס אין פריילעכן באַגלייט
פון פופצן אייפּעלעך, העל-גרינינקע און צאַרטע,
ס'האָט זיך א זיסער ראַש פון זיי געטאָן א שפּרייט,
זיי זײַנען נאָכגעגאַן אַף פליגעלעך אַף קליינע אָנגעשפּאַרטע.

VI

אין יענעם טאָג האָט אין גוראריעס „אמט“
א לאַנגזאַמקייט א טויבע זיך אַרײַנגעריסן,
פאַרקוקט האָט ער זיך, ווי די קוואָטשקע גראָבט דעם זאַמד
און ווי זי העלפט א יעדן אייפּעלע זיך שטעלן אַף די פיסלעך.
א גלעט טאָן מיט דער האַנט האָט זיך געוואָלט כאָטש איינס,
אַז אַלע זײַנען זיי אַזעלכע פּישטשענדיקע, פּוכיקע און גרינגע,
דאָס לעצטע איז נאָך גאָר א ברעקעלע, א קליינס,
און ס׳הערט ניט אויף די פּישטשערײַ, עס פּירט אַראָפּ פון זינען.
מע וועט זיי נאָך צעטרעטן דאָ אינמיטן וועג.
אָט גיט זיך איינס אַף פליגעלע א שפּאַר, ווי אַף אַן עלנבויגן.
ווי נעמט מען זיי פונדאַנען אַלעמען אוועק,
ניט קומען זאָלן זיי כאָטש קלאָפּסן אַף די אויגן?
צי ס׳האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, צי גלאַט...
נאָר מיט דער לאַסט האָט ער דערלאַנגט אַף דר׳ערד א פאַל א טויבן.
אַן אויגנבליק!.. און צוגעלאָפן גלײַך איז סעמיבראַט
און פון דער ערד אים אופגעהויבן.

VII

צו בלײַבן שטיין בעוועגן איז א געפאַר,
און נאָך א גרעסערע — אינמיטן וועג צו פאַלן.
צי האָט זיי ערגעץ ניט באַמערקט די וואַך? —
האָט דורכגעשניטן ביידע גלײַך פון שרעק א כוואַליע...
פאַרשווונדן איז די קוואָטשקע פון גוראריעס בליק,
ווי סע פאַרשווינדט אינמיטן נאַכט א כאָלעם.
דאָס לעצטע אייפּעלע גיט פון דער ווײַט זיך נאָך א וויג,
ווי ס׳וואָלט פון ווײַט א גלעט געטאָן צום לעצטן מאָל אים...
און דאָס איז אַלץ. מער גאָרנישט ניט אַרום.
דאָך אין די אויגן איז בא אים א גרינער פלאַקער.
געשפּענסטער אָנגעלאָדענע מיט שטיינער גייען אום
אַהין און צ׳ריק — געפאַנגענע פון טויטן-לאַגער...
דערטראָגן סעמיבראַט מיט אים די לאַסט האָט צו דעם אָרט,
ווו ס׳האָט די וואַך געציילט פון די פאַרורטיילטע די רעגעס.
און אָן א בליק, און אָן א וואָרט,
ווי בא זיך טרינקענדיקע דורכגעגאַן דער וועג איז..

VIII

די שטראָף געווען איז פון פארפרי׳ר באשטאט,
געריסן האָט דער אומגליק זיך דורך יעדער שפארע.
און פערציק שמיץ האָט אָפּגענומען סעמיבראט
פאר העלפן אופשטיין פון דער ערד דעם ייִד גורארייע.
געקוקט האָט קלאָפּס אליין און אָבסערווירט,
ניט אָפּגעפריצעוועט די מאָס זאָל אין דער שטראָף זײַן.
ס׳האָט סעמיבראט זיך ניט געטאָן קיין ריר,
די פרייד די הינטישע פארשטערט זאָל זײַן בא קלאָפּסן.
א יעדער ווונד געלאכט אין פארצעפּ האָט דעם קאט,
די רוּקײַט געערגערט האָט ביז מעשוגאס אים,
אז עפּעס גרעסער איז געוואָרן יעדער ווײַלע סעמיבראט,
און אופגעגאנגען פון זײַן לײַב זײַנען די בלוטיקע, די בלויע פאסן...
איבערגעקרימט באם קאט האָט זיך ס׳געזיכט דאָס גראָבס,
דאָס בלוט א שפּאר געטאָן צו אים האָט פון דער הויכער ראסע:
— נאָך פערציק! — אויסגעקרייט מיט שוים האָט קלאָפּס.
— נאָך הונדערט! — אויסגעריטשעט האָט ער, ווי א כאזער.

## 13. פלוגבלעטלעך

I

דאָס קאָרן אפן פעלד געלעגן איז פארקוילט,
און ניט אראָפּגענומענע געטרויערט האָבן ווייצן.
דאָרט, ווו געכוואליעט האָט זיך בליִענדיק דאָס ברויט,
האָבן ווי לושפּײַקעס די דײַטשע פלוגבלעטלעך געשפּרייט זיך,
זיי האָבן ווי א הײשעריק באלייגט דעם ראנד,
אדורכגעווייקט מיט גיפט און סאמאמאָוועסדיקער העצע:
בא ווועמען זיך געגליטשט פון האנט צו האנט,
בא ווועמען — אין די הערצער זיך געפרווּוט באזעצן...
„די ייִדן האָבן אופגעבומט דעם קריג,
די ייִדן מוזן פאר אים ענטפערן אינדרײַען,
די גאנצע וועלט איז פון די ייִדן אונטערדריקט, —
מיר גייען אײַך פון זיי באפרײַען!"
פארשיידן האָט די פלוגבלעטלעך זיך יעדערער געטײַטשט,
אפּ מאכן „ציגן-פּיסלעך" אויסגענוצט דאָסראָוו זיי;
— האָ, האָ! צעקריגן וויל ער אונדז מיט דיר, דער דײַטש,
ער סטארעט זיך! — געשמייכלט האָט צו מאנציסן סאדאָווסקי.

II

צעפּרעסענע געריסנ האָבנ וועגנ זיכ פּאָרויס.
א רויטארמייער אָנ געווער ניט אופגעהערט האָט רוישנ:
— ארומגערינגלט!.. אָפּגעשניטנ!.. אויס!..
פונדאנענ וועט איצט קיינער ניט ארויס שוינ! —
אימ איז אלציינס — ווער ס'וויל אוועק, דער זאָל אוועק!
אימ איז אלציינס — ווער ס'וויל ארײַנגיינ, זאָל ארײַנגיינ!
אונ ער — ער בלײַבט אָט דאָ, אינמיטנ וועג
פארהריזנעט, אָנ געווער אונ אָנ פארלאנגענ.
דעמ „ווי ס'וועט זײַנ — זאָל זײַנ" פארטרויט,
פארטרויט דעמ גורל — טעמפּ אונ אומבאוועגלעכ,
געקײַט א שטיקל אויסבאהאלטנ ברויט,
געשאָטנ זאָרגפעליק אינ מויל די ברעקלעכ.
עס האָט אימ נאָכגעיאָגט א לאנגער וועג צוריק,
וואָס איבער אימ האָט ער די צײַט די גאנצע אָפּגעטראָטנ;
ער האָט זיכ נאָכ ניט אויסגעקער'וועט מיטנ פּאָנעמ צו דעמ קריג
אונ מיטנ רוקנ צו דעמ טויט האָט אומקומענ געדראָט אימ.

III

— נו, יאָ! געוויס!.. דו בלײַב!.. דו ווארט! —
האָט א סאָלדאט זיכ פונ דער ווײַט געפּרוווט א ריס טאָנ,
די אויגנ אָנגעפילט מיט ווייטעק אונ פאראכט, —
וועכט בא זיי זיכער קענענ ווערנ בורגאָמיסטער! —
ער מיט א שמייכל האָט דעמ ווײ אינ זיכ געצוימט,
אונ, קוקנדיק פּאָרויס, געוואָרפנ אינ דער זײַט דאָרט:
— דו וועסט זיי העלפנ צובינדנ א רויטארמייער צו א בוימ,
צופוסנס אונטערלייגנ אימ דעמ שײַטער
אונ גיינ אינ פעדערנ אינ גאָלדענע בא זיי...
קאָנסערווג אלערליי... אינ שאכטעלעכ קאָלירטע...
איז וואָס זשע וארטסטו? הייב זיכ אופ אונ גיי,
אזעלכע-אָ ווי דו זיי זוכנ אומ מיט ליכט דאָכ! —
ער האָט זיכ ניט געײַלט. פּאוואָליע — וואָרט בא וואָרט,
ווי ער וואָלט אימ דאָרט אויסגעלייגט אפ קאָרטנ, —
נאָר ווענ ס'קאדאָכעס וועט צוריק זיי טאָנ א וואָרפ,
איז... וויפל רעכנסטו מיט זיי פארברענגענ דאָרטנ?

## IV

און ערגעצ־ווּ האָט ווער געקאָכט זיך א קוליש,
באטראכט האָט ווער זײַן ווּנד, ווער ס'האָט געזוכט שוין,
אין יענער, פינטלענדיק מיט אויגן פון א פיש,
ניט אופגעהערט האָט אלעמען דערקוטשען.
פארכאפנדיק יעדער ווײַל אן אנדער פלאץ,
מיט הייסן אָקרעפ אין א שאכטל פון קאָנסערוון,
האָט ער אזוי זיך מיט א קעלכל מיט א גלאטס
דאָרט אלע ווײַל דעם קאָפ געטאָן א קער'ווע,
ווי פון א זשאָלעב אָנגעשטאָפּט מיט גלאָז,
און זיך דעם זין דערקלערן, טרינקענדיק, באמיט דאָרט:
— זיי גייען, זאָגט מען, נאָך קעגן קאָלכאָז,
און הארגענען דערהארגענען זיי נאָר די ייִדן!
קיין אונדזעריקע — ניט. קיין האָר. פארקערט,
זיי קומען אָן, איז גלײַך אין קלויסטער א מאָליעבען!
— נאָך וועמען? — האָט א קאָל זיך, פרעגנדיק, דערהערט
און זיך אליין געענטפערט: — נאָך דעם לעבן!

## V

— און הייסן אויסגראָבן אליין די גרוב! —
האָט זיך א צווייטער אופגעכאפט אן אָפגעבריטער.
— און לאָזן מיטן פײַער אָפּ א יעדער שטוב, —
זיך אָפּגערופן הילכיק האָט א דריטער.
— און מיידלעך... מיידלעך טרײַבן זיי אוועק אין שאנד, —
א קרעכץ געטאָן האָט שטיל א פערטער.
און איינער אופגעהויבן בלויז האָט נאָר די האנט
און זי צוריק ארונטערגעלאָזט — אָן ווערטער.
דאָס איז געווען א רויטארמייער פונעם דאָרף פּאַגאָסט —
דער קאָמסאָמאָלעץ פּערעליאָט, קיין צוואנציק יאָר ניט אלט נאָך;
ער האָט זיך פרײַוויליק קעגן דעם דײַטש געלאָזט
פון גאנצן דאָרף באגלייט, א פריילעכער, א שטאלטנער.
האָט אים א סאך געדולד און מי געקאָסט
זיך ניט א וואָרף טאָן גלײַך צו יענעם, וואָס טרומייטערט;
געכאָלעמט האָט זיך אים זײַן דערפעלע פּאַגאָסט,
דער טאָג, ווען אפ דעם קריג מע האָט ארויסבאגלייט אים...

VI

געקומען זײַנען אים די ברידער אפּן זין,
זײַן מאמע האָט געטאָן זיך א דערמאָן אים.
ער האָט געטראַכט: „א בריוו וועט אָפּשיקן מע קאָן אהין,
זײַן מאַמען איבערלײ'נען זאָל מען אים, מאַלאַניען...״
ס'האָט זיך אים קיינמאָל ניט געוואָלט אזוי ווי איצט
מיט די געדאַנקען צו דער היים א טוליע טאָן זיך נע'נטער;
און יענער האָט מיט קויט פון מויל געשפּריצט,
האָט ער א דריי געטאָן דעם קאָפּ און ווידער אָפּגעווענדט אים:
— נאָר אָט אזוינע-אָ סקאַוווטשענדיקע הינט
צעוואַרעמען באַם אומגליק זיך די הענט דאָ, —
האָט דורכגעטראָגן זיך דורך אַלע, ווי א ווינט,
און ניט געוואָרט פון קיינעם אפּ אן ענטפער.
נאָר יענער האָט דאָרט, ווי א פערד די צוים,
דאָס שאַכטל פון קאָנסערוון, שוויצנדיק, געקײַעט:
— מע זאָגט אזוי... מע זאָגט אזוי...
דערופ איז אין ראַסיי דאָך עפּעס פרײַהײַט!

VII

ער האָט אין ביידע זײַטן זיך א דריי געטאָן,
ווי עמעץ וואָלט אים הין און צ'ריק געשטויסן:
— א קריג! און יידן קוקט מען אפּן פראָנט ניט אָן!
מע זאָגט, אז זיי באַהאַלטן ערגעץ אויס זיך;
מע זאָגט: זיי פאָרן אפּ די באַנען אום מיט גאַנצע זעק;
מע זאָגט: זיי האָבן שוין ניט מער וווהין צו שטאָפּן;
מע זאָגט, אז אומעטום פאַרפּלייצן זיי דעם וועג,
און דו — גיי לייג פאַר זיי דעם קאָפּ אָן!
— נו! — האָט זיך פּערעליאָט געטאָן צו אים א קער, —
מע זאָגט, מע זאָגט!.. נו, האַק און וואַלגער!
מ'האָט, דאַכט זיך, דיך אַליין אַראָפּגעזאָגט אהער,
ווי א פאַרשטונקענע א דײַטשישע שפּאַרגאַלקע! —
ס'האָט יענער נאָך דאָס שאַכטעלע געטאָן א זויג
און מיט א שטיקל בלעך דערלאַנגט א שפּײַ האָט:
— מע זאָגט אזוי... מע זאָגט אזוי..
דערופ איז אין ראַסיי דאָך עפּעס פרײַהײַט!

— און דו וואָס זאָגסטו? — האָט זיך א שניט אַרײַנגעטאָן אָוואַדיס גראָד אים אין די אויגן.
— ביסט דען א ייִד, וואָס שטעלסט זיך פאר זיי אײַן? —
— א ייִד, — האָט ער זיך לאַנגזאַם אויסגעצויגן, —
א ייִד!.. פאַרשרײַב עס... פון דער שטאָט בירָאָבידזשאַן!
וואָס נאָך? — האָט ער געשמייכלט מיט די ווייַד אים
און נעענטער געטאָן צו אים א שפּאַן. —
— מײַן נאָמען איז אבראַם, א נאָמען נאָך מײַן זיידן! —
קיין לוסט זיך אָפּערן קיין גרויסן ניט געהאַט,
בלויז פונעם קאָפּ ביז צו די פיס אים אָפּגעמאָסטן,
בלויז פעסט א דריק געטאָן אין האַנט דעם אווטאָמאַט
און, בלאַס פון אויפרעג, צ׳ריק אַראָפּגעלאָזט אים,
און דאָך האָט עס אים טריב און טרויעריק פאַרטײַטשט,
ביז ווייטעק זיך אין אים אַרײַנגעשניטן:
אַז שלאָגן שלאָגט ער איצט ניט בלויז זיך מיטן דײַטש,
נאָך אויך מיט דעם, וואָס פרעגט: „צי ביסט א ייִד דען?״

## 14. די שוועַ

I

זײַן יאָר, בײַס ס׳האָט דער קריג באַגינט,
האָט נאָך צום „רופ״ אפילע ניט געהאַלטן אין גענענען;
באַם ערשטן לופט-אַליאַרעם האָט מיט זאָרג זײַן קינד
געטראָגן אַפּ די הענט אַלײן צום מעטראָפּאָליטען ער...
מיט אים באַנאַנד געגאַנגען איז זײַן פרוי,
א קישעלע דעם קינד, א ביסל וואַסער דעם געטראָגן.
— איך וועל עס, אָלגע, האַלטן אַפּ די הענט ביזן אָטבאָי! -
האָט ער דעם גאַנצן וועג ניט אויפגעהערט איר זאָגן.
און אַפּן צוועלפטן אינדערפרי האָט אים א טראָג געטאָן א ווינט,
אין גאַס איז רו פרימאָרגיקע געווען נאָך.
ער האָט א קוש געטאָן די פרוי, ער האָט א קוש געטאָן דאָס קינד
און פרײַוויליק אַוועק אין אָפּאָלטשעניע.
דער „סבאָר״ איז אויסגעקומען אין א מאָסקווער שול,
געגאַנגען איז מען שטאָלץ אין מענגעס אין געדיכטע;
מיט זײַנע יוגנט-פרײַנט איז דאָ געווען שוין פול,
כאָטש נײַע סאָרטן טאַנקען קאָנסטרויִר דאָ!

II

געטרונקען טיי. געשפּילט אין שאָך.
איבערגעוואָרפן זיך מיט שפּריכווערטלעך א נארע האָט מיט נארע;
און יעדן טאָג אין איינער און דער זעלבער שאָ
געקומען אָלגע איז צו אים אינײנעם מיט טאמארען.
ער האָט דאָס קינד געגומען אפ די הענט,
ווי ער וואָלט פון א לאנגער צײַט עס ניט געזען שוין;
און אָלגע האָט צו אלע מיט די אויגן זיך געווענדט,
פונקט ווי צו נאָענטע, מישפּאָכעדיקע מענטשן...
ערשט איצט האָט זי דערזען דעם טאטן מיטן קינד — ווי טראָפּנ צוויי,
ווען ער האָט אפ די הענט געהאלטן עס און עס געטאָן א קאטשע,
און עפּעס האָט זיך איר געדוכט ביז ווײ,
אז האלטן האלט ער ס'קינד, ווי א סאָלדאט שוין...
אין קלומעק יעדער מאָל עפּעס ארײַנגעשטעקט,
אזוי, ער זאָל ניט זען און זאָל זי „צוליב וואָס" ניט פרעגן.
פארשפּעטיקט האָט זי גראָד אין יענעם טאָג, ווען מ'איז אוועק, —
האָט ער מיט איר און מיטן קינד אזוי זיך טאקע ניט געזעגנט.

III

פון שול-באנק — אפן פערד! פון קאבינעט — צום טאנק!
פון פרידלעכן ווארשטאט — אפן קאנאָן פון געגעם!
אין סאמע אָנהייב קריג, מיט מוט באפליגלט און מיט דראנג,
אוועקגעגאנגען איז דאָס פאָלק אין אָפּאָלטשעניע.
אפ ווײַט ארום האָט זיך געהערט דער קנאָט
פון פעסטע טריט איבער די אופגעוויגטע וועגן;
געדוכט, אז ס'טרעשטשען שארבנס אונטער זיי נאָך פון באָראָדינאָ,
ווי ס'האָט דער פײַנט א קיוור זיך דערשלאָגן אין געשלעגן.
אן אלטער פארטיזאן מיט שראמען אפן לײַב,
א גראָווער וועטעראן פון מאָסקווער באריקאדן,
און יונגלינגען געלאָזט האָבן זיך טרײַ
מיט טאטעס איבער וועגן רומפּולע און גראדע.
די הויפּט-שטאָט מאָסקווע האָט באקרוינט דעם וועג,
געגאנגען איז זי ווי א כמארע פאר א האָגל.
אָוואדיס פון די ערשטע דעמלט איז אוועק,
זיך אפ א צײַט געשיידט מיט זײַן באליבטער טעכנאָלאָגיע.

IV

אים האָט געדוכט: ס'קלינגט נאָך ביז איצט דעם פירערס קאָל,
דאָס אופגעגאנגענע פארטאָג דעם דריטן יולי...
אפ שטעט האָט זיך געזעצט דער פרעמדלענדישער אָל,
און סרייפעס האָבן העפקער זיך אפ זיי צעהוליעט.
די ערשטע יולי-טעג פון טרויעריקסטן יאָר
אין ראש און וויי ניט אופגעהערט זיך האָבן וועבן;
און דאן איז אים, אָוואדיסן, געוואָרן קלאָר
דער זין פון זײַן ארײַנגאנג אינעם לעבן,
דערפילט האָט ער זיך דעמלט פאר א מאן,
דערפילט האָט ער זיך דעמלט פאר א טאטן
פון דער באטריבטער ערד אפ יעדן טראָט און שפאן
און פון דעם וויי, וואָס האָט אפ איר געטאָן א פלאטער.
ער האָט געזען, ווי ס'טוט זיך מאָסקווע אָן אין זאמד,
ער האָט געזען, אז זי פארדעקט די פענצטער זיך, ווי אויגן...
האָט ער דעם פירערס וואָרט קיין רגע ניט פארזאמט,
מיט אלע זיך געלאָזט, ווי פײַל פון בויגן.

V

ער איז געגאנגען צו דער געפאר, ווי צו א ראנדעוווּ
מיט א געליבטער, וואָס איז מער נאָך פון זײַן לעבן...
א יעדער בוים גערעדט מיט אים האָט אפן ווונק,
א יעדער גראָז האָט שטיל צו אים עפעס געבלעבלט.
ווען מ'האָט א טרונק טאָן אָפגעשטעלט זיך אפ א ווײַל
און מיטן קעסעלע געשעפט די פליסיקייט די קאלטע,
האָט זיך געדוכט, אז יעדער שטראָם אים אײַלט,
אז יעדער וועלעכל אים בעט זיך ניט פארהאלטן.
ער איז געגאנגען מיט פרײַנט פון יוגנטלעכע טעג
אין גרויסן גורל פונעם פאָלק זיך א פארליר טאָן,
פארליבט אינעם דערשראָקענעם און טרויעריקן וועג,
פארליבט אין זײַנע הייליקע און גרויסע פליכטן.
אָט צוליב דעם האָט ער מיט קענטעניש זיך אָנגעטריפט,
געדאנקען צוליב דעם האָבן ווי קנאָספן אופגעשפארט זיך,
און פרייד און בענקשאפט, דורכגעוועבטע טיף,
געריסן האָבן זיך צוזאמען פון זײַן הארצן.

VI

ער האָט א היימיש קווערטל נאָך בא זיך געהאט,
א פאָטאָגראפיע פונ זײַנ וואלדהיימישער מישפּאָכע;
קיינ קאפּ זיי ווערלנ ניט באלאסטנ דעם סאָלדאט,
נאָר א צעריגעווע געטאָנ ס'געמיט זיי האָבנ דאָך אים,
די זאכנ פונ דער היים זײַנענ אים ליב געווענ ביז וויי,
פונ יעדער קלייניקײַט האָט ס'הארצ אים אופגעפלאטערט.
ווער ווייסט, וואָס טוט זיך איצט אינ זײַנ „וואלדהיימ"?
ווער ווייסט, ווו איז ערגעצ אצינד זײַנ טאטע?
ער האָט ווי קיינמאָל ניט דערפילט די אָפּגעהאקטע רו,
די לויטערע, די זיסע רו פונ שטילנ דערפל...
ווער ווייסט אינ וויפל צײַט ארום
וועט ער אמאָל אהינצו נאָך פארקער'ווענ?
באוויזנ אָנשרײַבנ א קורצנ בריוו האָט ער —
געציילטע ווערטער עטלעכע צעשטרייטע,
אונ שוינ אינמיטנ וועג צומ פאָסט-קעסטל געטאָנ א קער,
אראָפּגעלאָזט אימ דאָרט, זיך אומגעקערט אונ — וויַטער.

VII

א שוועע צו דעמ לאנד געווענ אינ יעדער טראָט,
א ניידער צו דעמ לאנד — דער אופגעוועקטער צאָרנ;
דורכ בראָכ פונ פײַנט, דורכ שאנד זײַנעמ אונ שפּאָט
וועט אפּ דער פרײַהײַט-שווערד געבראכט זײַנ דער ניצאָכנ.
דער מוילעד איבער מאָסקווע, ווי אנ אויסקוקער באמ ראנד,
די גאסנ פונ דער הויפּט-שטאָט האָבנ אויסגעזענ פארטײַעט,
אונ מאכנעס מונטערע מארשירט האָבנ אינ שפאנ
פארשטעלנ מיט דער ברוסט דאָס היימלאנד אונ די פרײַהײַט.
געווענ ס'איז נאכט. א יעדער הויז ווי א געשפּענסט.
א יעדער גאס געיאָגט זיך האָט, ווי אינ א טהאָמ נאָר.
ארײַנגעשטראָמט האָט שטרענג איוואנאָוו-וואָזניעסענסק,
דעמ וועג איז זינגענדיק פארגאנגענ אימ קאָלאָמנע.
מע איז געגאנ, געגאנ — געקייטלט אונ באנאנד,
געשלאָסנ איינס אינ צווייטנ, נעענטער אונ פעסטער,
אונ ווי א הילכיקע באגריסונג פונ:עמ לאנד
האָט זיך געשטרעקט די רויטע פרוסניע.

VIII

אונ מיידלעכ! — גיט ער א דערמאָנ זיכ, — מילד אונ יונג
דאָרט איבער פולע עמער וואסער אָנגעבויגנ,
מיט שאלעכלעכ געפּאָכעט אונ געפרעגט: — וויל עפּשער עמעצער א טרונק? —
מיט אזא צארטער שעמעוודיקײַט אינ די אויגנ...
ארפּגעריסנ האָבנ מאמעס פונ צעהאנגענ וועש די שטריק
אונ אויסגעשטרעקט: — באדארפ זיי צו דער ביקס ניט קיינער?
נעמט, זונעלעכ! איר זאָלט געזונט זיכ אומקערנ צוריק,
אונ בינדט זיי צו, ס'זאָל גרינגער זײַנ צו גיינ אײַכ! —
איצט האָבנ די מארשרוטנ זיכ געביטנ יעדער ווײַל,
אונ וועגנ אָפּגעגאנ זײַנענ מיט בלאָנדזשענדיקנ טרויער;
איצט האָבנ ברונעמס מיט קיינ טרונק זיכ ניט געײַלט,
אונ עפענענ זיכ ניט געײַלט האָבנ קיינ טיר-אונ-טויער.
ווו קאָנ עס זײַנ איצט אָלגע מיטנ קינד?
צי גיט דער נארקאָמאט דאָרט רעגולער אָפּ זײַנ געהאלט איר?
אונ וועגנ יענעמ, וואָס „מע זאָגט", איז ניט די צײַט אצינד,
דאָכ אפנ אויג וועט אויסקומענ די גאנצע צײַט אימ האלטנ!

## 15. באמ טײַכעלע בורלוק

I

ווי א שאָליעכ גייט דאָס טײַכעלע בורלוק
צווישנ דערשטיקטע דערפעלעכ, אינ גראָבנס אײַנגעוועבטע;
עס שטייענ ווערבעס נעבנ זיי פארבוקט
אונ שעמענ וויינענדיקערהייט זיכ אופהייבנ די קעפּ דאָרט.
געזונ, פארבראָכענע, אינ טרויער האָבנ זיי,
ווי דײַטשנ האָבנ, הוליענדיק, געטריבנ
פונ נעסטנ פייגל טריבע אינ צעזיי
אונ זויג-קינדער מיט מאמעס פונ די שטיבער.
פארנייגט אינ טרויער, האָבנ זיי געהערט
די לעצטע קרעכצנ פונ פארברענטע רויטארמייער,
וואָס ברענענדיקערהייט געהאקט זיי מיט דער שווערד
האָבנ די דײַטשנ, טײַוולדיק זיכ פרייענד.
עס פליסט דאָס טײַכעלע פאריאָמערט אונ דערציילט,
רוימט די ארמייער אײַנ, פארלייגטע אינ טשערעטנ:
דערנעבנ אינעמ דאָרפ ארײַנגיינ זאָלנ זיי,
עס ווארטנ מאמעס, וויינענדיק, ווי ווערבעס ווי געפלעטע.

II

אױף בײמער גיסט זיך מער ניט אָן קײן פֿרוכט,
צעטראָטן, אױסגעקלאַפּט דאָס ברױט איז אױף די פֿעלדער;
עס איז אַ הײשעריק אַ בלוטיקער אַדורך,
און דעם פֿאַרדאַרב ער טראָגט פֿון שװעל צו שװעל דאָרט.
די גערטנער בײגן זיך מיט צװײַגיקן געװעב,
װי ראַשיק־אָפּגעברענטע טרױער־קראַנצן;
עס הױדען זיך אױף זײ מיט אָפּגעדרײטע קעפּ
די, װאָס מיט ליבע און מיט מי האָבן געפּלאַנצט זײ.
זײ לאָזן ניט פֿאַרשלעפּערן זיך פֿון דער נאַכט,
זײ לאָזן ניט פֿון װינטן זיך פֿאַרװיגן.
אױף בײמער אױפֿגעהאַנגענע — מע װאַרט,
די אױגן — אױף. עס האָט דער טױט זײ ניט פֿאַרזיגלט,
און טױטערהײט די טעג מע צײלט,
מע פֿאַרגעדענקט די מאָרדן און די גזלע.
דערצײל, שאָלִיעך אײַליקער, דערצײל,
אַלצײנס װעסטו נאָך אַלץ ניט אױסדערצײלן!

III

דאָס טײַכל פֿליסט געלײַטערט, קלאָר,
צו יאַמען ברױזנדע אין פֿײַן סע פֿליסט דאָרט;
עס טראָגט אױף דעם זיך מיט צעלאָזטע האָר
אַן אױסגעפּײַניקטע, אַ יונגע קאָמיוגיסטקע...
דאָס װײַסע שאַלעכל טראָגט נאָך זיך בא דער זײַט,
אױף ברוסט אױף מײדלשער — אַן אױסגעברענטער שטערן.
אַ פֿאַסמע בלוט באַגלײט זי אין דער װײַט,
פּונקט װי אַ רױטער שניפּס פֿון פּיאָנערן.
טשערעטן בײגן זיך אױף בײדע זײַטן ברעג,
דערשלאָגענע, זײ שפּיגלען זיך אין טיפֿעניש אין קלאָרער;
עס װעלן עפּשער די דערטרונקענע אין טרױער־װעג
דאָרט אױסרױשן אַלײן דעם װײטעק און דעם צאָרן.
צו יאַמען ברױזנדע געלײַטערט שװימען זײ,
דעם אומרו טאָג און נאַכט מיט זײ דאָרט טײלן.
דערצײל, שאָלִיעך טײַכעלע, דערצײל,
אַלצײנס װעסטו נאָך אַלץ ניט אױסדערצײלן!

IV

אַן אָוול איז דער טאָג. אַן אָוול איז די נאַכט.
און אויסגעזויגן דער קאַיאָר ווי פֿון אַ שפּין איז.
דערציילָ, ווי אין די צונגען, טפּיסעדיק פֿאַרשפּאַרט,
פֿאַרטרײַבט דער דײַטש די טעכטער אוקראַיִנעס
אַף קאַטאָרגע, אַף אויסראָט און אַף טויט,
אַף פּײַן, אַף פּאַנשטשינע, אַף אומקום,
מיט סקאָרינקעס אין טרערן אײַנגעטונקען ברויט,
מיט ווייַנענדיקע אַף די אַקסל טאָרבעלעך און קלומקעס;
ווי ס'האָבן נעצן היצלשע געטאָן זיך אַ פֿאַרדריי,
ווי הענט זיך צוגערירט צו זיי זיך האָבן טאָמע,
ווי אויסגעטאָן מ'האָט זיי פֿון זייער היים
און אויסגעטאָן פֿון זייער נאָמען...
ווי זיי האָבן געקושט די שוועל, געביסן מיט די ציין
די גאָלעסדיקע שאַלעכלעך און די פּאַטשיילעס...
דערציילָ, שאָליעך בלאָנזשענדער, דערציילָ,
אַלציינס ווערסטו נאָך אַלץ ניט אויסדערציילן!

V

דאָס דאָרף געלעגן איז פֿאַרשטאַרט,
און באַ די ווענט ביימער — אַף די קני שוין,
ס'האָט מאַנציס ניט פֿאַרשטאַנען, צי ס'איז נאַכט,
און דראָוד האָט ניט דערקאָנט, צי ס'איז אַ יִשעוו...
די הײַזלעך, אײַנגעבויגענע צו דר'ערד, האָבן געקוקט,
די פֿאַרקנס אונטער זיי, ווי הענט פֿאַרדרייטע;
געוואַרט האָט מאַנציס, ס'זאָל אַ רעווע טאָן אַ קו,
געוואַרט האָט דראָוד, אַז ס'זאָל אַ האָן אַ קריי טאָן...
געצויגן האָט די גאַס זיך — אָפּגעשונדן בלאָ,
אַן אײַנגעפֿאַלענע ווי נאָך אַ האָגל.
געקוקט האָט מאַנציס — עפּשער צינדט זיך אָן אַ לאָמפּ.
געקוקט האָט דראָוד — צי פֿאָרט ערגעץ ניט אָן אַ וואָגן...
פֿאַרבראָכענע געשטאַנען זײַנען סטויגן היי,
געקעפּטע און צעפּאַטלטע און רונדע;
אַדורכגעשלײַכט זיך שטיל ווי שאָטנס האָבן זיי,
און שטיל ווי שאָטנס זײַנען זיי צוריק פֿאַרשוווּנדן...

## 16. א טאַנק באַם וועג

I

א טאָג האָט מען ארומגעבלאָנקט. א נאכט האָט מען געשמעקט.
און אָנגעשמעקט דעם דורכדרײַס אָפּ אַן אומגעריכטן וועג.
די נאכט איז, דאכט זיך, קורץ, נאָר יעדער רעגע — לאַנג,
און אָנגעשמעקט זיי האָבן שוין אינמיטן וועג א טאַנק.
ס׳געפאר שטעלט יעדן ווינטל, יעדן פויגל אָפּ באַם פליִען
און פרעגט בא זיי פאַנאַנדער זיך: פונוואַנען און וווּהינען?
האָסט עפּעס בא די אויסשפּירער, געפאר, צו פרעגן? פרעג!
שוין אָנגעשמעקט א יאַטל א קורנאָסע — א פאַרמעג.
באַפרײַנדעט שוין. אין אײַגענע מע גיט זיך א דערמאַן:
— ווי רופט מען דיך? — איוואַן! — דײַן טאַטן? — אויך איוואַן! —
דער בליק איבערן וועג גיט זיך בא מאַנציסן א גליטש:
— איז ביסטו, הייסט עס, באָכערל, איוואַן איוואַנאָוויטש! —
ס׳געדויערט ניט קיין רעגע, איז מען היימיש שוין און נאָ׳נט:
— און ווּ איז עס דײַן טאַטע? — מײַן טאַטע אפן פראָנט! —
נאָר ס׳אויג איז בא דעם וועג. באַם וועג איז דאָס געהער:
— וואָס איז עס פאר א טאַנק דאָרט — ניט אהין און ניט אהער?!..

II

און מאַנציס האָט פארייכערט און אזוי געטאָן א טראַכט:
פארשיידנס קאָן מען וואַרטן פון אַן אומגעריכטער שלאַכט,
פארשיידנס — באַם געווינען, פארשיידנס — באַם פארלוסט.
נאָר וואָס איז דאָ צו טראַכטן דען? ס׳איז קלאָר און ס׳איז באַוווּסט:
דאָס מאַזל — ווער סע זייט, דאָס מאַזל — ווער סע שנײַדט!
מע ווייסט ניט, צי ס׳איז נאָ׳נט; מע ווייסט ניט, צי ס׳איז ווײַט.
מע יאָגט נאָך דעם, ווי הונגעריקע יאָגן זיך נאָך ברויט.
פארשפּעטיקן — א סייכל איז צו איינס נאָר, צו דעם טויט.
דעם גורל ווער דערווידער גייט — קומט אָפּ בלויז מיט געפאר,
און ווער ס׳באַהאַלט זיך אויס פון אים, איז מער ניט ווי א נאַר.
האַלב-שיקערלעך באַם וועג פארהריזנעט שלאָפט דער טאַנק.
ווער האָט אים דאָרט פארוויגט מיט מאַלכאַמאָוועסדיק געטראַנק?
און מאַנציס קוקט אהין, און מאַנציס קוקט אהער,
און עפּעס ווערט אים קלערער, ווען ער גיט זיך א באַקלער,
און ס׳גיט אים דער קאַיאָר מיט אַזא בענקשאַפט א פאַרזויג:
דעם וועג וועט מען ניט מײַדן — אזוי אָדער אזוי!..

III

אדורכגעשארט צום טאנק האָט זיך דאָס יאטעלע באנאכט.
און מאנציסנ יעדיִעס האָט ער סאָפּענדיק געבראכט:
—א טאנק!—וואָס נאָך?—געווער!—וואָס נאָך?—און גאָרניט,דאכט זיך, מער!—
„ס׳האָט גאָט אליינ, — טראכט מאנציס, — אים אוועקגעשטעלט אהער!
ווי ווײַט איז ער פונדאנענ? — דאָס באלאנגט שוינ אינ זײַנ שפּאנ!
ס׳זאָל זײַנ דער קאפּיטאנ דאָ, זאָגט מענ: כאוועך קאפּיטאנ!
קיינ אנדער וועג זיך דורכרײַסנ, ווײַזט אויס, איז ניט פאראנ!..
וואָלט, כאוועך קאפּיטאנ, דענ ניט געוועג קיינ פּלאנ
זיך געבנ אומגעריכט פונ זייער טאנק אפּ זיי א לאָז,
און דאָ וועט מענ זיך דורכרײַסנ בא זיי אונטער דער נאָז?!”
אים דאכט, אז ס׳קוקט באטריבט אפּ אים פונ ווײַט דער קאפּיטאנ
און זאָגט אים: ס׳א געפאר אינ דעם א שטערבלעכע פאראנ...
אים דאכט, אז ס׳רירט די האנט פונ קאפּיטאנ זײַנ אקסל צארט
און וועגט דאָרט די געפאר אפּ אים: מאנציס,ווארט!..
נאָר ער— ער טרעט ניט אָפּ, נאָר ער — ער קײַט דעם פּלאנ:
א קליינ־קײַט? מיט זייער טאנק, כאוועך קאפּיטאנ!

IV

— נו, דראָזד! — האָט מיט די אויגנ ער געגעבנ אים א טאפּ, —
אפּ מיר פאלט אויס דער טאנק. אפּ דיר פאלט אויס דער שטאב! —
עס וואָלט דער קאפּיטאנ אים נאָר א ווונק געטאָנ, א וואָרט,
נאָר ס׳הערט זיך פונ קיינ פויגל ניט קיינ פלאטער, ניט קיינ פּאָך.
— איז וואָס? — גיט ער א ווענדע זיך צו דראָזדנ פונדאָסנײַ, —
דאָס הארצ פונ זיך ארויסרײַסנ אצינדערט איז קעדײַ!
צו וויסנ טאָנ סאדאָווסקינ נאָר. און גלײַך. נאָר וויִאזוי?
דער יאט איוואנ איוואנאָוויטש — אים קאָנ מענ עס פארטרויענ...
נאָר ס׳איז פאר אים צו אײַנגעשטעלט און ווײַטלעך דער מארשרוט.
און גרייט דארפ זײַנ סאדאָווסקי דאָרט צו יעטווידער מינוט —
פארטײַענ זיך באם וועג, ווי נאָר באגינענ וועט די שלאכט, —
ס׳האָט דראָזד זיך ניט געײַלט און לאנגזאם אלצ באטראכט.
א טאפּ געגעבנ דראָזד דורכנ בינאָקל האָט די ווײַט:
דער טויט וויגט דאָרט דעם טאנק, פּונקט ווי א טרומנע פארנ פײַנט:
— וואָס טוסטו, אויב ס׳באמערקט דיך דאָרט א דײַטשישער סאָלדאט? —
און דאָס באטײַט: זיך איבערטאָנ גענוי און אקוראט...

V

און מאנציס איז בארוישט. ס׳איז יעדער רעגע באנק.
די פיס זײַנען אינ וואלד. דער קאָפּ איז אים באם טאנק.
עס ציט א יעדער רעגע זיך. זי מאטערט אזוי שווער.
דער בליק — צום קאפיטאנ. דאָס הארצ — איז באם געווער.
צום וועג צום ניט געמאָסטענעם גיט מאנציס זיך א לאָז:
דאָס אויג נאָך ערגעצ דאָ, די האנט איז שוינ באם שלאָס.
און אָנגעוואָרפנ מאנציס האָט אנ אויספירלעכנ פלאנ,
אריבערוואָרפנ דארפ מענ אים נאָר גלײַך דעם קאפיטאנ.
און ס׳איז דער פלאנ א פראָסטער — פראָסטער קאָנ ניט זײַנ:
אָט דאָ — דער וועג, אָט דאָ דער טאנק, און — אלצ! און — סײַוויסײַ!
ער קאָנ אפ טאנקענ אייגענע ניט ווארטנ דאָ, ווי ס׳שײַנט,
איז מאכט ער זיך דערווײַל א גמילעס-כעסעד בא דעם פײַנט.
דערצו דארפ ער באזאָטלענ נאָך דעם וועג אינ זײַנ רעשוס,
און ס׳גייט אדורך דאָס גאנצע כײַעל פראנק-און-פרײַ און — שלוס!
און טאָמער וועט ניט אויסקומענ זיך זענ שוינ מער, איז דאנ —
פארבלײַבט געזונט און שלאָגט די דײַטשנ, כאווער קאפיטאנ!

## 17. ביימער ווײַזנ אָנ דעם וועג

I

פארנאכט האָבנ זיי ווידער זיך ארײַנגעשלײַכט אינ דאָרפ.
ווי שאָטנס איז מענ דורך צום בוידעם פונ א שײַער:
— איז וואָס? מע לאָזט זיך ווײַטער צי מע בלײַבט שוינ דאָ? —
האָט מאנציס ניט געקאָנט קיינ אויגנבליק זיך הײַענ.
אינ דרויסנ בא די פריזבעס האָבנ פויערטעס געוויינט,
אינ שטיבעלעך געווענ איז וויסט און כוישעך.
געלעגנ א געשמיסענע אפ דר׳ערד איז ווי א שטיינ,
פארשווארצט פונ פײַנ. פונ כארפע — גרוי שוינ.
צו איר אינ שטוב ארײַנגעריסנ זיך דער אומגליק האָט,
א ווײַז געטאָנ געװעלטיק אפ איר טאָכטער —
בלויז מיטנ ווונק, בלויז מיטנ טראָט,
און בלויז מיט דער נאהײַקע, דרײַפּאכיק געפלאָכטנ.
האָט זי א פאל געגעבנ צו דער שוועל,
דעם גאָרגל, כאָרכלענדיק, געטאָנ א ווײַז אים,
און דורכגעשורעוועט אינ שטוב האָט א באפעל,
מע זאָל די ווידערשפעניקערנ שמײַסנ.

II

— אָקסאַנע! — האָט זי אַלע ווײַל געטאָן אַ כריפּ.
— אָקסאַנע! — האָט זי אַלע ווײַל געטאָן אַ ציטער.
געוויינט האָבן די טאָפּאָליעס אַ גאַנצן אינדערפֿרי,
זיי זײַנען אויף דער ערד דאָ אויפֿגעגאַן און אָפּגעצוויטעט.
געווען דער הימל אויף אוקראַיִנע איז פֿון בלײַ,
די ערד געצויגן האָט זיך טריב, ווי אַ דערמאַנונג;
אַוועקגעריסן האָבן דײַטשן פֿון איר מאַמע־לײַב
איר שיינע אַכצניאָריקע אָקסאַנע...
געהאַט האָט זי אַ זון, האָבן די דײַטשן אים דערשטיקט,
געהאַט האָט זי אַ מאַן, האָבן די דײַטשן אים געהאַנגען,
געבליבן צוגעבונדן, איינזאַם, צו אַ שטריק
אַ קוואָטשקע איז אין שטוב — מעסלעסן לאַנגע.
ס'איז אָפּגעגאַן דאָס דאָרף דאָס גאַנצע מיט געוויין,
ווען ס'האָט געשמיסן זי דער קאַט אין טראָלדן גרינע.
אויף דר'ערד איז זי געלעגן, ווי אַ שטיין,
און ס'האָבן טאָפּאָליעס געמונטערט זי: גאַלינע!

III

אין שטיבעלע געווען איז וויסט און טויט.
געהערט האָט בלויז אַ קרעכץ זיך פֿון דער קוואָטשקע.
גאַלינע האָט איר אויסגעבעט דאָס אָרט מיט שטרוי,
די לעצטע טעג געוואַרעמט עס זי האָט שוין, —
פֿאַרזען האָבן די מערדערס זי געוויס
אונטער דעם כאָרעוון, צעקלאַפּטן אויוון.
אין שטיבעלע געווען איז הויל און וויסט,
און ס'איז דער קרעכץ געגאַן, ווי פֿון אַ קײַוער,
געזעסן איז די קוואָטשקע אומעטיק פֿאַרוקט,
געוואַרט, ווען אויספּיקן די אייפּעלעך זיך וועלן,
נאָר קיינער ניט געקומען מער איז טאָן אַ קוק,
פֿאַרגעסן האָט מען איר אַ ביסל וואַסער אונטערשטעלן.
איז האָט זי אויף דער שטוב דער ליידיקער געקרעכצט,
געפֿילט האָט זי דעם אומגליק גאָר ניט ווײַט שוין,
געקוקט אויף לינקס, געקוקט אויף רעכטס —
און אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אויך איר האָבן די דײַטשן.

IV

אריבערטרעטנ קאָנ גאלינע ניט די שטוב,
דאָרט לעמ דער קוואָטשקע ליגט איר זונ דערהארגעט;
זיי ליגנ ביידע אָפּגעדרייט די קעפּ, ווי אינ איינ גרוב,
אונ טויטערהייט אפ עפּעס נאָכ זיי ווארטנ...
עס האָבנ זיכ די אויסשפּירער באנאכט פארטרויט
די טרויעריקע פּויערטעס, צעשלײַדערטע אפ גאסנ,
איז ווער ביגנײַווע ברענגט באנאכט א שטיקל ברויט,
אונ ווער ביגנײַווע ברענגט א ביסל וואסער.
— גאלינע! — צוגעגאנגענ מאנציס איז צו איר, —
דו ווייסט דעמ וועג צו אונדזערע איבער די ראנדנ?
איז גאנווע זיכ אדורכ אונ ברענג זיי א פּאפּיר,
ס'וועט זײַנ אי פאר דײַנ קינד, ס'וועט זײַנ אי פאר דײַנ מאנ דאָ!..
געוועזנ איז אינ פּאפּיר פארצייכנט אקוראט:
דער גארניזאָנ. דער וועג. א טאנק ניט ווײַט — דער סימענ;
די צײַט אונ דער סיגנאל. אונ נאָכ א פּראט:
דער שטאב באשטימט פאר א מאטאָנע איז דעמ הימל!

V

אונ שווײַגנדיק גאלינע איז באנאכט אוועק,
קיינ איינציק וואָרט ניט אויסגערעדט מיט קיינעמ;
געפירט האָט זי דער טרויער דורכ דעמ קירצסטנ וועג,
אונ ניט פארשפּעטיקנ געלאָזט האָבנ זי טרערנ אונ געוויינענ.
געוואָרנט האָט א יעדער בוימ זי אונ געהיט,
די ווײַטנ האָט פאר איר א יעדער ווינט צעקלעמט דאָרט;
געגאנוועט אפ דער ערד דער לײַבלעכער האָט זי די טריט,
אונ דורכ דעמ וואלד דעמ אייגענעמ געגאנ איז זי א פרעמדע...
א נאכט געגאנ איז זי א גאנצע ביז באגינ;
עס האָט דער שווערער וועג דעמ ווייטעק איר געלינדערט.
געזונגענ פייגל האָבנ טרויעריק צונ דינ,
אונ ס'האָט זיכ איר געדוכט, אז ס'וויינט ערגעצ איר קינד דאָרט, —
נאָר זיכ ניט אָפּגעשטעלט. זיכ ניט געטאָנ קיינ קער.
די אויגנ — ווײַט געווענדט צו זיי — אהינ נאָר;
פארזאָמט־וויינענדיק, א פרעמדע אפ איר ערד,
מיט איר איז א געשמיסענע געגאנגענ אוקראינע...

## 18. אין דײַטשישער אוניפֿאָרם

I

פֿיר סימאָנים האָט גאלינען מאנציס אויסגעמאָלט,
יעדערן באזונדער — אפֿ דער האנט אזוי ווי גאָלד,
און מיט אזא פֿארטרוילעכע אײַנגעהאלטן קאָל
ער אײַנגערוימט אין אויער האָט געהיים איר דעם פּאראָל,
און נאָכאמאָל דערקלערט, און ווידער מיט א ווענד —
צו ווע‌מען דער פּאפּיר דארף גלײַך ארײַנגיין אין די הענט...
געזעגנט זײַנען בלעטער אינעם וועלקנדיקן וואלד,
פֿארטרויערטע, פֿארזאָרגטע — גרייט אפֿ נאָוועמבער...
אָט וועט א הארבסטיק ווינטל זיי נאָך אָנוויַזן דעם וועג,
אָט וועט ער נאָך אַן אָטעם טאָן, איז לאָזט מען זיך אוועק...
עס הערט זיך שוין דער לאנגזאמער קרעכצנדיקער פֿאל,
נאָר, פֿאלנדיק, זיי גיבן זיך נאָך ערגעץ א פֿארהאלט,
א טוליע צו דער קאָרע, צו א צווײַגל זיך א ווענד,
נאָר ווידערבלי איז איצטער שוין אין קיינעם ניט געווענדט...
עס וועט עפּשער א פֿויגל דורכפֿליִען פֿארבײַ
און אויספּאָכען מיט פֿליגל, ווי עס לויערט דאָ דער פֿײַנט?!..

II

דרײַ טעג זײַנען פֿארבײַ. דעם פֿערטן שוין מע ווארט —
פֿון אויסשפּיר עפּשער אומקערן וועט עמעץ זיך באנאכט?
און ערגעץ איבער שטעגעלעך, פֿארפּלאָנטערט און פֿארדרייט,
געגאנגען איז א פֿויערטע שווײַגנדיקערהייט.
ארײַנגעגאנגען אין וואלד... קיין צווײַגל ניט קיין ריר...
און האָט געבראכט סאדאָווסקין א פֿארכאסמעטן פּאפּיר...
אָט איז ער, דער פּאראָל! און די סימאָנים אלע פֿיר! —
האָט דאָרשטיק אײַנגעזויגן זיך סאדאָווסקי אין פּאפּיר...
געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי יעדער וואָרט וואָלט אים געבריט,
און נאָכגעזאָגט נאָך יעדן: — אפֿן הימל א יאריד!
און מעגלעך, אז ס'זאָל אָפּגילטן אזא מין מעשוגאס?!
נאָר איצט איז שוין פֿארפֿאלן, און באדאנקט האָט ער זײַן גאסט.
נו, צי ס'איז בלויז א כאָלעם, צי ס'איזווירקלעכ א געשלעג,
ארויסשיקן באדארף מען אויסשפּירער צום וועג.
און גרייט מאכן געגומען האָט סאדאָווסקי זיך געשווינד.
וואָס מאנציסן קאָן אײַנפֿאלן?! און עפּשער... ס'האָט באגינט.

## III

מיט וועלקונג ארום מאנציסנ יאָמערט בלאט צו בלאט.
א היטל דארפ איצט מאנציס פונ א דײַטשישנ סאָלדאט.
דערקאָנענ זאָל פונ וויַיטנ אפנ וועג אימ ניט דער פײַנט.
אינ וואָלקנס הילט די זונ זיכ די פרימאָרגעדיקע אײַנ.
ווו נעמט מענ דאָ א היטל — איבערטאָנ זיכ אקוראט?
א זוכ טאָנ סײַדנ ערגעצ א דערהארגעטנ סאָלדאט! —
אונ מאנציס גיט דעמ בליק זײַנעמ א בלאָנדזשענדיקנ פיר:
א היטל אונ א גרינעמ א פאשיסטישנ מונדיר,
אזוי ווי פונ א זשאבע אנ אראָפגעשלעפטע פעל...
איז איינס אונ צוויי א זוכ געטאָנ: א רועכ אינ דער וועלט!
א ביסעלע — אנ אויסזענ! א ביסעלע א כיינ!
גערדיקט ווי ס'וואָלט אפ אימ אזא מינ שימלדיקער שטיינ.
געוואָרפנ האָט פונ ביימער זיכ א בלאט דאָרט נאָכ א בלאט:
נעמ, מאנציס, פוצ זיכ אויסעט אינעמ מאלבעש פונעמ קאט! —
געמורמלט האָט דער וואלד, געפאָדערט האָט די ערד:
גיי, מאנציס, זײַ זיכ נויקעמ, אונ געבענטשט זאָל זײַנ דײַנ שווערד!

## IV

פאָרויס קוקט מאנציס, לויפנדיק, אונ טרײַבט פונ זיכ די שרעק.
ס'איז איבעריק אפילע אימ זײַנ שאָטנ איצט אינ וועג.
ער פילט ניט צי שוינ נאָענט. ער פילט ניט צי נאָכ ווײַט.
דעמ כעזשבנ פונ דער שנעלקײַט פירט איצט ניט די צײַט.
ער פילט ניט צי נאָכ ווײַט. ער פילט ניט צי שוינ נאָ'נט,
נאָר ס'יאָגט א קויל א סווישטשענדיקע אפנ וועג אימ אָנ.
פונוואנענ? — גיט זיכ מאנציס א צעפלאָנטער אונ א פאל, —
געשיקט זיכ — פונ די אייגענע? געשיקט זיכ — פונעמ וואלד?
ער הייבט זיכ אופ אונ פונדאָסנײַ זיכ גלײַכ אינ וועג א לאָז,
אונ — נאָכאמאָל א שאָס! אונ אפנ הארצ איז א פארדראָס:
וואָס טוט מענ? זאָל ער פאָרזעצנ דעמ וועג צי ניינ?
עס זאָל די שיסערײַ כאָטש צו די דײַטשנ ניט דערגיינ! —
באשלאָגנ האָט א שווייס, באפאלנ האָט א היצ:
מע שיסט! נו, יאָ! ווי אנדערש, אז דערזענ מע האָט א פריצ!
באמערקט מע האָט א לויפנדיקנ דײַטשישנ סאָלדאט,
איז האָט מענ ביקסנ אָנגעשטעלט אונ אָנגעצילעט גראד!

## V

די וואכ ווייסט פונ קיינ כאָכמעס. ניט באנאכט. ניט אינדערפרי.
א דײַטש? — איז ניט געטראכט! איז פײַער איבער אימ!
א יעדער ווײַל גיט מאנציס זיכ א וואלגער אפ דער ערד:
ווי גיט מענ פונ דער ווײַטנ צו פארשטיינ זיי, אז ס'איז ער?!
אז איבערגעטאָנ האָט ער זיכ אינ וועג ארײַנ, ניט מער!
אז בלויז די הוט איז פונ א דײַטש, איז פונ א פריצ אנ אָפיצער!
נאָר מאנציסנ טוט וויי, וואָס ס'דויערט אזוי לאנג.
ער קוקט ניט אפ זײַנ בלוט. ער קוקט בלויז אפנ טאנק.
אונ נאָכאמאָל א· דריי זיכ אונ א וואלגער אפ דער ערד,—
דער טאנק איז נעבנ אימ, אונ באלעבאָס אצינד איז ער!
ארײַנגעשטופט זיכ אינווייניק, דעמ ליוק נאָכ זיכ א צי
אונ אָפגעאָטעמט, סאָפענדיק: אָט דאָס הייסט א שפאציר!
אונ האָט דערזענ טאנקיסטנ צוויי — די קעפ אפ בריסט פארטרויט.
צי שלאָפנ זיי פארמאטערטע, ציביידע זײַנענ טויט?!..
אראָפגעלאָזט זיכ מאנציס האָט פאָרזיכטיק אונ מיד.
אונ צווישנ ביידע מייסימ ער פארנומענ האָט די מיט!

## VI

א קייווער צי א טאנק דאָס איז — דערגיינ איז איצטער שווער.
נאָר מאנציס דארפ צומ אלעמערשט א פרווו טאָנ דאָס געווער:
— אינ אָרדענונג, — האָט מאנציס זיכ א זאָג געטאָנ אליינ. —
א קייווער צי א טאנק דאָס איז — קאָנ קיינער ניט דערגיינ!
די קוילנ זײַנענ אויסגעשטעלט פינקטלעכ בא דער · זײַט,
א זוכ טאָנ וואָלט ער נאָכ עפּעס, דערלויבט אימ ניט די צײַט.
א פריילעכס אונ א לעבעדיקס באמ סוינע וועט איצט זײַנ:
דאָס אומגעריכטע פײַער פונ זײַנ אייגענעמ קלייזײַענ! —
ער פילט ניט פונ זײַנ ווונד אצינד דעמ נאָיענדיקנ וויי,
די שכיינימ אימ דערמוטיקנ, די טויטע שכיינימ צוויי!
זיי זיצנ אומבאוועגטע, זיכ אינ ערגעצ ניט קיינ ריר,
ווי אונטערוועגס צעקריגטע פאסאזשיר מיט פאסאזשיר.
שפאקולנ אפ די אויגנ אפ די גלעזערנע — פארפרעסט,
ווי צווייענדיקע פענצטער בא דער פייגערדיקער פעסט.
נאָר מאנציס האָט קיינ צײַט איצט ניט זיכ צוקוקנ געניי,
ער האָט זיכ בלויז צו יעדערנ געגעבנ א פארנייג,

VII

ווי ער וואָלט דאָרטן יעדערן א זאָג געטאָן פון זיי:
דעם קאָוועד כ'האָב זיך פאָרשטעלן דער דײַטשישער ארמיי!
ס'איז איך! א סטאַלינדאָרפער רויטארמייער! ניט געהערט?
עס וועט אײַך מיט א קיינער ניט באוולען אונדזער ערד!--
אין פענצטערל א קוק געטאָן אפ ווײַט איבערן שליאך
און רעכטפארטיק געמאכט זיך און זיך צוגעגרייט צום שלאכט.
א דריי געטאָן אהין זיך, א דריי געטאָן אהער
און נאָכאמאָל א פרווו געטאָן די שלעסער פון געווער,
נאָר ס'יאָגט פון זײַנע שכיינים דאָ א ווארגנדיקע שרעק,
זיי קוקן, ווי זיי וואָלטן עפעס נאָך בא אים געפרעגט.
נאָר ס'קאָן אצינדערט מאנצים זיי ניט ענטפערן קיין וואָרט,
ווײַל ס'זעען זיך די מאכנעס שוין די פינצטערע פון דאָרט.
אָט איז שוין די דיסטאנץ, ס'געווער גיט זיך א דריי,
ארויסגעלאָזט האָט מאנצים גלײַך א פײַערדיקע ריי,
און ציטערן געגומען ווי אין פיבער האָט דער טאנק —
מע פאלט שוין און מע לויפט שוין — ס'ארא כּיַעסדיק געטראנק!

VIII

און מאנצים קוקט דורך פענצטערל פון פיבערדיקן טאנק.
אין הינערפלעט די קוילן ער אליין זיך דאָרט דערלאנגט.
אדורכגעשניטן אײַליק האָט סאדאָווסקיס טייל דעם וועג,
אזוי ווי א באוועגלעכע, א לעבעדיקע זעג.
אָט זײַנען זײַנע אויגן און זײַן קאָפּ און זײַנע הענט.
אים דוכט, דער טאנק ארומגעכאפט מיט פײַער איז און ברענט.
די לעצטע קויל! די לעצטע ריי! — דעם ליוק גיט ער א שטויס,
און גלײַך ווי א פארשיקערטער פון טאנק ער שפרינגט ארויס.
אין אויגן — היץ. דאָס מויל — אין בלוט. דאָס פּאָנעם איז פארצערט.
ער קוקט זיך אום: מע לויפט אים נאָך. עס לויפט אן אָפיצער.
אין וועג פארוואלגערט באליקעס א סטאָס איז אפ א סטאָס.
א בליץ האָט דער בורלוק געטאָן. דערהערט האָט זיך א· שאָס.
נאָר יעדער טראָפּן בלוט זײַנער האָט, טריפנדיק, געברענט:
ניט אָפּגעבן זיך לעבעדיק די דײַטשן אין די הענט!
און אפ די קני צום אָפּגרונט פאלנדיק: — פארטײַ! —
א שפרונג געטאָן האָט מאנצים מיטן לעצטן הויך אין טײַך.
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

## 19. מיט א פערד און מיט אַן עמער האָניק

I

ווען בײַ דעם איבערוף, נאָך דרײַ טעג גאַנג,
האָט „מאַנציס" אײנעם װאַלד אַדורכגעהילכט מיט ליבע,
איז אָפּגעענטפערט אײנער האָט פון רעכטן פלאַנג:
— אין שלאַכט געפאַלן פאַרן הײמלאַנד װי א גיבער! —
געדוכט האָט זיך: ערשט איצטער יעדערער אים זעט
װי קײנמאָל ניט — א שטאַלטנעם און א טריבן...
שוין בײַ סאַדאָװסקין איז געלעגן אין פּלאַנשעט
א בריװ צו טאַטע-מאַמע זײַנע אָנגעשריבן.
מיט װאַרעמקײַט געװען איז אָנגעשריבן דאָרט,
אַז יעדער רױטאַרמײער װעט זײַן אָנדענק שעצן.
נאָר אָפּשיקן דעם בריװ װעט ער קײן סטאַלינדאָרף,
װי נאָר פון דער אַרומרינגלונג אַרױסרײַסן מע װעט זיך.
געבליבן אין די צעטלען פונעם פּאָלק איז ער,
און אין די הערצער בײַ די פרײַנט פון שלאַכט איז ער געבליבן.
און ס'האָט אַף יעדן איבערוף זײַן נאָמען זיך דערהערט:
— אין שלאַכט געפאַלן פאַרן הײמלאַנד װי א גיבער!

II

אין װײַט זיך ציט די טרױעריקע ערד,
די אױסגעטראָטענע פון װינטן און פון כאַיל.
סאַדאָװסקיס טײל האָט זיך אַף איר געמינערט און געמערט,
מיט זין באַװאַקסן און מיט טעכטער מיט געטרײַע.
קלײנװוקסיק, רירעװדיק, װי זיך געקױקלט שנעל,
געגאַן א רױטאַרמײער איז, אין ערגעץ ניט פאַרהאַלט זיך;
א סאַניטאַרן-טאַש אַריבער דעם שינעל,
א ביקס אַן אױסגעפּוצטע אַף די אַקסל.
ס'איז ברײט דער װעג, און שמאָל דער זױם, —
אַף אים נאָר קײַם אַדורכגײן זאָל מען קאָנען;
געפירט א פערד ער האָט דאָרט פאַר דער צױם,
געהאַלטן אין דער האַנט אַן עמער האָניק
און צו סאַדאָװסקין גלײַך געמאַכט א שפּאַן,
דירעקט, װי מיט א ראַפּאָרט א פאַרגרײטן:
— צי דאַרפט איר ניט קײן מענטשן, כאַװער קאַפּיטאַן?
מיר איז אַלצײנס — צי דער טײל, צי א צװײטער.

III

פארוואונדערט האָט סאדאָווסקי דאָס געהערט.
געקוקט. פארשטיינ פארשטייט ער עפעס דאָ ניט:
א סאניטארקע מיט א פערד. וואָס איז דאָס פאר א פערד?
וואָס איז דאָס פאר אנ עמער האָניק?
עס האָט די סאניטארקע זיכ געטאָנ צומ פערד א דריי,
א ווייַז מיט שטאָלצ אפ אימ אזוי געטאָנ האָט:
— דאָס פערדל, כאווער קאפיטאנ, איז א טראָפיי,
אונ א טראָפיי איז אויכ דער עמער האָניק! —
געזעסנ די פילאָטקע איז אפ איר מיט כיינ,
נאָר קוקנ אפ איר לאנג האָט זיכ סאדאָווסקי ניט פארגונענ.
— פונוואנענ? — איכ? פונ מאָסקווע כ'בינ אליינ!
— דייַנ נאָמענ? — אנטאָנינע, — אויסגעגלייַכט זיכ ווי א סטרונע.
אונ צוגעגאנגענ איז סאדאָווסקי צו איר נאָ'נט,
גענומענ פונ דער האנט בא איר דעמ עמער האָניק
אונ אייַנגעהאלטנ זיכ פונ א שמייכל ניט געקאָנט,
דערזעענדיק איר אָפגעברענט, איר יינגלש פאָנעמ.

IV

מע האָט זי ליב באקומענ גלייַכ, אינ איינ מינוט.
ס'פאריסנ נעזל איז באשפרענקלט, ווי מיט ליסקע,
די פולע ליפנ — אויסגעלייגט ווי בא א פלוט.
א ריר — אונ קלינגענדיקס וועט גלייַכ פונ זיי א פליס טאָנ.
בא אלעמענ א שניט געטאָנ האָבנ דאָס הארצ
אירע באריידעוודיקע אויגנ, פונקט ווי דימענטנ ווי גרינע,
נאָר שטעלנ רעדנ זיכ מיט איר א סאכ
האָט זיכ סאדאָווסקי ניט געקאָנט פארגינענ.
געהייסנ אָפפירנ האָט ער דאָס פערד
אונ אונטערווארפנ דאָרט א ביסל היי אימ.
— איז ווי האָסטו געטראָפנ גלייַכ אהער?
אונ ווו האָסטו גענומענ די טראָפייענ?
— מע ווייסט, אז ערגעצ נאָ'נט איז דאָ פאראנ א טייל,
וואָס רייַסט פונ קלעמ זיכ דורכ... פונ אונדזערע ניט ווייַט שוינ...
ס'איז אויכ באוווסט, אז פונ א דייַטשישנ טראָפיינעמ טאנק
האָט ער ניט לאנג אוועקגעלייגט א גאנצע ראָטע דייַטשנ!

V

באַם האָניק האָט שוין דראָזד געשלײַפט די ציין,
ארויסגעשלעפט פון אים די צאפלדיקע בינען,
און, קוויקנדיק זיך, האָט ער אויסגעקרעכצט; — דערצייל,
דערצייל, פונוואַנען ווייסטו, שוועסטער אנטאָנינע? —
באַטראַכט האָט פּערעליאָט דעם עמער פון דער זײַט,
באַוועגט באַ אים האָבן זיך דורכגעסאַרפּעטע די ליפּן,
און מיט געשמאַק אַרײַנגעלאָזט זיך אין א שטרײַט:
— ס'זעט אויס, דער האָניק איז פון הרעטשקע און פון ליפּע.
פון בינשטאָקס אייגענע און גלאַט אזוי זיך פון דער היים,
און גלאַט אזוי פון בענקשאַפט — ביז צו טרערן און ביז ווייען.
נאָר אָפּטראָגן מע דאַרף אים אין דער ערשטער ריי
צו די פאַרוווּנדעטע — זיי קומט צום אַלעם ערשטן די טראָפּייען.
איז ווו זשע האָסטו, שוועסטער, אים געפּאַקט? —
האָט פּערעליאָט מיט נײַגיר זיך געטאָן צו איר א ציי נאָך, —
ס'איז עפּשער נאָך פאַראַן, צו אַלדעם שלאַק? —
און אויסגעצוויטשערט, ווי א פייגעלע, האָט אנטאָנינע:

VI

— איז ווייסט מען, אז ס'איז ערגעץ דאָ א טייל פאַראַן,
וואָס רײַסט מיט שלאַכט פון קלעם אַרויס זיך.
מע גייט צו אים. מע גייט און איך בין אויך געגאַן,
און אף א רײַטנדיקן דײַטש זיך אָנגעשטויסן.
אינמיטן וועג — אנטבלויזט די שווערד,
אין כאָליעווע פאַרוקט א הילצערנעם פּאָלאָנעק,
געפאָרן רײַטנדיק דער דײַטש איז אַפן פערד,
געאָרעמט פריילעך מיט אן עמער האָניק
און איך — איך גיי פּאַקטיטשעסקע אנטקעגן אים...
„פּראָשטשײַ! — טראַכט איך זיך, — טאָניע!"
און ער דערלאַנגט א ריטש מיט א זאַראַונער שטים,
נאָר שיסן — ניט. ס'איז אים א שאָד געווען דער האָניק.
„נו, טראַכטן, טאָניע, — זאָג איך זיך, — זאָל איצטער טראַכטן ער",
און מיט א שאָס פון די געדאַנקען אָפּגעטאָן אים,
און אים אזוי געהייסן גיין אין דר'ערד
איניינעם מיט דער שווערד און מיטן הילצערנעם פּאָלאָנעק.

## VII

— ער האָט געוויס געמיינט, דער רײַטנדיקער נאר, —
האָט אפ דער נאָז א גלאנצ געטאָנ די הויט בא איר, ווי ליסקע, —
וויבאלד א רויטער קרייצ — איז בלויז א סאניטאר...
— ווער דענ ביסטו? — כ׳בינ, ערשטנס, כאווער, א ראדיסטקע! —
האָט זי אנ עפנ אופ געטאָנ דעמ סאניטארנ-טאש,
א זאכ ארויסגעשלעפט. באוויזנ פאָרזיכטיק אונ אקוראט זי:
— איר זעט אָט דעמ-אָ בלאנקנדנ באנדאזש?
אינ אימ איז אײַנגעוויקלט א טראָפּיינע ראציע!
בערלינ... — פאפירנ אייניקע געגעבנ א צעשיט, —
ער האָט געהאט נאָכ היגער. וורשט. נאָר שלעפנ אלצ מע קאָנ ניט —
געפאָרנ איז ער, ווי מע פאָרט אפ א יאריד,
באדאכט... ס׳זאָל זיכ ניט אויסגיסנ דער האָניק... —
סאדאָווסקי איז געווענ געפלעפט אונ איבערראשט,
עס האָט איר צוויטשערײַ געוויגט אימ ווי א ווינטל:
— איז אָט... כ׳קאָנ מאכנ א באנדאזש,
כ׳קאָנ מאכנ א פארבינדונג!

## VIII

— ווי אלט ביסטו? — אינגיכנ נײַנצנ יאָר!
— שוינ לאנג ביסט אפנ קריג? — פונ סאמע אָנהייב! —
א כוואליע בלאָנדע שפּרודלדיקע האָר
האָט זיכ א ריס געטאָנ אפ איר פארברוינטנ פּאָנעמ.
זי האָט זיי גלײַכ פארשארט מיט איינ באוועג,
אינ טאש די זאכנ ווידער אויסגעמאָסטעט.
פונ שול איז זי זיכ שלאָגנ פרײַוויליק אוועק
באצווייט מיט נאָכ א כאווערטע פונ סאמע מאָסקווע.
מיט שלאכטנ אפ צוריק מ׳האָט זיכ גערוקט,
מ׳איז אָפּגעגאנ מיט בלוט, פונ וויי פארנעפּלט.
געהיילט פארווונדעטע באמ דניעפּער אונ באמ בוג,
אונ אויכ אליינ פארווונדעט איז געפאלנ זי באמ דניעפּער.
עס האָט סאדאָווסקי אויסגעהערט זי מיט פארטרוי,
מיט נײַגיר הייבנדיק די ברעמענ:
— נו, גוט! פארנעמ אנ אָרט אינ סטראָי!
— פאראנ אנ אָרט אינ סטראָי פארנעמענ!

# 20. נאָכ אײנ קאָרדאָנ!

I

א מונטערקײַט מיט טאָניען איז געקומען אומדערווארט:
צוזאמענ אלצ — דאָס פערד, דער האָניק אונ די ראציע;
אי עפּעס פונ א קינד נאָכ אי אנטשלאָסנקײַט פונ שלאכט
אינ אירע קנאפּע צוואנציק יאָרנ האָט געהאט זי.
זי האָט שוינ אלצ געמײַסטרעוועט אהינ, אהער,
אנ אָרט שוינ אָפּגעשלאָגנ אינ עפּיר אינ הוילנ;
אונ אלע האָבנ שוינ פארטײַעטע געהערט,
אונ אלע, הערנדיק, געקוקט האָבנ אינ מויל איר.
א גרוס פונ זײַניקע האָט זיכ סאדאָווסקי שוינ געמאָלט,
כאָטש די געפאר פונ טאָג צו טאָג האָט זיכ געטאָפּלט.
א פרווו טאָנ וועט ער זיכ פארבינדנ מיט זײַנ פּאָלק,
אויב נאָר די שוצ ער האלט בא גראָנאָטאָפּ נאָכ...
געוואקסנ איז דער מאנגל אינ געווער,
אונ קוילנ אויספעלנ שוינ אויכ האָבנ גענומענ.
„נאָכ אײנ קאָרדאָנ אויב דורכרײַסנ וועט ער, —
האָט ער געטראכט מיט האָפענונג אונ אומעט, —

II

עפּנט זיכ אופ דער וועג צומ לעצטנ ראנד,
אונ מאכנ דאָרט דעמ לעצטנ שפרונג וועט מענ זיכ לאָזנ;
מיט וויפל ביקסנ אפ דער האנט ס'זײַנענ פאראנ —
צי וועט פארבינדונג ניט זײַנ, אָדער יאָ זײַנ!"
ער האָט סומירט, געוויגנ אונ געטײַטשט
דאָס אלצ, וואָס ס'האָט די אויסשפּיונג געבראכט אימ,
דער פּויער, די ראדיסטקע אונ דער דײַטש,
אונ אלצ אדורכגעזיפּט דורכ אײגענער באטראכטונג.
— נו, וואָס? — האָט ער צו אנטאָניענ זיכ געווענדט, —
מע הערט דיכ ניט? ווענ זענ מע זאָל דיכ קאָנענ,
א קוק געבנ אפ דיר ווענ ס'וואָלט א מעגלעכקײַט געווענ,
איז וואָלטנ זיכ געפונענ שוינ אפ ענטפערנ באלאָנימ! —
ס'האָט טאָניע ניט געהאט קײנ טראָפּנ לוסט
זיכ איבערשליסנ איצט אפ זײַטיקע געשפרעכנ.
אונ ער האָט שוינ געהאט פארטײַעט א באשלוס:
וואָס ס'זאָל ניט זײַנ, נאָר דעמ קאָרדאָנ פאנאנדערברעכנ!

III

נאָר איידער וואָס — געמאָלדנ האָט ער נאָכ
אנ אונטערוועגיקע פארטייִשע פארזאמלונג.
די טאָג-אָרדנונג איז — קלייַבנ א פארטאָרג.
געבעטנ קומענ גלייַכ אונ ניט פארזאמענ.
זיכ אויסגעזעצט מע האָט אונטער א בוימ אפ דר'ערד,
קאנדידאטורנ אָנגרופנ סאדאָווסקי האָט געבעטנ.
אונ גלייַכ „אָוואדיס" האָט פונ אלע זיכ דערהערט,
אונביימער צוגעשטימט האָבנ מיט שאָרכעדיקע בלעטער.
— ס'וויל עפשער עמעצער א וואָרט? — האָט ער געטאָנ א פרעג.
— צו וואָס? מע ווייסט! ס'האָט ליב א יעטווידער סאָלדאט אימ! -
באמ זייַט פונ וואלד געגאנגענ איז א וועג,
באמ ראנד פונ הימל האָט א זונ-פארגאנג געפלאטערט.
סאדאָווסקי האָט א קוק געטאָנ אפ אימ,
א קוק געגעבנ אפ די שלאכטיקע, פארטייַעטע ארומענ
אונ האָט דערקלערט מיט שטילער פייַערלעכקייַט אינ דער שטימ:
— אָוואדיס איינשטימיק איז אָנגענומענ!

IV

— זיכ אופהייבנ! — האָט דורכגעהילכט אינ פעלד
פונכנייַ א מארשעווע קאָמאנדע.
קיינ שנעלקייַט האָט אינ אויספיל קיינעמ ניט געפעלט,
נאָר ס'האָט קיינ ביקס זיכ ניט ארייַנגעלייגט אינ יעדער האנט ז'אָרט.
אונ פייַנלעכ איז אָוואדיסנ געווענ,
מיט זאָרג פאר יעדער קלייניקייַט באוואכנ,
דעמ וועג דעמ ווייַטערדיקנ צוקוקנ אונ זענ
בא פיל סאָלדאטנ — אָנ געווער די יאָסעמדיקע אקסל...
עס האָבנ יאָרנ, איינס נאָכ איינס, געטאָנ א פאָכ
אינ אקער, אינ פאדזיי, אינ ווּקס, אינ הויכע סטויגנ.
אָט זעט ער פונ די פינגפיאָרנ דעמ העלנ צעפאָלאָכ,
פונ זייער ליכט גייענ פאנאנדער זיכ די אויגנ.
אינ וואָס — געשיקט זיכ, אז דאָס אלצ איז שוינ ניטאָ,
צי ערגעצ יוידט זי נאָכ, די קראפט, נאָכ ניט קיינ אָנגערירטע?..
ווי א שטיק לייַב שנייַדט אָפ פונ אימ זיכ יעדער טאָג,
אונ דאָכ פילט ער זיכ יעדער טאָג אנ אופגעריכטער

V

בלויז פון א ליד, פון א סאָלדאטישער, וואָס אפן ראנד
דורך אלע אָדערן גיט זי מיט גוורע א צעפּלים זיך;
אין איר אָנבערעגיקייַט זיך מעלדעט נאָכאנאנד
סיביר, אוראל און דער באגינענדיקער מיזרעך.
אים דאכט זיך, אז ער הערט, ווי ס'אָטעמען די בערג,
ווי ס'טוען סטעפּעס אָן זיך אין באוואָפנונגען רייַכע;
ווען אופהייבן זיי וועלן זיך, א ריס טאָן זיך אהער,
וועלן קיין יאַם-פארפלייצונגען מיט זיי זיך ניט פארגלייַכן!
און מאָסקווע! מאָסקווע — פרי'ר פאר אלץ, —
האָט זיך אָוואדים האָפערדיק צום ראנד גענע'נטערט;
און דאָך האָט אים דער ווײַ פארשלייפט דעם האלדז,
און ניט געקאָנט געפינען האָט ער זיך קיין ענטפער!
ס'האָט אים באגלייט אין וועג אי פּייַן, אי ברויז,
און א געדאנק איז אופגעגאנגען אלע ווייַל, ווי פון א נעפּל:
געזען מיר האָבן אפ יאָרהונדערטן פּאָרויס
און ניט באמערקט צומאָל די ווייַזערס דאָ דערנעבן...

VI

אין יענע טעג איז מאָסקווע שוין געווען גרייט
צום איינס-אפ-איינס מיט די פאשיסטישע כאַיאָלעס;
זיך אָנגעצויגן יעדער אויגנבליק האָט שטייַפ,
און אויסגעפּרווט א יעדערער געווען ווי שטאָל איז.
פארוואנדלט אין געווער האָט זיך א יעדער שטיין,
און מויערן געווארט אפ א קאָמאנדע האָבן אלע;
זאוואָדן אופגעהויבן האָבן זיך אליין
אפ צו געבוירן ווערן פונדאָסניי אין סטעפּעס אין אוראלער.
געווען אָוואדים גראָד איז צווישן די,
וואָס ווערן אָפּגערופן צ'ריק ·פון שלאכט-פעלד,
אז ס'זאָלן די געווערקן ווי געהעריק זייַן באדינט
באם איבערוואָרצלען זיי דורך אויסגעיִבטע פאכלייַט.
נאָר בא זייַן נאָמען האָט א פראגע-צייכן זיך געקרויזט,
ווי אין א רעמעלע א שווארצינקס פון אווילעס:
— צי איז ער דאָ? צי פונעם קלעם איז ער ארויס?
צי פונעם קלעם ארויס דער גאנצער טייל איז?

VII

מיט אים אינײנעם אין דעם זעלבן ווזוואָד
איז אויך געגאַנגען דער דאָקטער, א פארקלערטער:
ער איז פון אלעמען ניט אָפּגעשטאַנען אף קיין טראָט,
די לאסט אף זיך געשלעפּט, ווי א סאָלדאט אן עכטער...
געלויכטן האָבן זײַנע גראָווע האָר,
געדוכט האָט זיך: זײַן כעזשבן טרויעריק זיי פירן,
אז אלץ, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן פאר אלע זײַנע יאָר,
געווען איז בלויז א צוגרייטונג צו אָט דער הייליקער מארשירונג.
דערלאַנגט אין וועג אָוואַדיס האָט אים טיי,
אים פארן קינד — א שטיקל ברויט און צוקער אויסבאהאלטן,
און זיך געפּרוּווט אזוי אים געבן צו פארשטיין,
אז פאר דעם קריג איז שוין א ביסעלע צו אלט ער...
נאָר ער האָט שמייכלדיק געוויגט דעם גרויען קאָפּ
און אפן קינד געטײַט: — איר זעט דעם בעזשענעץ דעם אויסגעהיטן?
אויך אים איז ניט קעדײַ צום זיידן אָפּפירן קיין גראָנאָטאָפּ,
געבראַכט דעם זיידן כ׳וואָלט אהער מיט אלע גראָנאָטאָפּער ייִדן!..

## 21. א געזעגענונג מיט דער שטילקײַט

I

געבלוטיקט האָט דאָס פעלד מיט רויטן מאָן,
צו דורכגייער גערִיסן פונעם פעלד האָבן זיך קווייטן.
פארטריבן האָט עס שוין צום שטילן דאָן
א מאכנע אָפּגעברענטע סטאלינדאָרפער פּלייטים.
קאָלווירטניקעס מיט קינדער, קליין און גרויס,
געבוירענע אין פעלד, געוואַקסן אף באשטאַנעס.
ס׳איז יעדן איינעם נאָכגעגאַנגען א זעטיק הויז,
און גוטס פארוועבט געווען מיט יעדן שפּאַן איז.
ניט אָנגעזען צום וואָגלעניש האָט זיך קיין סאָף,
די סטעפּעס זיך געשפּרייט האָבן ווי געלע יאַמען.
געטריבן אף קובאַן זיי האָבן טשערעדעס מיט שאָף
און אָקסן אײַנגעשפּאַנט מיט אייזעלעך צוזאַמען.
געגאַנגען אקשאָנעסדיק, פארזאָרגט און הארט
סײַ טאָג סײַ נאַכט — כאדאָשים גאַנצע.
און אָפּגעשטאַנען אלע ווײַל פארטראַכט
פון טרויעריקן צוג איז מיילעך מאַנציס.

II

געלעגן סטאַלינדאָרף איז ווײַטלעך פֿון א באַן,
פֿארפֿלייצט די באַן געווען איז מיט כאַיִל,
ס'האָט מיילעך אָוולדיק געלאָדן זײַן־ארבאַ,
ער האָט זיך עפּעס אזוי ווייטעקלעך געהײַעט,
ווי ער מעכילע וואָלט געבעטן בא דער קו,
און א פֿארשולדיקטער געשטאַנען בא די רינדער.
זיי צוגעפֿירט צו דער ארבא, זיך אַלע ווײַל פֿארקוקט.
עס האָט דער סטעפּ נאָך אזוי זומערדיק געגרינט דאָרט.
געקויקלט האָבן זיך די קאווענעס צו זײַנע טריט,
אַף אים געקוקט האָבן די ווײַנטרויב־לאָזעס;
„ווי זאָל דאָס הארץ ניט פּלאַצן בא א ייִד?!.. — האָט ער געטראַכט, —
גיי. רײַס זיך אָפּ פֿון דעם און נעם פֿאַרלאָז עס"...
צולעצט א שטײַגל אויפֿעס צוגעטראָגן בלויז
און צוגעקרעמפּעוועט צו דער ארבאַ דעם עמער.
„וואָס קומט פֿון דער געבענטשטער שעפֿע דען אַרויס,
אַז דאָס, וואָס ס'איז געבענטשט, קאָן מען מיט זיך ניט נעמען?!"...

III

די ערד, די אויסגעווייטעקטע אין שווייס און מי,
די ערד, וואָס האָט באשאָנקען מיט אַזויפֿיל פֿרייד אים
און זיך געהייסן אָפּגעבן דאָס טײַערסטע פֿון זײַן געמיט, —
מיט איר איז שווער געווען אים זיך צו שיידן...
דאָך האָט ער פֿון די אויגן ניט אדורכגעלאָזט קיין טרער,
אים האָט געדוכט: געזעגענען זיך גייט צו אים די שטילקייט,
די זעלביקע, וואָס לאַנגזאַם, דויערדיק און שווער
האָט ער אַן אייגענער אין איר דערפֿילט זיך...
און איצטער העלפֿט זי אים ארופֿלייגן אַף דער ארבאַ
די סאָטעס פֿון זײַן ערשט־פֿאַרלייגטן בינשטאָק.
— מיר לאָזן, בינען, אין א שווערן וועג זיך באַלד,
דער האָניק און דער גיפֿט האָט זיך א ביסל אויסגעמישט דאָ...
פֿאַראַן א טרייסט. א זיסע טרייסט פֿאַראַן איז דאָך,
ווי ס'זאָל דער ווייטעק איצט דאָס הארץ ניט קלעמען, —
ווען ס'וועלן דײַטשן קויקלען זיך צוריק מיט בראָך,
אויך זיי וועלן די ערד מיט זיך ניט נעמען...

IV

די ערד וועט בלײַבנ, ווי זי איז,
זי וועט נאָר עפשער קיינמאָל אונדז דאָס ניט פארגעבנ,
וואָס ס'וועלנ אפ איר טרעטנ טאָמע, מערדערישע פיס
אונ אפ א צײַט פונ איר ארויסרײַסנ דאָס לעבנ...—
ער האָט א יעדער לײַסטעלע באגראָבנ אינ דער ערד,
באהאלטנ אינ איר אינגעווייד די זאָמענ פונ געווירצנ:
— מירנ זיכ, בינענ, אומקערנ צוריק אהער,
אונ סטאלינדאָרפ וועט סטאלינדאָרפ ווי פריִער זײַנ!.. —
אונ זיכ אליינ געוועקט: די וועלט איז נאָכ א וועלט,
ווי ווײַט אונ שווער ניט ארויסקומענ זאָל גיינ אימ...
נאָר ס'וועלנ בינענ באלד זיכ אומקערנ פונ פעלד
אונ וועלנ דאָ ניט טרעפנ קיינעמ...
— באשעפעניש'נ קלוגע! — גיט זיכ מאנציס א דערמאָנ, —
זיי וועלנ נאָכפליִענ זיכ לאָזנ נאָכ די פליטימ...—
געבלוטיקט האָט דאָס פעלד מיט רויטנ מאָנ,
צו דורכגייער געריסנ פונעמ פעלד האָבנ זיכ קוויטנ.

V

אינ פײַער זיכ געבראָכנ האָט אפ ווײַט דער האָריזאָנט.
אווו — פארגאנ, אונ אָנגעכאפט אווו פונסנײַ זיכ.
ווענ אָנזאָגנ דער ערד וואָלט ער געקאָנט,
אינ סויגעס פיס זאָל זי זיכ אײַנהריזענ אונ זיי צעבײַסנ!
פארגעסנ ווערנ זאָל די רעכטע האנט בא דעמ, ווער אינ זײַנ היימ פארגעסט.
ער ווייסט: צעשיידונג ניט קיינ פרווו איז פארנ הארצנ!
ווענ קאָנענ זאָל געשענ א נעס,
אז עפענענ אינ דר'ערד זאָל פארנ פײַנט אנ אָפגרונט זיכ א שווארצער
באוויזנ האָט ער אינ דער לעצטער איינציקער מינוט
דעמ ברונעמ מיט די הענט די אייגענע צעשטערנ:
— דער „בכאָר“! — האָט אימ באנאָסנ זיכ דאָס הארצ מיט בלוט.
אונ פונקט ווי סאמ געפאלנ אינ דער טיפ זײַנענ די טרערנ.
דרײַ יאָר האָט ער דעמ גרונט געגראָבנ אונ געפאָרשט,
ביז וואסער האָט א שטראָמ געטאָנ מיט אלע טאמענ.
איז זאָל ער דאָ דערשטיקט ווערנ, דער דײַטש, פונ דאָרשט,
אונ זאָל א יעדער טראָפנ פײַכטקײַט אימ פארסאמענ!

## VI

געוואַלגערט זיך אין פעלד האָט וווּ-ניט-וווּ אַ וויג,
ס'האָט מאַנציסן באַגלייט דער סטעפּ אַ טרויעריק-פּאַזלאָזטער.
ער איז געגאַנגען דעם זעלבן וועג, ווי מיט אַ צײַט צוריק,
ווען ער האָט זיך געלאָזט צו סטאַלינען קיין מאָסקווע.
באַוואַקסן ער מיט בראָכע איז געווען פון האָרעוואַניע.
שוין ניט דאָס פּייסעכדיקע בעכערל געווען איז זײַן פּאַרמעג,
איז ביטער-גאַל געווען דער טרויעריקער וועג,
און שווער געווען אַרויסרײַסן איז יעדן שפּאַן אים.
אָפּ נאַכטלעג האָט ער זיך מיט אַלע גלײַך געשטעלט,
דאָס פּי איבערגעציילט און אויסגעטאָן זיך באָרוועס.
נו, גאָטעניו, איז מען עס אויסגעגאַנגען אַ וועלט,
זינט מיטן נעפּעש ער אַרויס פון סטאַלינדאָרף איז...
ער איז געגאַנגען מיט די פּיס איבער דער ערד,
און מיט די אויגן ז'ער געגאַנגען איבערן הימל.
אַ יעדער ווײַל האָט אַ בעהאָלע זיך דערהערט,
און אויפגעגאַנגען אַ יעדער ווײַל איז אַ געווימל.

## VII

פּאַרטרויערט אויסגעזען האָט יעדער לאַם,
געהויבן האָט פון זיי די וואָל זיך ווי אַ נעפּל.
די ערשטע האָט אַן אָנפּלי אומגעבראַכט אין פלאַם,
די צווייטע — אָן אַ קאָפּ — אַ פּאַל געטאָן דערנעבן.
דער מיטן עלעל-טאָג האָט זיך געהויכט אין פּראַכט,
אין בלוט געשפּיגלט האָט פון זון דאָס גאָלד זיך.
ס'האָט קיינער ניט געלייגט אָפּ דעם קיין אַכט,
אַ טשאַטע יונקערסן האָט זיי מיט בלײַ געשמאָלצן.
צונויפגעפּליעסקעט האָט געוויין זיך מיט געוויין,
זיך אויפגעשפּאַרט פאַר יעדערן זיך האָבן טהאָמען.
געלאָפן מ'איז. געזוכט מ'האָט זיך אַליין
און ניט געוווּסט, צי איז מען דאָ צי מ'איז ניטאָ מער.
ביזן וואָקזאַל האָט זיך צעשפּרייט אַ טויטער שלאָף,
געהויכט פון אַן אַרבאַ האָט ערגעץ זיך אַ שײַטער.
באַנאַכט האָט מאַנציס ניט געהאַט שוין מער קיין שאָף,
באַנאַכט האָט ער אין וועג אַוועקגעלאָזט זיך ווײַטער.

## VIII

געמונטערט האָט ער זיך: ס׳איז נאָך ניט אַלץ.
געקוקט די אויגן האָבן מילד פון אונטער שטויב און סאַזשע.
און ווען דער קו געטראָפן האָט אַ שפּליטערל אין האַלדז,
האָט מײַלעך צוגעלייגט אַ ציכטיקן באַנדאַזש איר.
געשפּרייט האָט זיך אין רויך אַ וווּנדיקער דער ראַנד,
דערמאָנט האָט זיך מיט ווײ די אָוולדיקע היים אים.
דאָס שטײַגל אויפעס ט׳ער געטראָגן אין דער האַנט,
אים נאָכגעגאַנגען איז די פאַרוווּנדעטע בעהיימע.
— ס׳איז שווער אַ בעזשענקע צו זײַן, ס׳איז שווער, —
האָט ער פון ווונד אירער געיאָגט די בײַסנדיקע פליגן.
באַנאַכט האָט זי אַ פאַל געטאָן צו דר׳ערד
און שוין אַזוי אין וועג געבליבן ליגן.
געזעגנט האָט זיך מײַלעך מאַנציס מיטן מעס,
אַדורכגעגאַנגען פאַר די אויגן אים זײַן אָוולדיקער הויף איז.
— גאַמ זו לעטויווע! — האָט ער שטיל דעם וועג געטאָן אַ מעסט
און זיך אַוועקגעלאָזט שוין בלויז מיט די יעסוימעדיקע אויפעס.

## IX

עס האָבן זיך געוועקסלט לאַנ מיט לאַנ,
און אויך אין טײַכן ניט געווען איז קיין מאַנגל.
געגאַנ זײַנען קאָלווירטניקעס קיין קאַזאַכסטאַנ,
און קיין טאַשקענט זײַנען קאָלווירטניקעס געגאַנגען.
דאָס ערשטע מאָל באַ בערג צוגאַסט,
פון די צופוסנס ביז די קעפּ מיט גרינס באַוואָקסן,
זײַנען קאָלווירטניקעס געגאַנגען אַפּ קאַווקאַז
מיט די געראַטעוועטע שאָפ, מיט רינדער און מיט אָקסן.
איבערגעהאַקט דער דאָן האָט מיט זײַן שטילן שטראָם
דעם וועג דעם טרויעריקן פון די פּלייטים.
אַרופגעשטופּט האָט מײַלעך מאַנציס זיך אַפּ אַ פּאַראָם
איניינעם מיט די אויפעס — זײַנע איינציקע באַגלייטער.
און סקריפּענדיק איז דער פּאַראָם געגאַנגען גלײַך,
מיט אַ הו־הא פאַרכאַפּט אַנ אָרט זיך יעדערער פאַרפרי׳ר האָט.
— עס האָט פון אַלץ זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך, —
האָט מײַלעך, שווימענדיק אַפּן פּאַראָם, געכקירעט.

X

— אבי מע לעבט! — האָט מענ געטאפּט זיכ שטומערהייט.
— אבי מ׳איז דאָ! — געהערט פונ יעדנ זיכ א שטימ האָט.
נאָר ס׳האָבנ זיכ די אויפעס מיטאמאָל צעקרייט.
וואָס לייגנ זיי אזוי די וועלט איַינ, גאָט אינ הימל!
דעמ פּאכעד אָנגעזאָגט די ערשטע האָבנ זיי,
אונ אלצ אפנ פּאראָמ א שטויס געטאָנ האָט דאמאָלט.
דערנאָכ האָט זיכ א שפּאלט געטאָנ אזא געשריי,
דערנאָכ האָט אלצ זיכ אויסגעמישט צוזאמענ.
געדרייט האָט זיכ א שפּארבער אינ די וואָלקנס הויכ,
געהערט האָבנ אימ אלע מיט פּארמאכטע אויגנ,
אונ א פּרילישעטער האָט מיילעכ זיכ דערזענ אינ רויכ
אפּ א שטיק האָלצ. די אויפעס — איבער אימ, אינ שרעק צעפלויג
עס האָבנ אָנגעזעגנ זיכ קעפּ, אונ הענט, אונ בערד,
אונ פונ זיכ טרינקענדע געגאנ זיַינענ געשרייענ.
דער הימל איז געלעגנ אפּ דער ערד.
קיינ ערד איז ניט געווענ. געוועזנ ווינד אונ וויי איז.

XI

ווי פונ אנ איי האָט פונ דער הייכ ארויסגעפּיקט זיכ באלד
א שטורעמ-פויגל — גראד אונ האסטיק.
— נו, זאָג קאפּוט, פּאשיסטישע ארבא!
מירנ דיר טייקעפּ צולייגנ א הייסנ פּלאסטער! —
ס׳האָט מיילעכ אפּ זיַינ ברעט געאָרעמט שוינ א קינד,
געטרייסלט עס אונ, קרעכצנדיק, אפּ דעמ געאָטעמט,
אונ איבער אימ האָט שוינ דער איינס-אפּ-איינס באגינט,
קיינ איב׳ריקס זיכ אינ הימל ניט פּארצויגנ האָט ער.
אונ ווי אנ אָנגעצונדענער פּארקרימטער האָנ,
ארויסגעהויכט פונ זיכ די דיַיטשישע, די טאָמע פּארע,
האָט זיכ א פליוכ געטאָנ דער יונקערס אינעמ דאָנ,
אונ ס׳האָט מיט שוימ דער טיַיכ גענומענ אימ פּארשפּארנ.
אדורכגעשווומענ מיילעכ מיטנ קינד בעשאָלעמ איז דעמ דאָנ,
דאָס הינער-שטיַיגל, א צעקנאקטס, פּארטראָגנ ס׳האָט דערנעבנ.
— נו, איצטער, — האָט ער אלע וויַיל א קרעכצ געטאָנ, —
איז פּאָשעט שוינ א מיצווע — בליַיבנ לעבנ!

# 22. דער שפּיגל

I

באַם אומגליק אינ דער פאַנשטשינע געשפּאַנט,
פונעם בייזיאַר דעם פינצטערנ געפלעטע,
דרײַ טעג דרײַ קײַלעכדיקע נאָכאַנאַנד
געשלעפּט האָבנ זיכ ייִדנ צו דער געטאָ.
א טרויעריקער צוג געשטוקעוועט פונ בראָכ,
אנ אויסגעלאַטעטער פונ אומגליק אונ פונ אײמע,
האָט זיכ געדוכט — פונ אײנ עק וועלט ביז צו דעם אנדערנ אונ נאָכ
גייט, איבערהיפּערנדיק לענדער, היימענ...
געגאַנגענ פיבערדיק. געקרעמפּעוועט דעם וויי,
גלײַכ ווי מיט פיס מיט הוילע איבער פײַער,
עפּעס געזוכט אינ דעם צעטומלטנ פאַרוויי
אונ זיכ געײַלט, פּונקט ווי מע גייט אפ א לעוויַע.
געטראָגנ זיכ אנטקעגנ האָט די געטאָ אופגעפּראַלט,
ווי זי וואָלט ביזנ האַלדז אינ פײַנ דאָרט שווימענ,
אונ אפ ארום האָט זיכ געהויכט דער בעלאָוועזשער וואַלד,
מיט שפּיצנ ביימער רײַסנדיק דעם הימל.

II

— ווער ווייסט דענ אפ ווי לאַנג?—האָט קרעכצ בא קרעכצ געפרעגט
אונ בליק בא בליק געפאָרשט האָבנ צעדולטע.
נאָר מיטגעשלעפּט האָט מענ די אָרעמקײַט אינ זעק,
אפ קינדער-וויגעלעכ, אינ טאַטשקעס אונ אינ מולטערס,
אונ אפ די דאַרע אויסגעהאָרעוועטע הענט,
אונ אפ די פּלייצעס מיט דער אָפּגעשיילטער קאָרע,
ארײַנגעגאַנ איז יעדערער געפּענטעט פונ פאַרלענד
מיט שוסטער-בענקעלעכ, מיט ניי-מאַשינעס אונ מיט כּפּאָרים.
אינ דר'ערד ארײַנ פאַר ווײ געקראָכנ איז דער וועג,
די געטאָ האָט — ווי אפ א מעס א גרוב — געוואַרט שוינ;
בא וועמענ זיכ געשפּאַרט אונטער דער פּאַכווע האָט א זעג,
בא וועמענ פונ דער קעשענע א הובל האָט געסטאַרטשעט.
אונ קאָלדרעס, טאַלעס-זעק, אונ טעפּ,
אונ טרויער, וואָס פונ דאָר צו דאָר געגאַנ איז בעירושע, —
דאָס אלצ האָט זיכ געטאָגנ צוזאַמענ א פאַרוועב
אונ זיכ באַוועגט דרײַ טעג, ניט וויסנדיק קיינ רו שוינ.

## III

כאנינע דער צירולניק איז געגאנגען בא א זײַט.
פארכושט. אינגאנצן ניט קיין היגער.
דעם טוטל ער אין בוזעם האָט באשטאט. די אויגן — ווײַט.
און אָפּגעדעקט געטראָגן ווי א פאָן האָט ער דעם שפּיגל.
זיך אָפּגעשפּיגלט האָט אין אים דער הימל און די שײַן,
דער גאנצענער ארום האָט זיך אין אים ארײַנגעבעט דאָרט,
און ס׳האָט געדאכט, אז ס׳טראָגט די וועלט ארײַן
כאנינע דער צירולניק אין דער געטאָ.
איז ער געגאנגען בא א זײַט, געהיט,
פון דער בעקאָװעדיקער לאַסט א ביסעלע זיך וויגנד;
און פאָרזיכטיק געמאָסטן זיך אליין די טריט,
ס׳זאָל כאס־כאָלילע ניט געשען דאָרט עפּעס מיטן שפּיגל.
ער איז געווען פארכושט און איבעראשט.
די אָדערן האָבן דעם האלדז געגומען אים פארציִען.
ס׳איז פון דער היים אים נאָכגעגאנגען דער טשארדאש,
אים נאָכגעוויינט האָט פון דער היים דער „איילי־ציִען"...

## IV

געטראָגן אפן בויך זײַן מאמע האָט די שטול,
וואָס ס׳האָט אפּ איר די שטאָט געשוירן און געגאָלט זיך.
זי פלעגט אזוי מיט נאכעס אָנגעלעבטן פול
באם שפּיגל אין צירולניע זיך אוועקשטעלן א שטאָלצע
און זען דורך אים מיט גרויס געגוס,
ווי אפן טוטל שפּילט כאנינע אינעם אלקער, —
א פוס פארוואָרפן אפּ א פוס,
מיט א פארטרוימטן בליק צום גרינעם באלקן,
און זען דורך אים דאָס פענצטער צו דער גאס,
און זען דורך אים די גאס מיט יעדער ליקל,
באמערקן, ווער סע גייט: צי ס׳איז א קונד, צי ס׳איז א גאסט,
און אפּ דער גיך א הויך טאָן און א ויש געבן. דעם שפּיגל...
און ווען זי האָט דערזען, אז ס׳גייען נאָך און ס׳קומען נײַע אָן,
האָט זי א רופּ געטאָן דעם זון מיט אזא מילדער מינע:
— גיי שוין ארײַן, כאנינע, אין סאלאָן,
מע קאָן דיך פונעם טוטל גאָר ניט אָפּרײַסן, כאנינע!..

V

אצינדערט שלעפט זיכ אפ כאנינעס פלייצע דער סאלאָנ,
דער גאנצער הימל האלט אינ אימ אינ איינ זיכ וויגנ,
פארוואָס-זשע זעט דער אלקער זיכ אינ אימ ניט אָנ? —
האָט בא זײַנ מאמענ זיכ דאָס שאלעכל געגעבנ א צעוויקל...
דעמ קאָפ נאָכ ראכמימ רײַסנדיק אינ ערגעצ הויכ,
האָט זי די שטול געטראָגנ מיט אזא מינ אימפעט,
ווי ס'טראָגט א מעובערעסע די לעצטע שאָ דעמ בויכ,
איידער סע וואלגערט זי אוועק דער קימפעט.
פארשטעלט דער שפיגל האָט פונ אירע אויגנ אלצ,
אונ אָפגעשטויסנ, א פארפרעמדטע, האָט די גאס זי.
אנטקעגנ צוגעגאנ דער אומגליק איז צומ האלדז,
פונ אונטנ נאָכגעשלעפט האָט זיכ אינ בראָכ דאָס מאזל.
זי האָט אפילע ניט געטאָנ קיינ מינדסטנ טראכט,
ניט אײַנגעפאלנ איז איר, טראָגנדיק דעמ בראָכ-שטול,
אז קונדנ בא כאנינענ וועלנ זײַנ איצטער א סאכ,
אונ בא די גריבער וואַרטנ זיי, צעלאָזט די האָר שוינ...

VI

זי האָט געגעבנ א דערמאָנ זיכ יעדער ווײַל,
וואָס מיטנעמענ פונעמ סאלאָנ איז איר ארויס פונ זינענ.
אויכ דאָ האָט זי, ווי שטענדיק, אימ געײַלט,
אימ אלע מאָל זי האָט א רופ געטאָנ: „כאנינע!“
אונ ער האָט ווי אפ אײַז די פיס געשטעלט,
דעמ האלדז צו זײַנ פארמעג געדרייט, דעמ ווי געגעבנ א צעוויגל:
נא, קוק זיכ אָנ, פאסקודנע וועלט!
נא, שפיגל זיכ נ'כאנינעס שפיגל!
מע וואָלט שוינ אָפגעאָלנ באדארפט פונ דיר דאָס מיטט,
וואָס האָט זיכ אפ דײַנ פאָנעמ אזוי ברייט צעוואקסנ. —
געוועזנ בא אימ די אויגנ זײַנענ וויסט,
עס האָבנ צו דער ערד געצויגנ אימ די אקסל,
די מאמע זוכנדיק — צי איז זי דאָ צי שוינ נישטאָ,
די אומבאקאנטע שוועל פונ אונטערגאנג באטרעטנד,
איז ער — אונטערנ שפיגל — מיט דער גאנצער שטאָט
ארײַנ — ווי גלײַכ אונטער א כופע — אינ דער געטאָ.

## 23. די לעצטע אסיפע

I

ווו — מיט געלאפ, ווו — מיט פארטייִ'סנ טראָט,
ווו — אפנ בויכ פונ ריוו צו ריוו מיט בראָכ געבעטע,
אדורכגעגאנוועט שטיל א פארטיזאנ זיכ האָט
פונ בעלאָוועזשער וואלד צום טויער פונ דער געטאָ.
זיכ אָפגעקער'ועט האָט אינ שאנד א יעדער שוועל,
געוועזנ פארהײַטלט-אויסגעלאָשנ זײַנעג פענצטער.
דערנידעריקט האָט אימ דאָ אויסגעזעג די וועלט,
אונ מענטשנ — שאָטנדיק, געשפענסטיק...
געקוקט אפ אימ פארכאלעשט האָט די גאס, —
צי האָט זי כוצנ אומגליק נאָכ אפ עמעצנ צו ווארטנ?
ניט ניכע זײַנענ איר געוועזנ די וועקנדיקע טריט פונ גאסט,
ארײַנדרעמלענ אינ טויט, ניט אופגעוועקטערהייט, האָט זי געגארט דאָ...
אונ גליק האָט גלײַכ אימ צו זײַנ כאווערטע געבראכט, צו נוימינ.
עס האָט א האָפענונג אינ הארצ געטאָנ זיכ א צעוויג,
זיכ אָנגעצונדנ האָבנ אופגעוועקטע טרוימענ...

II

— וואָס הערט זיכ דאָרט? — האָט גליק געטאָנ א פרעג.
— ווי האלטנ אונדזערע? — איז נוימי זיכ פארגאנגענ.
— ס'איז אלצ אינ אָרד'נונג! מיר פארקירצנ זיי די טעג,
נאָר ס'איז דערווײַל אינ אלצ צוביסעלעכ א מאנגל. —
ס'האָט גליקנ גלײַכ דער פארטיזאנ פארטרויט
די סיבע, וואָס געבראכט האָט אימ אינ געטאָ.
איז גליק אוועק אינ יידנראט: — איר פילט באפעלנ אויס פונ טויט,
איצט א באפעל פונ לעבנ אויספילנ דאָ וועט איר! —
געקוקט אפ אימ מ'האָט מיט בייזוווּנדער: — נו, דערציילט! —
דערציילט האָט גליק: — ניט ווײַט פונדאנענ
אינ וואלד זיכ שלאָגט א פארטיזאנער-טייל.
א דאָקטער מע באדארפ. פארוווּנדעטע זײַנענ פאראבענ! —
ווי פונ א ווינט האָט זיכ דער יידנראט געטאָנ א וויג,
א קרעכצ אדורכ איז, ווי אינ ביימער, ביז די שטאמענ.
נאָר מיט א דאָקטער איז דער פארטיזאנ אוועק צוריק,
ווו — מיט געלאפ, ווו — אפנ בויכ. באנאנד, צוזאמענ.

III

דער אומגליק זעטיקט זיך אין ערגעץ דאָ ניט אָן,
ס'קומט צו דער איימע אין געלויער ניט קיין זעט אָן.
געווען איז אין דער געטאָ א שפּיטאָל,
געווען דאָקטוירים זײַנען דרײַצן אין דער געטאָ,
אַף אַלע דרײַצן האָט אצינד דער קאָמענדאנט געוואָרט,
אַף אַלע דרײַצן האָט דער טאַליען פריק געהאַט א צעטל,
נאָך די אוועקגעגאנגענע האָט זיך געיאָגט די דײַטשע וואַך,
דעם פּאַרטיזאַן דעריאָגט, דער דאָקטער איז שוין צ'ריק אין געטאָ.
און ס'האָט דער מאַלכאַמאָוועס זי צעפּראַלט,
דאָקטוירים אופגעמאָנט, צווײ שאָ געגעבן צײַט זיי, —
אויב ניט ארויסגעבן דעם דאָקטער מ'עט אים באַלד,
איז וועלן הענגען און זיך הוידען אַלע דרײַצן!
איז האָבן זיך פאַרזאַמלט די דאָקטוירים אַף א ראַט,
זיך אויסגעזוצט זיי האָבן אַלע דרײַצן!
קיין צײַט קיין סאַך זיי האָבן ניט געהאַט,
צום מאַלכאַמאָוועס מיט אן ענטפער מ'האָט געײַלט זיך.

IV

און אופגעשטעלט האָט אײנער זיך פון שטול
און מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן פאָרגעשלאָגן בײניק:
— איך בין דער עלטסטער צווישן אײַך. איך נעם אַף זיך די שולד.
צום לעבן איז אלציינס געבליבן מיר שוין ווייניק. —
א ציטער דורכגעגאַן איז דורך דעם ראַט,
נאָר דער צוריקגעקומענער עס אָפּגעווענדט אליין האָט:
— די עלטער איז קיין סיבע ניט פאַר שיינעם טאַט,
די יונגקײַט איז קיין סיבע ניט פאַר קיין געמיינהײַט. —
האָט אופגעשטעלט אן אינוואַליד זיך אין דער הייך
אַף קוליעס צווײ און מיטן בליק — אין ביידע זײַטן:
— איך בין ביז העלפט אין האָלץ! דער רעשט איז אויך
שוין ניט פאַר גאָט און ניט פאַר לײַטן. —
און יעדער איינציקער האָט פאָרגעלייגט דעם קאָפּ,
און יעדער איינציקער האָט פאָרגעלייגט דאָס לעבן,
און אָט אזוי איז שטום אן אָפּשטימונג אראָפּ:
ס'וועט קיינער פון די דרײַצן ניט ארויסגעגעבן!

V

אזוי האָט מען געפּאַסקנט דעם גזאַר-דין,
דער ענטפער זאָל דעם טאַליען צו דער צײַט זײַן.
אין געטאָ איז געווען א בלוטיקער באַגין,
און אופגעהאַנגען האָט מען אַלע דרײַצן.
אין שויבן האָט געפלאַקערט דער באַגין, ווי אַלעמאָל,
און אויסגעגאָסן אפן גאַס האָט זיך דאָס טויטע צאַנקען.
געווען איז א באַפעל פאַרברענען דעם שפּיטאָל
און ניט אַרויסלאָזן קיין איינעם פון די קראַנקע.
ס'האָט פון קיין האָן זיך ניט געהערט קיין קריי,
ניט קיין געוויין, ניט קיין יעלאָלע פון די מאַמעס.
געהוידעט האָבן זיך די דרײַצן אין איין ריי,
און פון שפּיטאָל מיט א געקרעכץ געגאַנגען דער פלאַם איז.
פון גוימ'ס שטוב געזען האָט גליק די פּאַנאָראַם,
אין יענער נאַכט ער ניט צעשיידט האָט זיך מיט גוימין,
אין יענער נאַכט האָט ער געשווירן בא דעם פלאַם
ניט לאָזן פונעם אומגליק זיך באַצוימען.

## 24. אן אָנפלי

I

אן אויסגעפּוצטער האָט זיך קלאָפּס באַוויזן אפן פלאַץ,
ווו ס'האָבן קאַטאָרזשניקעס קנעכט געפּאָכט מיט די נעשאָמעס.
פון אָנגעבלאָזנקײַט, געדאַכט האָט זיך — ער פּלאַצט,
פון ערנגײַץ — ער אפ די פיס געשטאַנען קאָם איז.
אן אויסזען ער האָט דאַן געהאַט אזא
מיט זײַנע זאַטע אייגעלעך, פאַרשווומענע אין אייטער,
ווי ער צעפּרעגט וואָלט זיך בא יעדער זאַך:
וואָס טוט מען נאָך? וואָס מאַכט מען ווײַטער? —
ער האָט דאָך שוין אוועקגעשטעלט א וועלט א האַלבע אפ די קני,
וואָס נאָך צו אַלדי טײַוולען פעלט אצינדערט אים,
ס'פאַלט דאָך פון יעדער קיווער אויך אפ אים א כ'ילעק רענטע!
פּונקט ווי אן אומז'כטיקסטן טייל פון זײַן מאַיאָנטעק,
און אפן זייגער פינקטלעך קאָנטראָלירט,
וויפל ס'טראָגט יעדער קאַטאָרזשניק אַרײַן אים אפ זײַן קאָנטע.

II

אין בראָך איז א צעטרייבערטער געלעגן א וואָקזאַל,
ווי איינגעווייד געוואַלגערט אף ארום האָבן זיך ציגל.
עס האָט פאר קלאָפּסן ניט געהאט קיין ווערט בעדערעך-קלאַל
זיך אף דער כורווע אופהייבן, מע זאָל אף ווײַט אים זען, דעם זיגער,
נאָר אומבאַוועגט איז ער געשטאַנען, ווי א געץ,
וואָס דעמפּט אליינג פאר זײַנעטוועגן ווײַרעך,
אַזא ניט-צוטריטלעכקײַט האָט געזעצט
פון זײַן מונדיר, געשטאָפּט מיט גיר און גײַווע.
עס האָט זײַן שאָץ געטראָגן זיך פון דײַטשלאַנד 'אין א באַן,
ער האָט דאָ מיטן קרייץ דעם אײַזערנעם באַדאַרפט פאר איר א שײַן טאָן.
דערהערט האָט זיך א רויש פון א סאָוועטישן ערראָפּלאַן,
פון נאָך איינעם און פון א גאַנצן נײַנטל.
געבליבן הענגען זײַנען זיי אין הימל אף א ווײַל,
ווי פון דער הייך באַדאַרפט זיי וואָלטן עמעצן דערקאָנען.
און אין דעם אופגעפליגלטן אליאַרעם און געוויל
צעלאָפן זײַנען די געפאַנגענע זיך אונטער די וואַגאָנען...

III

אויך קלאָפּס האָט בליץ-שנעל זיך געטאָן א לאָז,
ניט ווי סנדיק אליינג אין ערשטן אויגנבליק ווהין נאָך,
בלויז מיט די אויערן גענומען מאַכן, ווי א האָז,
אַן אָנגעפרעסענער, א גראָבער און א גרינגער.
ניט לעבעדיק, ניט טויט אַדורכגעשלײַכט צו א וואַגאָן,
און ווי א הונט א שמעק טאָן אונטער אים באַמיט זיך,
אַז די באַשיידענע באַהעלטעניש זאָל, ווי זי קאָן,
מיט וואָס-ניט-איז דעם דײַטשן איבערהאַר באַשיצן.
און אָנגעבריגן האָט ער זיך, ניט לעבעדיק, ניט טויט,
מיט שווייס דאָרט אונטער איר אַדורכגעשפּאַרט זיך.
אַן איינפאַכע טעפּלושקע, אונטן — איינפאַך קויט.
דער רייעך, דאָנער-וועטער, ניט געווען איז אים צום האַרצן.
געשמעלצט האָט אונטער איר דער קויט זיך אומעטום,
נאָר וואָס פאַר א באַטרעף האָט קויט, ווען ס'אַליאַרמירט דער הימל?
פאַרגעסן קלאָפּס האָט אין זײַן שטאָלץ און רום
און זיך א וואָרף געטאָן, גלײַך ווי געלאָזט זיך שווימען.

IV

ס׳האָט קלאָפּס געמאכט זיך הארצ בא יעדנ קנאל,
אפּ אלע פיר זיך טרייסלענדיק מיט זידלערײַענ:
אוועקלייגנ באדארפ מענ זיך אפּ יעדנ פאל,
ס׳איז זיכערער! — אונ זיך א בייג געטאָנ אינדרײַענ. —
אזוי איז בעסער! נאָר די עקסקרעמענטע!.. אָ, קיינ ריר...
די רוסנ, דאָנער-וועטער, האָבנ עס פאר אימ באשטאט דאָ!..
געוועג באדארפט דערווארגנ האָט ער זיי נאָך פרי׳ר,
ביז איינעמ! אלעמענ! פארשפּעטיקט! שאדע!.. —
אראָפּגעסליוניעט האָט דער קרייצ דער אײַזערנער בא אימ פונ לאצ,
זיך מיט דעמ גלאנצ אינ קויט ארײַנגעזויגנ:
אך, ליבער גאָט! ווער ווייסט, צי ז׳, זײַנ שאצ,
איז ערגעצ מיטנ גאנצנ עשעלאָנ ניט אופגעפלויגנ!.. —
אימ אָפּגעענטפערט האָט א קנאל. אינ זײַנ פאראד-מונדיר
האָט ער איבער דער צורע זיך גענומענ שארנ.
אונ בא דער זײַט, אנ אָרט פארכאפּט פארפרי׳ר,
געלעגנ איז דער ייִד, דער קריגס-געפאנגענער גוראריע.

V

„ס׳איז דאָ ניט ווײַט!" — א זאָג געטאָנ גוראריע האָט פאר זיך,
ווענ א פוגאס האָט לאכנדיק געגעבנ א מעלויצע,
אונ האָט דערלאנגט א קוק דעמ הערשער אינ געזיכט,
ווי ער וואָלט אפּנ וווּנק אימ פאָרגעלייגט אנ אייצע:
„די קישקעס, קלאָפּס, די נאָבעלע באשטאט,
דעמ קאָפּ באדארפ מענ נידעריקער אָנבייגנ, הער אָבער".
ווענ קלאָפּס האָט אימ א קיווער זיך אליינ געהייסנ גראָבנ.
„דאָס זײַנענ אונדזערע!" — האָט אימ גוראריע מיטנ בליק געדעקט,
ער האָט געזענ, ווי ס׳טרייסלט זיך בא אימ א יעדער אייווער.
„דערווײַל, זאָגנ זיי, קלאָפּס, דיר, קריך אינ דרעק,
אונ קומענ וועט די צײַט, איז קריכנ וועסטו אויך אינ קיווער!"
א גראָב געטאָנ האָט קלאָפּס דאָס פּאָנעמ אינ דער ערד,
ניט זענ די כארפּע זײַנע זאָל דער ייִד גוראריע.
ס׳האָט דער פוגאס א ווײַלע אויסגעגלײַכט די קנעכט
מיט די ניט-טויט, ניט-לעבעדיקע אויבערהארנ.

VI

— גענוג! — האָט קלאַפּס א ביסל מיסט פונ מויל א שפּײַ געטאָנ,
זיכ מיט די היפּטנ ווענדנדיק צו דער געפּאר אונ צו די שכיינים,
ווענ אופגעהערט האָט איבער אים זיכ טרייסלענ דער וואגאָנ,
מע זאָל דערמאָנענ זיכ, אז ער איז קלאַפּס, אונ לאָזנ גלײַכ אליינ אים!
אליינ האָט ער געוואָלט פארבלײַבנ מיט זײַנ קאס,
אליינ פארבלײַבנ מיט זײַנ נאָבל-ריטערלעכער בושע,
אז קיינער זאָל ניט זענ, ווי אפ דער אָפּגעשמיסנ-טויטער גאס
וועט ער ארויסקריכנ אפ אלע פיר פונ אונטער דער טעפּלושקע.
ער איז געווענ געשטעמפּלט אומעטום מיט קויט,
דער דאשעק פונ זײַנ הויכער הוט געוועזנ אויסגעדרייט איז,
אונ ס'האָט פונ אים געאַוועקט ביז אונטער דער הויט,
אונ בײַגעווענ אפ דעמ פּאראד זײַנענ אזויפיל איידעס...
— זיי טאָרנ, דאָנער-וועטער, מער קיינ רעגע אים ניט זענ, —
צעפּרעגלט האָט איינ אים דער נאָבעלער פּארדראָס זיכ.
אונ קראצנדיק פונ זײַנ מונדיר די בלאָטע מיט די הענט,
האָט ער זיי מוטיק אינ דער נאָ'נטסטער יידנ-אקציע אײַנגעשלאָסנ.

## 25. א שטאָט אפ דער אקיידע

I

זיכ צוגעהערט האָט שטאָט צו שטאָט,
געווארט אינ טויטער שטילקײַט אפנ אומגליק.
מע האָט געוווּסט, א וועלכע איז שוינ מער נישטאָ
אונ וועלכע ברענגט מענ ערשט נאָכ אום דאָרט.
די איימע אָפּגעטראָגנ האָט עס באלד,
געבראכט עס גלײַכ אינ יעדער שטוב האָט:
אלציינס — באהאלט זיכ, ניט באהאלט! —
האָט טויב דער גוירל אויסגעטופּעט...
דער טרויער איז ארומגעגאנ צוגאסט
פונ שטאָט צו שטאָט, פונ דערפעלע צו שטעטל —
אונ דאָס, וואָס אויסגעקרעכצט האָט יעדער גאס,
האָט עס דער טרויער, שווײַגנדיק, באשטעטיקט.
געהערט אפ ווײַט האָט זיכ דעמ אומגליקס טראָט,
בא שוועלנ אָרעמע, בא שוועלנ נאָ'נטע,
ס'האָט ווער זיכ אָפּגעלאָזט אפ גאָטס באראָט,
אונ וועמענ ס'האָט דער וועג ווי מיט א שלייפ פארפלאָנטערט.

## II

אינ יעדער ייִשעוו האָט דער אומגליק זיכ געשטעלט,
א פאַנצער האָט באַדעקט ביז צו די סאמע טריט אים.
צום טויט ער ייִדנ האָט געיאָגט פונ גאָר דער וועלט,
אונ ייִדנ אומגעפירט אפ צוגנ צו דער שכיטע.
מיט א געקאָוועטנ פירעקעדיקנ קאָפ,
ווי מיט א קעסל-פויק אפ א בייזוווּנדערדיקער כאַגע,
איז יענעם טאָג ער אינ א שטאָט אריַינ לעמ גראָנאָטאָפ
אונ גליַיכ באַזעצט זיכ אפ דער אלטער סינאַגאָגע.
דערזעג די שטאָט ער אונטער זיכ האָט גליַיכ,
דערזענ א פאל טאָנ האָט ער באלד זי אינ דער נידער.
די היַיזער אויסגעציילט, פונ אָרעמ אונ פונ ריַיכ,
אונ אויסגעציילט פונ קליינ ביז גרויס די ייִדנ,
אונ אונטערוועגס — א לאַנגע טרויעריקע ריי —
מיט קרעכצ פונ קייטנ אונ מיט ווינטיקנ געאַכפער
אימ זיַינענ צוגנ נאָכגעגאנ מיט ייִדנ פונעמ ריינ,
אימ האָבנ צוגנ נאָכגעפאָלגט מיט ייִדנ-פראַכט פונ האמבורג.

## III

געשטעמפלט מיט סימאָנימ פאר די העק,
מיט צייכנס פאר די שעכטהיַיזער געשטעמפלט.
אונ ערגעצ אינ דער פינצטער, טאַפנדיק דעמ וועג,
אפ מאַלכאַמאָוועסדיקנ פיַיפ, געזאַלצענעמ אונ טעכפנ,
באַנומענ אונ באַרויבט — ביז לעצט,
בלויז מיט די שאַרפע בליקנ, גליַיכ ווי פאר געפעכטנ,
האָבנ דעמ אומגליק ייִדנ נאָכגעפאָלגט פונ מעצ,
געשלעפט אינ צוגנ האָט ער סאָכרימ פונ אנטווערפענ.
זיי האָבנ זיכ אפ קיינ וואָקזאַל ניט אָפגעשטעלט,
פאַרכאַסמעטע, ווי קוואָרימ, דורכגעגאנ פאַרהוילנ.
אפ שכיטע אָפגעקייטלט מ'האָט זיי שנעל
בא אויסגעשטאָרבענע פאָלסטאַנעקלעכ פונ פוילנ.
אונ אינ באַגאַזש האָט ער געפירט מיט זיכ, ווי אינ א צאמ,
באַגלייט פונ קרייצ, פונ האַק אונ מעסער,
א פראַכט-וואַגאָנ מיט ייִדנ-פיַינ פונ אמסטערדאמ
אונ פונעמ אלטנ פראָג דעמ לעצטנ ייִדישנ פראָפעסאָר.

## IV

פארפײַניקטע, געפּלעפּט אים האָבן זיי,
ס'האָט זייער בליק געפּענטעט אים מיט פּאכעד,
האגאם צום טויט געווען שוין נאָ'נט איז זייער ריי,
האגאם פארקלעמט מיט שטאָל געהאלטן זיי די וואך האָט.
געגאנגען ליכט איז אויך פון זייער צאר
און דורך דעם קלעם ס'האָט צו דעם הימל זיך געטוליעט.
קעגן דעם ליכט האָט, ווי א קנעכט קעגן דעם האר,
אין שרעק דער זאָנדערפירער זיך געמאָרדעוועט א דולער.
געווען די הימ זייערע נאָענט איז און ווײַט —
אי אף דער ערד אי בא די הימלדיקע ראנדן.
ערגעץ אף שטערן האָט געקוקט די גאנצע צײַט
אן אמסטערדאמער שלײַפער פון ברילִיאנטן,
א זאָקן א פארכאָלעצטער פון פּראָג
געהאלטן דורכדרינגלעך האָט צוגעמאכט די אויגן,
פונקט ווי אין שײַלעס און אין טשוועס אלץ פארבראָקט
וואָלט איבער צײַט דורך אים א פּילפּל זיך געצויגן.

## V

צי האָט די שטאָט געוווּסט צי האָט זי ניט געוווּסט,
אז אונטערפירעכץ נעמט דער מאלכאמאָוועס און די איימע?
נאָר ווינטלעך האָבן אומגעטראָגן בלאָנדזשענדיקן לוסט
א שפּיל טאָן זיך מיט טויטע בלעטער פון די ביימער.
ניט אָפּגעשטעלט אין וועג זיי קיינער האָט,
און קיינער ניט געפרעגט האָט זיי ווער גייט דאָ...
געלעגן א געבונדענע די שטאָט,
געווען די גאנצע וועלט איז אן אקיידע.
און ס'האָט געטאָגט. און ס'האָט געטונקלט. און באנײַט.
און בלעטלעך זיך געריסן האָבן טויטערהייט א שאָרך טאָן,
און ערגעץ אין א שטיבל האָט א מאמע בא איר קינד
די צעפּ אף שאבעס כפילעדיק דערפלאָכטן,
און ערגעץ האָט א זייגערמאכער אויסגעריכט די צײַט,
א גלעזער דורכגעקוקט האָט ווי א כאלעפּל דעם דימענט,
ער וועט זיך נאָך ארויסכאפּן אין גאס, ניט ווײַט,
ארײַנשטעלן בא עמעצן אין שטוב א שטיקל הימל...

## 26. געפלויגן איז די גאָלדענע פאַווע

I

צוויי קילאָגראַם פאַרמעג. א קלומעק באַ די׳ פּיס,
און גאַנצענע יאָרטויזנטער — צוקאָפּנס...
אינעם וואַגאָן מיט יידישע מישפּאָכעס פון פּאַריז
צוויי שוועסטער האָט א צוג געפּירט, צוויי שוועסטער גראַנאַטאָפּער.
מאָדיסטקעס לונגען-קראַנקע צוויי —
געוועזן שטענדיק שוואַנגער מיט דער לעצטער מאָדע.
און ס׳האָבן אָן א ליד די הענט באַ זיי
ניט צוגערירט זיך קיינמאָל צו דער נאָדל...
מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק
געלאָפן קיין פּאַריז זיי זײַנען פון א שכיטע, —
און ניט אַזוי באַזעצן אין איין שטאָט זיך מיטן גליק,
ווי ערגעץ פונעם אומגליק אין דער וועלט אַרײַן א פּלי טאָן.
און אויסגעבענקט די היים מ׳האָט ביז די גרויע צעפּ,
און לידער אָפּ די ניי-מאַשינען טרויעריק געשטעפּט:
געפלויגן איז די גאָלדענע די פּאַווע איבער יאַמען,
לאָז גריסן, פויגל גאָלדענער, די האַרצעדיקע מאַמע!..

II

געכאָלעמט האָט זיך זיי די פּאַווע אינעם פלי,
זיי האָבן ניט געזען, ווי ס׳שפּרייט אָפּ איר א נעץ זיך.
מע האָט זיי גוט געקאָנט אָפּ רי-דע-ריוואָלי,
און גוט געקאָנט מע האָט זיי ביידע אָפּן „פּלעצל״.
שוין צוויי און צוואַנציק יאָר — די בענקשאַפט טרעט ניט אָפּ,
שוין אויסגעגאַנגט דער מאַרך און דורכזיכטיק דער בראָך איז...
צוזאַמען אין וואַגאָן זײַנען זיי אַהיים, קיין גראַנאַטאָפּ,
די „לעצטע מאָדעס״ פירן זיי אין ביידע קילאָגראַם.
פאַרוואָרגט, וואָס ס׳ווערט א טעל פון די פּאַסאָנעס מינאַסטאַם...
דער צוג גייט אַלע ווײַל א קער׳ווע אָפּ צוריק זיך,
די ביינער קלינגען איבער אין דער נאַכט זיך מיט די ביקסן.
געפלויגן איז אַזוי די פּאַווע איבער פעלדער,
און ס׳האָט דאָרטן א פּעדער שוין א גאָלדענער געפעלט איר...
און ס׳דאַכט זיך, אַז דער צוג זיך יאָגט מיט א געוויין:
„ניט אַזוי די פּעדער, ווי די גאָלדענע אַליין!..״

III

אדורכגעפלויגן גאָרע ערד אין טרויער און אין לופט
מיט הארצעדיקע גרוסן פאר ליבע טאטע-מאמע.
פון וועמען וועט די פאווע איצטער אָפגעבן א גרוס,
פון וועמען וועט זי פליִען איצט אריבער אַלע יאמען?..
פארצוקט די גאסן אָרעמע — זיך יאָגן צוג נאָך צוג
און רײַסן זיך דורך פינצטערניש די לעצטע צו פארצוקן.
די טירן זײַנען אָפן, די פענצטער זײַנען צו,
אַפ גאנעקלעך גייט קיינער ניט דאָס שטעטל צו באקוקן...
און ס׳קומען מער קיין כאווערטעס קיין ליבע ניט צו גיין
און ניט מיט קיין געווייַן, און ניט מיט קיין געהאווע...
איז אויך אין וועג אוועקגעלאָזט צום קיווער זיך אליין
האָט ווי א טריבער זון-פארגאנג די גאָלדענע די פאווע.
ווי פעדערן די גאָלדענע געברענט האָבן די טרערן,
א יעדער טרער באזונדער איז געפאלן ווי א שטערן.
געוואָרגן זיך דער וועג האָט מיט איר גאָלדענעם געוויין.
ניט אזוי דער קיווער, ווי דאָס גראָבן אים אליין...

IV

פארקריצט און נומערירט געוועזן אלץ איז, ווי ס׳געהער,
קיין מינדסטער טאָעס זאָל אין ערגעץ אין קיין אָס זײַן.
די צעטלען האָבן זיך געווידמעט און געמערט,
ווי דײַטשלאנדס רײַכס-בוך פון פראָפיטן און האכנאָסע.
דער זאָנדערפיורער האָט אין קאָפּ א צעטל נאָך געהאט,
דער זאָנדערפיורער האָט אַפ א דערהייבונג זיך געריכט שוין,
דער זאָנדערפיורער האָט מעלוכעדיק באשטאט
זײַן היימלאנדס מאיעסטעטישע בייסאלמענדיקע ווירטשאפט.
געשווינדלט האָט פאר אים אין א גאלאָפּ
דער ווילטיק פון זײַן בלוטיק-ראָשנדיקער יוגנט.
פאר זײַן פארנעם געווען שוין קנאפ איז גראָנאָטאָפּ,
אים האָט באשײַמפערלעך שוין גראָנאָטאָפּ ניט באגענוגנט.
צו לענדער האָט זײַן ווילטיק אים געצויגן,
דערשטיקטע שטעט אונטער די פיס זײַנע שוין זעט ער.
און עפּעס דאָך האָט אים פארפאָלגט א טריבע שרעק,
בא די פארווערטיילטע געפילט זיך — א געפלעטער...

V

פארצויגנ שנעל ארום דער שטאָט האָט זיכ דער שלייפ,
דער טויט האָט אלע דורכגענג שוינ געהאט דאָ.
נאָר ערגעצ האָט א באַנדער צוגעפאסט א רייפ,
פונקט ווי א גורט אפ א צעפאלנדיקנ קאדעפ,
אזא גערעטעניש אפ אוגערקעס! מ'האָט ניט געזענ נאָכ אזא צאָל!
איצט קאָנ אפ ווינטער זײַערנ דער גרעסטער קאפצנ!
דער מארק איז אָפגעשאָטנ. פול. בעזיל-האזאָל.
אינ האָט מענ צו א יעדער קלעפקע צוגעכאפט זיכ.
אונ ווער עס זוכט. אונ ווועמענ ס'איז א שאָד,
וואָס ס'קאָנ אזוי כאָלילע נאָכ אוועק דער זומער...
אונ אפ א קיִוועל-גרוב—די מאָס פונ גאָר דער שטאָט
האָבנ מיט פינקטלעכקײַט די דײַטשנ שוינ אראָפגענומענ.
עס גראָבט זי שוינ מיט זאסטעפעס די שטאָט אליינ.
אפ העלפט שוינ אויסגעגראָבנ. באלד. זי איז שוינ פארטיק.
ס'כאפט אינ דער שײַנ, ווי אינ א מאמע, אָנ זיכ גרויס אונ קליינ,
אונ צו די געלע גערטנער רײַסנ אויגנ זיכ פארטראכטע...

VI

געווענ אפ אוגערקעס איז א גערעטעניש אינ גראָנאָטאָפ,
נאָר עפעס פרעמד געקוקט זיי האָבנ פונדערווײַטנ.
די גרוב האָבנ שוינ ביקסנ ווי א פאס ארומגעקלאפט,
שוינ דאָס געשריי האָט ביזנ הימל זיכ געשפּײַטערט.
מ'איז אָנגעקומענ גאסנווײַז פונ שטאָט—
מישפּאָכעס גאנצע אונ באזונדערע, אנ איידע נאָכ אנ איידע.
מיט ניט דערבראָקטע האָט דער קיִוועל זיכ געשטאָפּט,
באפוילנ פריִ'ר מ'האָט אויסטאָנ זיכ די קליידער.
פארטויבט פונ דעמ געקנאָט אונ דעמ געקנאל,
האָט איינער דאָכ געזענ, ווי ס'טוט דער צווייטער אויס זיכ,
אונ בלויז א שנײַדערקע, פארוויקלט אינ א שאל,
האָט פארנ טויט זיכ אָפגעזאָגט אנטבלויזנ...
זי האָט די הענט אירע פארבראָכנ אינ א קנופ:
— שיסט מיכ אזוי!—א וואָרפ איר קאָפ האָט פיבערדיק געטאָנ זיכ.
אונ פונ דער שטאָט געגאנ מ'איז אלצ נאָכ צו דער גרוב,
אונ ס'האָט די שטאָט אליינ אינ פיבער אומגעבלאָנדזעט...

## 27. שיראָקא סטראַנא מאָיא ראָדנאיא!

I

ס'איז אזא אײַלעניש געווען, אז אָניאָגן די שטאָט
האָט ניט געקאָנט קײן ווינט, ניט נאָר א בלינדע זקיינע.
און זי איז נאָך ארויס פארטאָג. זיך אפּ א שטעקן אָנגעשפּארט זי האָט,
זיך אָפּגערוט אין וועג, ס'זאָל לײַכטער זײַן צו גיין איר.
מיט א צעלאָזטן שאלכל אפן קאָפּ
האָט, א פארשטיינטע, זי געפירט די ייִנגסטע טאָכטער,
און ניט געווען, צי ס'איז אָדעס, צי מינסק, צי גראָנאָטאָפּ,
צי ס'איז די גאנצע וועלט און וואָס אזוינס ס'קומט פאָר דאָ...
איר בלינדקײַט איז געווען אצינד ווי א פּאטא
בעיס דעם ראשיקן באזעצנס פון א קאלע.
און מיטאמאָל האָט זי די לופט געטאָן א טאפּ
און אפּ א פּויק אפּ א פארבלוטיקטן געפאלן.
— וווהין זשע גייט מען? — האָט זי, גאָרניט זעענדיק, געפרעגט, —
און ווי האָט עס א קינד אליין געלאָזט א מאמע?
אז ס'כאקל אין אזא מעסוקענעם און לאנגן וועג
וואָלט מען באדארפט, ווי ס'לעבן, אים, דעם איידעם, זיאמען!..

II

א לעבעדיקע עסט זיך זיאמעס ווײַבל אופ:
מיט קינדער גייט די גאנצע שטאָט, און אָן א קינד איז זי אליין נאָר.
און אלע ווײַל גיט זי „יעהודעסל" א רופ,
ס'האָט עפשער עמעצער געזען זי פון די שכיינים...
— איר קאָנט זי, לערער, דאָך! — האָט זי א ריס געטאָן דעם האלדז
צום שאָכן אין דער ריי, וואָס איז געגאנגען ווי א וואָלקן.
נאָר ער — צום קייווער, ווי פארדעקטן ברויט מיט זאלץ,
האָט א דערשאָסענע געטראָגן אפּ די הענט זײַן קאָמסאָמאָלקע...
א לעבעדיקע פון דער שטוב איז זי ארויסגעגאנגען מיט אים,
און אָנגעטאָן אפּ זיך דאָס קלייד דאָס סאמע נײַע.
און פּלוצעם האָט אין וועג צעקלונגען זיך איר שטים:
„שיראָקא סטראַנא מאָיא ראָדנאיא!.."
און גלײַך האָט זיך א שאָס א טרוקענער דערהערט,
א פאל געטאָן האָט זי מיט ניט פארמאכטע אויגן...
איז אופגעהויבן האָט דער פאָטער זי פון דר'ערד
און אפּ די הענט געטראָגן זי צום קייווער ניט געבויגן...

III

אָון מיט א גאנצן יאַם פון זאָרג אין בליק
האָט פונעם אוילעם זיך א ריס געטאָן דער וואסערפירער מוישע-ארן.
ער וועט א לויף טאָן אפ א ווײַלע הין און צ׳ריק,
ס׳וועט ניט געדויערן, באהיטן זאָל דער אייבערשטער אזוי פון צאר אים.
ער האָט פארגעסן אָנפּאָיען דאָס פערד,
דעם ניט געגעבן פאר אוועקגיין קיין טרונק וואסער...
עס האָט א שאָס א לאכנדיקער זיך דערהערט,
און אויסגעצויגן מוישע-ארן האָט אינמיטן גאס זיך.
ס׳האָט זיך געדאכט: ער לויפט נאָך אלץ...
ס׳האָט זיך געדאכט: ער שווימט מיט קלאפטער דורך די קלעמער,
און גאָר די ערד מיט בלוט ער פּאָיעט פונעם האלדז,
ווי פון זײַנע וואסערפירערדיקע עמער,
נאָר ניט מע הערט, ער זאָל א „נאָ״קע טאָן צו דר׳ערד
און ניט קיין פײַפ, אז טרינקען זאָל זי פריילעך און געלאסן.
ער האָט פארגעסן, מוישע-ארן, אָנפּאָיען דאָס פערד,
ער וועט א לויף טאָן הי׳ן און צ׳ריק דעם געבן א טרונק וואסער...

IV

געגאנען זײַנען פארבליבענע דעם טויט אנטקעגן גראד
פון אומעטום, פונוואנען יידן קאָנען גיין נאָר,
צוויי מיידלעך, שוועסטער צוויי פון לענינגראד.
א ייד פון מינסק. פון פערוואָמײַסק — א זקיינע.
פון קלומעקל בא איר האָבן זיך לײַכטער דורכגעשײַנט,
איר האָט דאָס קאָל אין האלדז איבערגעבערענט שוין
פון אויספרעגן, צי פרײַטיק אפ דער וועלט איז הײַנט...
געריכט האָט זי זיך אונטערוועגנס ליכט נאָך בענטשן:
קיין איין מאָל האָט זי ליכטבענטשן נאָך ניט פארפעלט,
און איצט, ווען צוגעשטעלט איז צו דעם האלדז דער מעסער,
זאָל מען ניט וויסן, צי ס׳איז פרײַטיק אפ דער וועלט,
דעם ערעוו-שאבעס זאָלן האָבן יידן שוין פארגעסן?!..
נאָר אָפּגעשטעלט האָט זי זיך פון א שטויס,
דאָס טיכל אפן קאָפּ א שאר ארופ געגעבן,
א לײַכטער איז בא איר פון קלומעקל ארויס,
און ווי א שטיין האָט זי א פאל געטאָן דערנעבן.

V

עס האָבן זי די קלעפּ פון הענקער ניט גערירט,
ניט שווער געמאכט האָבן די שטויסנדיקע טריט איר,
ווי א פארכאלעשטע אַפּ דר׳ערד זי וואָלט דאָ ליכט
געבענטשט און טאָר ניט מאפסיק זײַן אינמיטן...
זי איז געלעגן א צעטראָטענע. און אַפּ איר פּאל
האָט פון די מיידלעך צוויי דערהערט זיך א געשריי דאָרט,
געגאנ זיי זײַנען אײַנגעהילטע אין איין שאל,
דעם גאנצן וועג ארומגענומען איינס דאָס צווייטע.
זיי האָט מען אופגעהויבן אײַלעודיק פון בעט,
ס׳האָט זיי, ווי שטענדיק, אין באגינען נאָך געשלעפערט,
פארזעסן זײַנען זיי די נאכט די פּזריקע זיך שפעט
איבער א גאנצן הויפן שילערישע העפטן,
און טרויעריק אדורכגעגאנ די שול פארבײַ
זײַנען זיי, קוקנדיק אַפּ איר ווי אַפּ א מאמע...
קיין לעקציעס וועלן הײַנט שוין מער ניט זײַן,
מיר וועלן לאנג זיך ...לאנג זיך הײַנט פארזאמען...

VI

געטאפּט דאָס קלומעקל האָט דאָרט אן אונגארישער ייִד,
א יעדער ווײַלע מיטן בליק געגעבן א באפאל עס:
דאָס דריטע יאָר, ווי ער האָט, גייענדיק, געהיט
און אויסגעהיט אין קלומעקל דעם אלטן טאלעס.
דעם קאָפּ האָט ער געהאלטן אַפּ א זײַט,
אים נאָכגעגאנ די פינצטערניש פון לעצטער נאכט אין שטאל איז,
געבעטן האָט ער זיך, ווען קומען וועט די צײַט,
באגראָבן זאָל מען אים אין טאלעס.
געטראכט א לעבן-לאנג און עפּעס ניט דערטראכט,
אַפּ זײַנע אויגן ניט אראָפּגעגאנ קיין שלאָף איז.
פון די קארפּאטן אָן, ניט אופהערנדיק, טאָג ווי נאכט
געיאָגט האָט זיך נאָך אים דער מאלכאמאָוועס
אין אזא שווינדלדיקן בארג-ארופּ און בארג-אראָפּ,
נאָר כאפּן האָט זיך דאָך ניט אײַנגעגעבן דאנ אים.
אצינד האָט ער דעם טאלעס אָנגעטאָן איבערן קאָפּ,
פּונקט ווי אין שול, בעשאס עס דוכענען קויהאנים.

VII

און בײַ דער זײַט, אַן אָפּגעצערטער ביזן ביין,
די הענט ניט ווײסנדיק, ווו צו באַהאַלטן,
געגאַנגען איז, עפּעס רײדנדיק מיט זיך אַליין,
אין גאָלדענע פּענסנע, אַ קיעווער בוכהאַלטער.
פֿאַרנעפּלט האָט זיך אים געדוכט פֿון ראַנד דער זוים,
צי די פּענסנע האָבן, פֿאַרהויכטע, אַלץ פֿון אים פֿאַרהוילן...
די אויגן איבער זײ אַ הייב געטאָן: פּונקט אָט אַזוי
איז מען געגאַנגען אין קיעוו צום לוקיאַנאָווקער בעסוילעם,
פּונקט אָט אַזוי-אָ אײַלעוודיק און שנעל! —
געכעזשבנט דער בוכהאַלטער האָט דעם בוך פֿון לעבן...
אַ ווײש געטאָן האָט ער די גאָלדענע פּענסנע,
און ס'האָט די גרוב געטאָן אַ שווינדל שוין דערנעבן.
געבליבן ניט קיין סך איז שוין צו גיין,
אונטער די פֿיס האָט ערד גענומען ביסלעכווײַז שוין פֿעלן.
און מיטאַמאָל דערפֿילט האָט יעדערער, ווי ער איז דאָ אַליין,
אַ זעץ געטאָן אויף אַלעמען האָט אַזאַ קאַלטער עלנט...

VIII

זיי האָבן בײַ דעם ראַנד פֿון גרוב זיך אויסגעשטעלט
און אויף אַ נעס געוואַרט ביז צו דעם לעצטן אָטעם —
און אָט אַזוי — איבער דער גאַנצער וועלט,
ווו נאָר די בלוטיקע גערמאַניע האָט געטראָטן,
ווו נאָר ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איר ברוינע נאַכט
און האָט די ערד אין אַש גענומען איבערטוישן.
און ס'האָבן בײַ דער וועלט די אויגן זיך פֿאַרמאַכט,
זי זאָל ניט בלינד ווערן אין בלענד פֿון די קדושים.
אונטער דער האַק, אין אַ פֿאַרפּלײצנדיקן יאַם פֿון ווײ
געשטאַנען זײַנען, טרינקענדיק דאָרט אָן אַ שיר אים-
די, וואָס די זיסטע ליבע אויף דער ערד האָבן געזייט
און זי באַפּײַכט מיט שטערנדיקן טוי פֿון שיר-השירים...
מיט ווײנענדיקע הענט געשטאַנען זײַנען זיי
איבער דעם ראַנד פֿון גרוב, געשטרעקטע צו דעם לעבן,
און דורך די בלאָנדזשענדיקע וואָלקנס, אײַנגעהילט אין שניי,
דעם פּײַן ווי אַ צוואָאָע האָבן זיי דער וועלט איבערגעגעבן.

IX

געבראכט מע האָט א מאמע מיט א קינד צו ענד,
פארוויקלט אינ א קאָלדערל, אדורכגעווייקט אינ טרערנ.
זי האָט דעמ גאנצנ וועג געוויגט עס אפ די הענט,
אנ אָנגעבויגענע אפ דעמ, סע זאָל אנשלאָפנ ווערנ...
ס'האָט אונטער פיס געענדיקט זיכ די ערד.
די הענקערס האָבנ פונ פארורטיילטע באשמעקט די בגאָדימ.
א שושקע זיכ געטאָנ האָבנ די שלעסער באמ געווער
אונ גיכ אונ פיבערדיק זיכ אָנגעלאָדנ.
די לעניגראדער לערערנס, די שוועסטער צוויי,
איינס צו דער אנדערער זיכ טוליענדיק, ארויס זײַנענ זיי ביידע
אונ צו די הענקערס צו: צעשיטנ גלײַכ די ערשטע זאָל מענ זיי,
ניט צווענ זאָלנ זיי די שכיטע אונ די ליידנ...
ווי א געלעכטער האָט זיכ גלײַכ א שאָס דערהערט,
אונ בא דער גרוב, אינ אָפגעצאמטנ איגל,
ווי מעוועס צוויי א פאל געטאָנ זיי האָבנ צו דער ערד
אונ זיכ אינ ריוו ארויפגעקײַקלט, פאטשנדיק מיט הענט, ווי פליגל.

X

אונ עפשער האָבנ זיי דעמ הימל דאָרט געדופנ מיט די הענט,
דעמ הימל, וואָס ניט אָנגעקערט האָט ער זיכ שוינ דער וועלט דאנ.
אונ עפשער האָבנ זיי אימ זאָפגעשטויסנ מיט די הענט —
געגאנ פונ אונטער סאמע הימל איז מענ נאָכ — ניט אָפגעשטעלטע...
אונ, ווי א בליצ אינמיטנ דעמ געהויל אונ דעמ געשענד,
האָט אָפגעשטעלט א פור באמ סאמע וועג זיכ.
אראָפגעגאנגענ פונ דער פור איז דער באלשעמ
אונ מיט דער פלייצע אויסקער'ווענ געהייסנ זיכ אולעקסענ.
דורכ דעמ געוויינ אונ שיסערײַ האָט ער
צומ קייווער אײַלנדיק געלאָזט זיכ ווי צומ אָמעד:
— אולעקסע, וואָרט אפ מיר ניט מער, —
האָט דורכגעריסנ זיכ זײַנ קאָל דורכנ געיאָמער,
אונ ס'האָבנ די הארוגימ זיכ אינ אימ געגעבנ א פארקלעמ,
אונ מיט די טויטע אָרעמס ראש אפ אימ א וואָרפ זיכ:
— שאָלעמ-אליכעמ, רעב יִסראָעל באלשעמ,
א יאשער-קויעכ פאר די ניסימ אונ די מאָפסימ!

## 28. קאָל־נידרע

I

און אין געשאָכטענעם אין אלטנ גראָנאָטאָפּ
זיכ אומגעדרייט דער אלטער שניצער לייווי האָט פארלוירנ,
ס׳האָט אימ געטראָגנ אָפּנעמענ די לעצטע גאָב,
וואָס גרייט געהאלטנ האָט פאר אימ דער גוירל.
מיט שטילקײַט האָט געאָטעמט הויז צו הויז,
די פענצטער — אופגעשפּארט, די טירנ — אָפנ.
ווענ ער איז פונ זײַנ קעלער-שטוב ארויס,
האָט ער אינ שטאָט קיינ לעבעדיקנ סימענ ניט געטראָפנ.
ער איז אדורכגעגאנ א גאס פונ עק ביז עק,
און דורכגעגאנ פונ עק ביז עק א גאס איז ער א צווייטע.
און צו דער שול. אינ שויב א קוק און צ׳ריק אוועק,
ווו נאָכ וואָלט ער געקאָנט איבער דער שטאָט א גיי טאָנ?
האָט ער זיכ אומגעקערט צוריק אהיימ צו זיכ,
די פענצטער אופגעשפּארט, די טיר האָט ניט פארמאכט ער
און גרייטנ זיכ צומ טויט גענומענ אפּדערגיכ
און אפנ מאלכאמאָוועס זיכ אוועקגעזעצט אינ שטילקײַט ווארטנ.

II

אריבער אכציק יאָר — אינ קאָוועד און אינ פראכט,
בא לײַטנ און בא גאָט, — און איבער אלע ווענ
געטראָגנ האָט אפ זיכ דער גראָנאָטאָפּער פּאטריארכ
דעמ גלאנצ פונ דאָלעטעס, סטאמעסקעלעכ און זעגנ.
ער איז געווענ א שניצער — איינער אפנ קאנט,
און אפ דער שטאָט געשעמט ער אויכ האָט פאר א לעונער.
זײַנ איידעלע שניצערײַ געווענ איז באקאנט
אפ ווײַט ארומ איבער א גאנצענער גובערניע.
ער פלעגט ארויספאָרנ אליינ אינ גראָנאָטאָפּער וואלד,
א דעמב זיכ אויסקוקנ און אויסמעסטנ אפ בראָכ אימ,
און זענ, ווי אונטער זינגענדיקער זעג ער פאלט,
צערײַסנדיק אפ זיכ די קאָרע און די מאָכנ,
דערנאָכ פלעגט ער מיט האלב־פארמאכטנ אויג
די קרײַזנ איבערציילנ פונ דעמ שטאמ ביז צו דעמ סאמע יאָדער,
דערנאָכ האָט ער אליינ זיכ ווי א בוימ געטאָנ א בייג,
דערנאָכ מיטנ געצײַג קעגנ דעמ דעמב זיכ אָנגעלאָדנ...

III

מיט זײַנע אלטע הענט האָט זיכ די שנעלקײַט ניט געפּאָרט
אונ ניט פונ שארפע דאָלעטעס די טאנצנדיקע בליצנ.
ער האָט נאָר אלע ווײַל אוועקגעשארט די באָרד,
וואָס מיט די שפּיצנ האָט בארירט די אײדעלע געשניצנ.
איבערנ שטערנ יעדער ווײַל האָט ער פארוקט די בריל,
פארקנײטשט אנ אויג, געקוקט מיט פארגעניגנ,
אונ ווענ ס'האָט אימ פונ פרײד דאָס הארצ געטאָנ א ברי,
האָט ער פארגינט זיכ אונטערברומענ שטיל א ניגנ...
געזעסנ איז ער איבער זײַנ געטריקנטנ געהילצ
אריבער פופציק יאָר אונ גרײט געווענ אפ נאָכ אזוי פיל,
ווי אינ א זילבערנער אטאָרע אײַנגעהילט
עס זיצט איבער די פארמעטנ די הײליקע א סוּיפער.
אונ ווי א מיזמער זיכ געלײגט האָט דאָס געמאָלטס,
אונ דאָס געשניצ האָט אלע ווײַל געטאָנ א הײב אימ,
אונ ס'זײַנענ אונטער זײַנע הענט פונ שטיקער האָלצ
ארויסגעגאנגענ לעבעדיקע לעמפערטנ אונ לײבנ.

IV

אינ דינסטנ האפט האָט זיכ געטוקט זײַנ אָרנאמענט,
אזא מינ לופטיקער, ווי ער אינ שוימ וואָלט זיכ געהוידעט.
באגערט האָט יעדער שול פונ זײַנע קישעפדיקע הענט
פארשאפנ זיכ א מאלכעסדיקנ אָרנ-קוידעש.
האָט ער א לעבנ-לאנג געמאכט זײַנ שניצערײַ,
אונ אלע יאָר — א סיִעמ צו זײַנ אײדעלער מעלאָכע.
אונ גאָטספאָרכטיק געווענ. געדינט צו אימ געטרײַ
אונ ניט געוווּסט, מיט וואָס צו דינענ זאָל ער נאָכ אימ.
ער האָט נאָר אײנס ניט ליב געהאט: באווײַזנ זיכ אינ שול,
באמיט אינ איר וואָס מער פונ קאָוועד זיכ באפרײַענ.
גלײַכ פונ דער מיזרעכ-וואנט עס וואָלט געקוקט אפ אימ זײַנ שולד
אונ ניט זײַנ הארצ, ס'פארקערפערטע אינ דינסטע שניצערײַענ.
אינ פאָליש בא דעמ דאווענענ א קײַלעכיקנ יאָר
איז ער אזוי האווײל-האוואָלימדיק געזעסנ,
ווי ער וואָלט זיכ פארטראכט, אז עפשער איז ער אריווער גאָר
אפ לא תעשה לך כל פסל[1]...

1 לוי סאסע לעכאָ קאָל פעסעל — זאָלסט זיכ ניט מאכנ קײנ אָפבילד.

## V

די לעצטע צײַט האָט ער קײן אָרנ־קודעש ניט געשניצט,
זיך אָפּגעגעבנ ער צו פּראָסטער סטאָליערײַ האָט.
„אַז וואָס? — האָט מיט די ברילנ ער געטאָנ א בליצ, —
קײן אָרנ־קודעשנ באַדאַרפּ זי ניט, די פרײַהײַט!
איז ניט! איז לאָז צום הארצ זיך נעמענ גאָט!
ס'איז זײַנס!" — האָט ער זיך שמײכלדיק געווערטלט.
ס'וועט אלפּי־סײכל אָנ א שניצער זיך באַגײנ די שטאָט,
אַזוי די גרײס, ביז קומענ וועט מאָשיעך אַפ זײַנ פערדל!
דערלעבנ זאָלנ ייִדנ נאָר ביז יענער צײַט,
אונ רודערנ בא ייִדנ זאָל ביז יענער צײַט זיך נאָר אַנ אײוועך,
וועט מענ מיט ליכט ארומגײנ זוכנ שניצערײַ,
פונ קײוועך וועט מענ אימ ארויסשלעפּנ: „רעב לײווי!
אַנ אָרנ־קודעש דאַרפ מענ איצטער פאַר דער וועלט!
פינ פימסנהאָלצ, רעב לײווי, שניצנ מע באַדאַרפ אימ!
צי האָבנ אײַך סטאַמעסקעלעך, רעב לײווי, ניט פאַרפעלט?
אָט זײַנענ זײ, רעב לײווי, גאָלדענע אונ שאַרפע!"

## VI

דערווײַל ביז וואָס, ביז ווענ — ארײַנגערוקט א בלײַ
א פינעפקאַנטיקנ אינ כאָליעווע זיך האָט ער
אונ קאָשער זיך גענומענ אָט אַזוי צו סטאָליערײַ,
ווי גאָצ האָט אלע ייִדנ סטאָליערעס געבאָטנ,
אונ ווידער פונ מאַ־טויווו — לעבעדיק אונ פריש
א ווירע אויסגעשניצט פונ א סאָסנאָווע ברעטל,
אונ זיך ניט אָפּגעזאָגט פונ אופשטעלנ א פראָסטנ טיש,
זיך ניט געוואָרפנ אויבעט מיט א פאָשעט טאַבורעטל.
אינ קלוב האָט ער די בענק אינ אָרדענונג געבראַכט
אונ שוינ פונ זיך אלײנ מיט שניצערײַ א פוצ געטאָנ די בימע.
אונ, שניצנדיק, א יעדער ווײַל געטאָנ א טראַכט:
„פונדעסטוועגנ, איז נאָך א גרויסער גאָט פאַראַנ אינ הימל!"
אונ ווענ דער דײַטש האָט מיטאמאָל געגעבנ א באַפאַל
אונ אלצ האָט ווי א ווירבל זיך גענומענ דרײענ,
האָט ער איבערגעוואָרפנ זיך, שוינ ציטערדיק אונ אלט,
אַפ אויסגעפּאַרבטע קעסטעלעך פאַר רויטאַרמײער.

## VII

אַרײַנגעריסן האָט זיך די בעהאָלע אומגעריכט.
ס׳האָט ניט פֿאַרשטאַנען קיינער, וואָס ס׳געשעט דאָרט.
באַלויכטן איר דעם וועג האָט סרײפֿעדיקע ליכט,
נאָך פֿון דער ווײַט האָט זי דערזען דאָס אָוולדיקע שטעטל.
דער אומגליק האָט זיך ווירבלדיק געטאָן אַ דריי,
אין הפֿקר זײַנען הײַזער שוין, פֿאַרבראָכענע שוין הענגען טירן.
געזעסן איז דער זאָקן לייווי אין דער היים
און פֿון דער היים אין ערגעץ ניט געוואָלט זיך רירן.
ער האָט געהערט פֿונווײַטן דעם בײזווונדערדיקן טראָט,
געוויין פֿון קינדער און פֿון זקנים האָט געהערט ער,
זיי האָבן זיך געלאָזט צופֿוס אַף גאָטס באַראָט
דעם נעפֿעש ראַטעווען פֿון מערדער.
נאָר ער האָט ערגעץ ניט געוואָלט אַוועק,
און אַפֿן רוקן נעמען ניט געוואָלט דעם קלומעק,
דער מאַלכאַמאָוועס זאָל ניט טרעפֿן אים אין וועג.
ער האָט ניט וווּ צו גיין. ער איז שוין אָנגעקומען.

## VIII

אַראָפּגעזעצט האָט ער זיך אַף דער ערד,
אַרופּגערוקט די ברילן אַפֿן שטערן
און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן שטיל דערקלערט,
וואָס ניט באַוויזן האָט ער נאָך פֿאַר אַכציק יאָר דערקלערן.
באַזאָרגט האָט אים דער אויבערשטער מיט ערלעך ברויט,
געשענקט האָט אים דער אויבערשטער אַריכעס-יאָמים,
און קינדער ניט פֿאַרלאָזן אין דער נויט,
און אים ניט אָפּקער׳ווען געלאָזט זיך פֿון זײַן נאָמען.
וואָס קומט אים נאָך אַרויס דען פֿון דער וועלט?
נאָך אַכציק יאָר שוין וואַרטן מער ניט אַפֿן וועג אים!
אָט דאָ וועט ער פֿאַרבלײַבן בײַ זײַן שוועל,
ער וועט אין ערגעץ ניט אַוועקגיין...
אָט דאָ, אויב ס׳איז באַשערט, וועט ער מעקאַדעש זײַן דעם שעם,
אָט דאָ אין שטוב נעבן דעם מאָקעם-קאָדעש,
וווּ ס׳האָט זײַן האָרעוואַניע פֿערציק יאָר געשעמט —
עס ווייכט די שטאָט און ס׳ווייסט איין גאָט עס!

IX

פאר זײַנע אלטע אויגן האָט געגעבן זיך א שטעל
אן אײדע ייִדן צו דעם טויט געפירטע.
עס איז אים מיטאמאָל פון זיי געוואָרן העל,
עס איז פון זיי אים מיטאמאָל געוואָרן ליכטיק...
געדוכט האָט אים, אז יעדן אײנציקן ער זעט,
געדוכט האָט זיך, זיי אלע גייען דורך פארבײַ אים.
זיי האָבן אלץ באזאָרגט מיט טפילעס און געבעט,
מיט מי באָייש און מי באָמאִים...
און גרינג און לויטער איז אזוי פון דעם.
עס מונטערן זייערע שאָרכנדיקע טריט אים:
ס׳איז ווי פארטאָג אין וואלד. נאָר ער אליין איז איצט דער דעמב,
און מאכט אפּ זיך אליין די בראָכע אל האשכיטאָ!
ווּהין זשע זאָל ער עס אנטלויפן פונעם גזאר,
אויב ס׳איז א גזאר אזא, ווי אלעמען, באשערט אים?
עס דויערט יעדער רעגע נאָר צופיל. א סאכ.
ער האָט דעם האלדז געהאלטן גרייט שוין פאר די שעכטער.

X

דער ראש פון זייער היצלשן געלאָפּ
געווען דערווידערדיק, געווען איז מיִעס אים.
געגאנגען לאנגזאם איז צו אים דער סאָף,
און ער, אן אָפּגעשיידטער, האָט געווארט — דער כײַעוו-מיסע...
מיט אים א כעשבן א באזונדערן געהאט
האָבן די בלוט-באזויפּטע לאָקערדיקע דײַטשן.
אן אייניקל — א באָלשעוויק. און עפּשער אויך דער זון... און גלאט
א ייִד. און דאָס האָט אלץ פארענטפערט און פארטײַטשט אים:
דער דעמב, דער דעמב... ניט נאָר דער דעמב אליין,
דער גאנצער וואלד דארף זײַן איצט פאר דער וועלט דער קאָרבן-כאטאָס!
ניט לייווי, נאָר דאָס פאָלק פון גרויס ביז קליין
שוין אָפּגעציילט און אָפּגעמאָסטן אקוראט איז...
און יעדן טאָג האָט ער דעם טויט געווארט,
געשטאנען בא די פענצטער אין די וועלט אזא מין גרויע...
און אָנגערוקט האָט זיך שוין פרי די נאכט,
און אָנגעקומען זײַנען די יאָמים-נוראָים.

## XI

„כבודו מלא עולם‟[1] — האָט אין הארצ בא אים געברויזט,
זײַנ כעסעד לאָזט זיך פאלנ אינ דער נידער.
ארײַנגעריכנ האָבנ זיך צו אים אינ הויז
צוויי דײַטשנ שיקערע אינ אָוונט פאר קאָלנידרע.
ער איז געשטאנענ אָנגעטאָנ אינ טאלעס אונ אינ קיטל גרייט,
אליינ, ווי קיינער מער וואָלט אינ דער וועלט שוינ ניט געווענ גאָר.
די דײַטשנ האָבנ נישטערדיק געגעבנ זיך א דריי,
אונ ארום אים דער קרײַז פארשלאָסנ האָט זיך ענגער.
ער האָט א קוק געטאָנ אפ זיי: מע דארפ שוינ גיינ?
א ווײַז געטאָנ זיי האָבנ אפ דער טיר אים.
אונ פארנ טויט האָט זיך אים נאָר געוואָלט פארשטיינ:
אינ וואָס באשטייט דער טאָעס דאָך פונ דער יעצירע?
אפ וויפל קער אזעלכער דאָך מיט מענטש זיך אָנ?
ווי ווײַט אזא באשעפעניש פונ אלצ דער סאָפ איז?
א ווײַלע נאָך איז ער געווענ פארטאָנ
אינ זײַנע לעצטע ערדישע מאכשאָוועס:

## XII

אָט איז זי, אָט, זײַנ אָרעמע, פארשעמטע שוועל,
דורך וועלכער ס׳זײַנענ אכציק יאָר אדורכגעפלויגנ;
פארוואָס האָט ער ניט ווענענ אינ דער גאָרער וועלט
צולעצט א קוק טאָנ אינ די אויגנ?..
אָט דאָ האָט ער די אָרנ-קוידעשנ געטאָקט,
פונדאנענ האָט באוונדערט גאָט אליינ זײַנ שניצערײַ דאָך;
פארוואָס האָט ער אינ גאָרער וועלט ניט ווענענ אָפזאָגנ א גוטנ טאָג,
כוצ זײַנע דאָלעטעס, וואָס זײַנענ אפנ פאָל צעשלײַדערט?..
ארײַנגעקוקט א בוים האָט הארבסטיק דורך דער שויב,
אים האָט גענדוכט, ער הערט דעם שאָרך פונ די פארוועלקטע בלעטער;
צי האָט ניט דער פארטאָג געגעבנ פונ געלעגער אים א הייב,
ווי דאנ, ווענ צו דעם וואלד מע פלעגט זיך לאָזנ פונעם שטעטל?..
האָט ער אָנ מי געמאכט דעם ערשטנ טראָט,
אים אָפגעריסנ פונ דער ערד איינײנעם מיט זײַנ ביטערנ סאכאקל
אונ זיך געכאפט: „איז וואָס? צי האָט ער דענ אינ גאָט
אצינדערט, פארנ טויט, געגעבנ זיך א וואקל?‟

[1] קווידוני מאָליי אוילאָם—עס איז פול די וועלט מיט אים (מיט גאָט).

XIII

ער האָט אין מערדער אײַנגעשניטן מיטן בליק זיך לאַנג,
און פֿאַרגעשטעלט האָט יעדערער פֿון זיי זיך הויל אים.
ס'איז דער קאָליר פֿון זייער פֿעל ווי בײַ אַ שלאַנג,
און ס'איז בײַ יעדערן דער פּאַרצעף פּונקט ווי בײַ אַ גוילעם.
ס'האָט קלאָרקײַט אים דערלאַנגט אין קאָפּ, ווי מיט אַ שטיין,
ווי ס'וואָלטן אָקאָרשט זיך געעפֿנט זײַנע אויגן:
די מערדער זײַנען צוויי, און ער — אַליין,
די צײַט איז זיי פֿאַרבײַ, און ער מיט צײַט איז אָנגעזויגן.
דערלאַנג אַזוינעם מיט אַ האַק פֿאַרפֿרי'ר,
איז וועט ער אומפֿאַלן פֿאַר דײַן צופֿוסנס, ווי אַ טעמפּע כײַע,
נאָר זיי האָבן געײַלט זיך ווײַזן אים די טיר
מיט שוואַרצע רערן פֿון קליינזײַען.
זיי האָבן אים אַדורכגעפֿירט איבער דער שטאָט
און צוגעײַלט אים טעמפּ, אַז גיין זאָל ער געשווינדער.
אָט זײַנען שוין קײַן שטיבלעך מער נישטאָ,
און אָט באַווײַזט זיך שוין אַנטקעגן אים די ווינטמיל.

XIV

לעם איר פֿלעגט מען אין וואַלד פֿאַרקער'ווען נאָך געהילץ.
צוריקוועגס פֿלעגט מען זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ לעכאיִם.
אַצינד האָט דאָ פֿון קראָען זיך געהערט אַ גרילץ.
אַ באָרעכאַבע לײַווינו! — פֿ'ן מאַכשאָוועס אַ צעשטרײַ אים,
ווי אַן אַסיפֿע וואָלט דער טויט פֿאַרופֿן אָט אַהער.
ס'גיט אַלע מאָל די ווינטמיל זיך אַ קרעכצנדיקן הוידע:
געלעגן זײַנען ייִדן אַרום איר מיט פּענעמער צו דר'ערד,
פּונקט ווי יאָמקיפּער אין דער שול צו דער אַווידע...
נאָר קיין געוויין האָט זיך פֿון קיינעם ניט געהערט,
און ס'האָט אין האַרצן ניט געקלאַפּט זיך קיינער.
דערקאָנט זײַנע לאַנגאָנעדיקע אַלטע שכיינים.
אַזאַ צונויפֿגעמישט-פֿאַרגליווערטער געפֿלעכט:
די סטאָליערעס, די טעסלער און די באָנדער,
ווי ס'וואָלטן זיך די קלעפּקעס מיטאַמאָל צעפֿאַלן פֿון דער ערד,
און מע באַטראַכט: ווי טוט מען איר צוריק די רייפֿן אָן דאָרט!

## XV

די קלוגע גלעזערס מיט די קעסטלעך גלאָז און קיט,
וואָס אויסגעגאַנגען מ'איז מיט זיי דעם קאַנט אַף גאַנצע מײַלן,
זיי ליגן איינס צום אַנדערן געפּענטעט און געשמידט
מיט ניט פֿאַרקילטע שפּריכווערטלעך אַף טויטע מײַלער.
אָט באַלד וועט יעדערער זיך טאָן אַ כאַפּ,
אַף כקירע וועלן באַלד אַ שאָרכע טאָן די בערד די האַרבע
בײַ אײַנבינדער, מיט ברילן אײַנגעריכט אין פּאַפּ,
בײַ שטריקלדרייער מאָכיקע, בײַ געלע גאַרבער,
בײַ שוסטערס און בײַ זייגערמאַכערס פֿון דעם שטאָט
און בײַ לאַטוטניקעס, וואָס פֿלעגן איבער דערפֿער אומגיין...
מיט וואָס פֿאַר אַ מין ראַכוועס זיך אַוועקגעלייגט אַ יעדער איינער האָט,
אַרומגענומען זיך פֿאַרקלערטע מיט דעם אומגליק?!
געדוכט זיך, פֿון אַ וועג אַ ווײַטן דאָ מע רוט.
די טאָרבעלעך אַף רוקנס, ווי צונויפֿגעלייגטע פֿליגל.
געגלאַנצט האָט אַרום זיי דאָס ניט פֿאַרקילטע בלוט,
און זיי האָבן זיך אַלע טויטערהייט אין דעם געשפּיגלט.

## XVI

ס'האָבן די הענקער לייווין צו דער מיל געבראַכט
און אין די הענט אַרײַן געגעבן אים אַ רידל.
אַן אופֿגעהאַנגענע האָט זיך געוויגט די נאַכט,
געשפּילט אין ווינטמיל אַן אָרקעסטער האָט קאָלנידרע.
איבערגעוואָרעט אין דער פֿינצטער אַ שאַקאַל האָט אַ שאַקאַל,
געשפּילט אַף ביינער האָבן זיי מיט נאָטן אַף געשטעלן,
ווי אופֿגעגאַן אין ביל פֿון קאַפּ-האַקאַל
וואָלט אַף אַ גאָטעסדינסט אַ טײַוולשע קאַפּעלע.
געווען די ערד אַרום פֿון בלוט איז רויט,
געווען די ווײַט איז שוואַרץ פֿון ווײ און ווינד דאָרט;
די פֿליגל האָט געשטרעקט צום הימלדיקן רוים,
ווי הענט פֿאַרבראָכענע און פֿינצטערע, די ווינטמיל.
ס'האָט ניט באַנומען לייווי, וואָס געשעט,
און ניט באַנומען לייווי האָט דעם טײַוולשן געיבל,
ווי אין דער וועלט וואָלט מיטאַמאָל אַרײַן אַ שעד,
ווי אין דער וועלט וואָלט מיטאַמאָל אַרײַן אַ דיבעק.

## XVII

— גראָב זיך אַ גרוב! — האָט זיך פֿון קאַט דערהערט, —
דרײַ אײלן פֿינקטלעך אָפּמעסטן פֿונדאַנען! —
און אָפּגעטאָן האָט פֿונעם זאָקן זיך די ערד,
וואָס ער אויף איר איז איצט דאָס לעצטע מאָל געשטאַנען.
צום הענקער האָט ער נענטער געמאַכט אַ טראָט,
מיט זײַנע אַלטע אויגן דורכגעדרונגענע דאָס געביין אים,
און ניט נאָר אים אַליין געזען ער האָט,
נאָר אַלע דײַטשן אָנגעשטאָפּט אין אים, אין איינעם...
פֿאַרלאָזט האָט אים פֿון נאַכט פֿון האַרבסטיקער די קעלט,
און אָפּגעטאָן האָט זיך דער פּאַכעד פֿון זײַן האַרצן.
געזען האָט ער דעם סאָף פֿון גאָר דער וועלט
אין אָט דעם טעמפּן הענקערדיקן פּאַרצעף.
„מע דאַרף זי ניט, די וועלט!" — האָט ער געטאָן אַ טראַכט,
צום מאַלכאַמאָוועס נענטער געטאָן אַ ריס זיך...
די ווינטמיל האָט געשפּילט. דער הענקער האָט געלאַכט.
„אַ וועלט אַזאַ איז כײַעוו-מיסע!"

## XVIII

און ווי אויף שניצערײַ צום לעצטן מאָל געשטעלט,
האָט לייווי אויפֿן שטערן זיך צום לעצטן מאָל פֿאַרוקט די ברילן.
נאָר ס'איז קאָלנידרע איצטער אויף דער וועלט,
און גראָבן מיט אַ רידל אום יאָמקיפּער איז אַ כילעל...
די ווינטמיל האָט געשפּילט. דער הענקער האָט געלאַכט
און אויסטאָן זיך באַפֿעלט דעם זאָקן צו דער אַרבעט.
ער ציילט די לעצטע רעגעס אים און וואַרט.
נאָר אויוועך זײַן אַ דין איז פֿונעם טויט נאָך דרײַ מאָל האַרבער!
האָט ער דעם טאַלעס אויסגעטאָן. אים אָנגעטאָן דער ערד.
שוין פֿלאַטערן גענומען פֿון זײַן העמד האָבן די אַרבל.
דעם רידל אויפֿגעהויבן אין דער הייך האָט ער,
אַדורך דער פֿינצטערניש זיך אײַנגעקוקט אינעם לאַקירטן שאַרבן,
אַ ווײַלע גאָרנישט ניט באַנעמענדיק אויף אַקוראַט,
און ווי אַ לייב מיט אַ געברום: — על דעת המקום![1] —
האָט ער אַ לאָז געטאָן דעם רידל אויפֿן קאַפּ
און ווי אַ קוויטשענדיקן קלאָץ געגעבן אַ צעבראָך אים!

---

1 אַל דאַאַס האַמאָקוימ — מיט גאָטס האַסקאָמע.

# 29. פון דער גרוב

I

דער דײַטש האָט יעדער ווײַל אַנ אַנדער שטאָט געטאָנ אַ ריס
אונ אירע אײַנוווינער געטריבנ אַפּ האַריגע.
געהערט האָט קאָוונע, ווי מע קוילעט בריסק,
געהערט האָט ווילנע, ווי מע קוילעט ריגע.
אַ יעדער בלעטעלע פונ בוים, אַ מינדסט,
האָט אָנגעריסנ אַפּ דער צווײַג, ווי אַזאַ גרינ געשוויל נאָר.
געהערט האָט מאָלעוו, ווי מע קוילעט מינסק,
געהערט באָברויסק האָט, ווי מע קוילעט ווילנע.
פאַרצוקט האָט יעדער ווײַל אַנ אַנדער שטאָט די פעסט,
אונ אָפּגעהילכט דער בראָך האָט מיט אַ ווילדער טקיִע.
געהערט האָט קיִעוו, ווי מע שעכט אָדעס,
אונ מינסק געהערט האָט, ווי מע קוילעט קיִעוו.
אונ באַ דעם דניעפּער שוינ דעם זעקסטנ טאָג
געגאַנ אַ שטאָט צום באַבי-יאַר איז...
אָט דאָרטנ, אינעם יאַם פונ יאָמער אונ פונ קלאָג,
אַנטפּלעקט האָט זיך דער לעצטער וועג גוראַריעס.

II

די גאַנצע שטאָט געווענ פאַרקלעמט איז אינ אַ נעץ,
פונ דאָרט אַנטלויפנ זאָל ניט קאָנענ קיינער.
די קלעזמער זײַנענ דורכגעגאַנ צום סאַמע לעצט
אונטער דער וואַך פונ שאַרבנס אונ צונויפגעלייגטע ביינער.
דער ראָש פונ כאַסענעס האָט זיי דעריאָגט דאָרט, ווי אַמאָל
פונ כופּע-וועטשערעס — די וואָיענדיקע וויוועס;
— וואָס גייענ מיר? — זיך אָפּגעשטעלט דער פויק האָט מיטאַמאָל, —
וואָס פאַר אַ שפּיל דעם מאַלכאַמאָוועס באַ דעם ריוו איז? —
דערהערט אַ שאָרך האָט זיך אַ ווײַטער פונעם וואַלד,
אַ שאָס אַ סווישטשענדיקער אופגעקנאַלט האָט פּלוצעם.
דער פויקער האָט געגעבנ אַפּנ פויק אַ פאַל,
אונ ס'האָט דער פויק באַוואָשנ מיט זײַנ בלוט זיך.
אונ הינטנ איינער אַפּ דער גאַס,
זיך שלעפּנדיק פאַרשפּעטיקט אונ פאַמעלעך,
געטראָגנ ווי אַנ אָרנ-קוידעש האָט דעם קאָנטראַבאַס
אונ צוגעהערט זיך צו די טריט פונ דער קאַפּעלע.

III

נאָר ס'האָט די פעסט געלאכט. זי פונ געלעכטער האָט געקײַכט.
ס'האָט דער געלעכטער אפ דער שטאָט דער טויטער זיכ געהערט דאָרט.
אונ לאכנדיק, האָט זי געמייקעט אונ געקײַט,
אונ מייקענדיק, פארגאנ זיכ אינ געלעכטער.
ווי זי וואָלט דײַטשלאנדס רומ פארקנאסט דאָרט מיטנ טויט,
ווי זי וואָלט אויסגעגעבנ דײַטשלאנדס שרעק אונ כארפע,
געלאכט האָט זי מיט בלוט, געלאכט האָט זי מיט קויט,
פארקאשערט ביז אַרופ די יאטקעדיקע ארבל.
געלאכט האָבנ די ווײַסע צלאָמימ אפ די העק,
געלאכט האָבנ די שארבנס אפ מונדירנ גרינע,
ווענ קינדער צו די מאמעס הענט האָבנ געשטרעקט,
אונ ווענ אראָפ זײַנענ די מאמעס פונעמ זינענ.
מיט שטיקער וורשט האָבנ די מערדער זיכ געהאלדזט
אונ אפ מאציײוועס אלטע היקעדיק געהעפעט,
ווענ באַ א בינטל זקיינימ, אָפגעטאָנ פונ אלצ,
א סווישטשענדיקער זאלפ אראָפגעכאפט די קעפ האָט.

IV

זי האָט געלאכט, די פעסט, אפנ בעסאלמענ מיט געהיק:
ס'ארא מאיאָנטעק פונ די מייסימ ברענגענ דער פארזיי וועט!
ס'האָט ביז די גרונטנ זיכ דער קייוער שוינ געשטיקט,
פונ דעמ געלעכטער שווארצ געוואָרנ זײַנענ די מאציײוועס.
אונ אופגעשטעלט פונ די געהארגעטע א פלויט,
געקראָכנ זײַנענ מערדער, ווי די ווערעמ, אפ הארוגימ,
אראָפגעשלעפט האָט יעדער זיכ דאָס אָנטאָנ ביז דער הויט,
באטראכט, צי ביז דער מיסע זײַנ וועט עס גענוג אימ,
אונ אָנגעקוואָלנ פונ בעסאלמענדיקער רויב,
אונ פונ געלעכטער זיכ געקויקלט ביז צומ פאלנ,
ווענ שווײַגנדיק געזעגנט האָט א מאנ זיכ מיט א פרוי,
ווענ ניט צעשיידט האָט אינעמ קייווער זיכ א כאָסנ מיט א קאלע.
געוועסנ איז דער זאָנדערפיורער אינ אווטאָמאָביל,
ווי אינ א קרוינשטול אפ א יאמ מיט בלוט בעייס א שטורעמ.
— מוזיק! — געשריגנ האָט ער צו די קלעזמער, — שפיל! —
אונ פאר די אויגנ אימ געשטאנענ זיגרײַכ איז דער פיורער.

V

די אויגן צוגעמאכט און מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ
געריפּעט האָט איינער קלעזמער אַלץ נאָך אָפּן פידל —
אונטער מוזיק איבערגעוואַנדערט האָט אין קיינער גראַנאַטאָפּ —
די גאַנצע שטאָט מיט טויזנטיאָרעדיקע ייִדן.
מיט לעצטע קרעכצן אָפּגעשטופּט פון ווי די שאַרף,
געוואָרפן אין דער גרוב האָבן צו צוויי, צו דרײַ זיך,
ווי זיי וואָלטן פּינ קיינער נאָך באַדאַרפט
זיך לאָזן אין אַ ווײַטערדיקער רײַזע...
ניט אָפּגעהאַלטן האָט זיי שוין דעם זאָנדערפיורערס קאָל
און ניט דער פּאַך פון פּאַראַבעלום: — אַכטונג!
ווער ס'וועט אַהערברענגען דאָס ייִדיש גאָלד,
קאָן זיך זאָפּאַרט פאַר אַ באַגנעדיקטן באַטראַכטן! —
דער קלעזמער בלויז איז צוגעלאָפן: — איך! —
און קוקנדיק אָפּ אים מיט כאָסערדייעדיקע אויגן,
האָט ער דערלאַנגט אַ שפּײַ אים אין געזיכט,
און מיט אַ שמייכל זיך אין גרוב אַראָפּגעקויקלט.

VI

געוואַלגערט האָט דער פידל זיך, צעבראָכן, אין אַ זײַט,
לעם אים איבערגעקערט, פאַרבלוטיקט איז געלעגן
אַ לײַכטער, אײַנגעוויקלט אין אַ טיכעלע פון זײַד,
און קוילן האָבן נאָך געקלאַפּט, ווי לעצטע טראָפּן פון אַ רעגן.
די אַקציע געגאַנגען איז צום סאָף,
דער לעצטער שיכט האָט מיט געכאָרכל זיך פאַרשאָטן,
נאָר ניט געקומען אָפּן קיינער איז קיין שלאָף,
די ערד געהוידעט זיך אַ לעבעדיקע האָט דאָרט...
געטראָגן האָבן קרעכצן זיך פון אונטער דר'ערד,
איבערגעריסן האָבן זיך דאָרט קינדערשע געוויינען.
דער זאָנדערפיורער האָט זיי אויסדריקלעך געהערט,
נאָר ניט געזען קיין שאָטן מער פון זיי, קיין איינעם...
געזען די ווײַזערס אָפּ זײַן האַנט-זייגער ער האָט:
— זיך אײַנגעלייגט! ס'איז צײַט זיך אומקערן אָפּ רו שוין! —
און דורכגעפאָרן זיגרײַך דורך דער טויטער שטאָט
זײַנע געפּאַקטע לאַסטוואָגנס מיט ייִדישע מאַלבושים.

VII

און ס׳איז געווען באנאכט. און ניט געקומען אפן קיוער איז קיין רו.
די ערד האָט זיך געוויגט, אן אופגעוועקטע פון געוויינען,
און אופגעעפנט שטיל האָט זיך אליין די גרוב,
ארויסגעגאנ פון דאָרט איז אין דער פינצטער איינער...
ער האָט נאָך אלצ געזונקען אין א טהאָם, פארטויבט,
אן עפן טאָן האָט ער געפרוווט די אויגנ,
צי איז ער לעבעדיק, צי איז ער טויט,
און האָט דערזען: א קראָ איז דורכגעפלויגנ.
געשטאנען אפ דער גרוב איז ער אליינ
און ניט באגריפן, ווו דער אָנהייב, ווו דער סאָפ איז...
„צו וואָס איז ער ארויס? וווהינ וועט ער אצינדערט גיינ?"
און ס׳האָט צו אים פון וואלד דערטראָגן זיך א קלאָג פון סאָוועס.
„וווהינ איז נאָך פון קיוער דען פאראנג א וועג?
און עפשער יאָ?!.. עס זעט א וואלד דאָ אָן זיך"...
האָט ער געמאכט א טראָט און זיך געגעבן א באוועג
און צו דעם וואלד אוועקגעלאָזט זיך בלאָנדזען...

## 30. א באגעגעניש מיט דעם געקרייצטנ

I

נאָך טעג און נעכט פון בלאָנדזשען דורכן וואלד,
געיאָגט פון שרעק און איימעדיקן לויער,
האָט א פארמאטערטער געטאָן א פאל
גורריע בא א שטיבל פון א פויער.
צי ס׳האָט זיך אים געדוכט, אז ס׳ליגט דער דאך בא דר׳ערד,
צי ווירקלעך איז דער דאך בא דר׳ערד געלעגן,
נאָר באלד האָבן פון שט־בעלע זיך טריט דערהערט,
געגאנ פון דאָרט אן אלטער מאן איז אים אנטקעגנ.
גורריע האָט זיך אופגעהויבן. אָן א הוט.
די פיס אנטבלויזט און בין די לענדן נאקעט.
געשאָטנט אפ זיינ לייב האָבן זיך פלעקן בלוט,
און ס׳האָט אפ אים א הארבסטיק רעגנדל מאראקעט.
עס האָט דער פויער אים ארייַנגעפירט אין שטוב,
א צי ארויס געטאָן באם קאנעצל דאָס קנייטל
און א דערשטוינטער זיך געווענדט: — פונוואנען? — פון דער גרוב! —
געענטפערט האָט גורריע מיט א קאָל פון אלע טויטע.

II

א האָן האָט ערגעץ ווי פון יענער וועלט
מיט א בייזוווּנדערדיק געוויין צעקרייט זיך.
גוראריע איז געשטאנען בא דער שוועל,
געקוקט אפ אים פון ווינקל האָט דער יויזל פון דער קרייצונג...
אונטערן קאַנעץ-ליכט האָט אופגעגלאנצט איר אָפּגעוועלקטע אייל,
זי האָט אפ איר ווי בלוט פונסנײַ גענומען טריפן
מיט אזא ווײַטן טויזנטיעריקן געהויל,
נאָר גאָרנישט האָט גוראריע נישט באגריפן.
ער איז נאָך אלץ געגאַנגען איבער די אָפּגרונטן פארצוקט,
די קרייצונג אין זײַן בלוט האָט זיך געשפּיגלט און פארשווּנדן.
געדוכט האָט זיך: זיי גייען איינס צום צווייטן צו,
ווי איינער אינעם אנדערן דערקאָנט וואָלט זײַנע ווונדן:
— ביסט אויך פון גרוב ארײַן אין שטוב אהער? —
א וואקל זיך געטאָן גוראריע האָט אין פיבער.
עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים די רִיע און ס׳געהער,
די צײַט געטאָן אפ אים האָט זיך א בלעטער איבער:

III

און ווײַטער ווּ, געקרייצטער מאַן?
צי קלײַבסטו זיך ניט צו די לײַדנדע אין געטאָ,
זיך שטעלן, ווּ עס איז א קרייצוועג נאָר פאראַן,
„ניט קעגנשטעלן זיך" דאָרט פרײדיקן און בעטן?..
נו, גיי, געקרייצטער! גאָרנישט ניט באהאלט!
גיב די יעסוימים און אלמאָנעס איבער,
אז פוקסן האָבן זיך געטאָן א לאָז שוין פונעם וואלד
אפן גערוך פון אייוּוער-מין-האכײַ ארום די גריבער!..
נו, גיי! נו, גיי, געקרייצטער מאַן!
און גיב צו וויסן אין דער געטאָ בא דעם טויער,
אין הימל קיינער איז פון קרייץ ניט אופגעגאַנגען,
אויך דו זיך אויסבאהאלטן האָסט אין שטיבל בא א פויער,
וואָס ווייסט נאָך אלץ ניט ביז אצינד,
אז ס׳גייט די וועלט אין בלוט אָפּ פון דײַן שטײַער,
האָסט מיט דײַן אויסלייזונג די הענקער מער געדינט,
מעשולעך געטלעכער, ווי די באפרײַער!

 878—8

IV

וואָס קומט דיר, נאָזיר, נאָך פאר דײַן געקרײַצטער הויט?
פאר אונטערשטעלן אויך די באַק די צווייטע?
פאר אויסטראכטן אף דיר א בילבל נאָכן טויט,
ווי אויסגעטראכט געווען עס זײַנען דײַנע לײדן? —
ס'האָט אים ניט אָפּגעשטעלט דער ביינערדיקער קלאפּ
פון ווינט איבער די אויסגעוויינטע שויבן.
— ווארף פונעם קאָפּ דעם דערנער-קראנץ אראָפּ,
און מיט די הוילע פיס צעטרעט, צעשטויב אים!
און גיי! קלאפּ אָן דאָרט אין דער ערשטער טיר,
דער געטאָ א יעדיִע איבערגעבן לאָז זיך!
באגעגענען דו וועסט געקרייצטע קינדער אָן א שיר,
וואָס זײַנען הייליקער און ריינער פון דיר, נאָזיר! —
עס האָט דעם בליק גוראריע ערגעץ אָפּגעווענדט,
און א געפּלעפּטער האָט דער פויער ניט באנומען:
א וועלכער איז פון זיי אראָפּגעגאנ פון זײַנע ווענט,
א וועלכער איז פון זיי אין שטוב צו אים אריַינגעקומען...

V

ער האָט אן עמער וואסער אים דערלאנגט,
א ציטערדיקער אופגעגאָסן אף די הענט אים
און, קרעכצנדיק, געקוקט פארטײַעט-לאנג
אף דעם פארבלוטיקט לײַב פון בלײַ אדורכגעברענטן.
דעם קאָפּ א יעדער ווײַל צום פענצטער אויסגעדרייט,
צו דעם געוואָי פון ווינט מיט פּאכעד אײַנגעהערט זיך,
צי לאָקערט עמעצ ניט, צי עמעצ דאָרט ניט גייט,
און שטיל פארשפּראָכן די סאקאָנע, קרעכצנד...
און דורך קיין פינטל מיטן אויג דעם אוירעך ניט פארטרויט,
אז ס'דראָט פאר זײַן האכנאָסעס-אָרכים א געפאר אים...
בלויז אפן טיש אוועקגעלייגט א שטיקל ברויט,
אף דעם א ווינק געגעבן שטיל גוראריען,
און מער ניט ווי'סנדיק וואָס נאָך צו טאָן,
האָט ער פון זיך דעם אלטן קליפּט אראָפּגעצויגן:
— דעק צו דאָס לײַב!.. נעם טו עס אָן!.. —
און אין דער שויב אריַינגעבראָקט די אויגן.

## VI

די נאכט געגאנגענ איז צום סאָפ,
אונ אײַנגעשטילט פונ ווינט האָט זיכ דאָס ברומענ,
נאָר אפ דער ערד דער גאָרער איז קיינ שלאָפ
אינ ערגעצ ניט געקומענ.
א רעגנ ווי צו טארע האָט געטריפט,
א כמארע האָט לעווײַעדיק געבלאָנדזעט.
זיכ אָנגעטאָנ גורארינע האָט דעמ פויערס קליפּט
אונ פאַסטעלעס דעמ פויערס אָנגעטאָנ זיכ.
אימ האָט נאָכ אלצ געדאכט זיכ, אז ער פאלט
אונ טראָגט זיכ איבער אָפּגרונטנ אָנ אופהער...
געשלאָגנ מיט דער פינצטערניש האָט זיכ דער וואלד,
מיט ביימער מיט פארבראָכענע דעמ טאָג גערופנ...
אינ דרויסנ אײַנגעשפאנט דער פויער האָט דאָס פערד,
צוגויפגעלייגט אפגיכ א ביסל היי אינ וואָגנ
אונ מיט זײַנ גאסט אוועק איבער דער טרויעריקער ערד,
נאָכ איידער עס האָט אָנגעהויבנ טאָגנ.

## VII

ער האָט געטריבנ גיכ, אינ ערגעצ ניט פארקוקט,
קיינ איינציק וואָרט זיכ ניט פארגינט א רעד טאָנ.
געגאנ אנטקעגנ איז דאָס טײַכעלע בורלוק,
אנטקעגנ — זיכ געפּײַלט האָבנ פארבראָכענע טשערעטנ...
„דערפירנ זאָל ער אימ בעשאָלעמ נאָר אהינ,
דעמ וועג זאָל קיינער נאָר ניט איבערגיינ אימ".
געלעגנ אפנ וואלד איז א פארכמארעטער באגינ,
ניט אופגעהערט ארומ דער רעגנ האָט צו וויינענ.
— אפ יענער זײַט בורלוק זײַנענ נאָכ אונדזערע פאראנ, —
א טײַט געטאָנ דער פויער מיטנ בליק האָט אינ דערווײַטנ, —
איכ וועל דיכ צופירנ צו יענעמ ראנד!.. —
ס'האָט דער באגינענ אינ דער הייכ זיכ שוינ געשײַטערט.
זיכ שווײַגנדיקערהייט געזעגנט האָבנ זיי
אונ שווײַגנדיקערהייט בא דעמ בורלוק צעשיידט זיכ...
איבערגעקלאפט אינ וואָגנ האָט דער פויער ס'ביסל היי
אונ צ'ריק פארקער'וועט, זעענדיק פאר זיכ די קרייצונג...

# 31. טכיְעס־האמייסימ

I

גוראריע בלאָנדזשעט אום שוין לאנג, ווי פון א שפרוך...
און דאָס געדעכעניש פארפלאָנטערט יעדער ווײַל די טריט אים,
נאָר ער געדענקט ניט, צי דעם ראנד איז ער אדורך,
און קאָן זיך ניט דערמאָנען, צי די וואך האָט ער געמיטן.
א זאטע פינצטערניש געכראָפּעט האָט ארום,
ניט אָנגעזען אין ערגעץ האָבן זיך קיין וועגן.
ער איז געגאנגען גראָד, ער איז געגאנגען אום,
און אומעטום איז אים די גרוב געגאנגען אנטקעגן.
אים האָט געדוכט: דאָס בלוט האָט צ׳ריק א שפאר געטאָן מיט ברויז;
אים האָט געדוכט: דער קייווער פלאצט א ניט־פארדעקטער;
אים האָט געדוכט: עס זענען קעפּ פון זקיינים זיך ארויס
און הענטלעך קינדערשע, ווי פונעם שלאָף געשטרעקטע...
זיי האָבן אפ דער ערד קיין סאך זיך ניט געזאמט,
באוויזן בא דער וועלט א פרעג טאָן האָבן זיי נאָר:
וואָס שיט איר אין די אויגן אונדז דאָ זאמד? —
נאָר ס׳האָט געשטומט די וועלט. געענטפערט האָט ניט קיינער.

II

און נאָך געדענקט ער: ס׳איז באנאכט. און די לעוואָנע שטיל
א שאל פון וואָלקנס רוקט איבער די אויגן אָן זיך,
און יעדער מעס, וווּהין ער וויל,
קאָן פראנק־און־פרײַ אוועקלאָזן זיך בלאָנדזען —
באם מינדסטן ראש און מורמל פונעם ווינט
די וועלט די גאנצע ווידער איבערוואנדלען...
דורך די פארהאקטע מײַלער — ווײ־און־ווינד,
און דורך די אופגעהאקטע גאָרגלען — ראָזינקעס מיט מאנדלען...
איבערגעלאָפן אים דעם וועג איז דאָרט א ווײַסע ציג,
אן אויסגעוואנדערטע פון כאָרעווע פארלאָזטע הײַזער.
זי האָט אינמיטן וועג דערזען א קינדער־וויג,
און אונטער איר אוועקגעלייגט האָט זי פונסנײַ זיך.
נאָר ער האָט זיך געײַלט. א מאמע ט׳עפשער עס פארוויגן נאָך אמאָל,
דערמאָנען עפשער וועט א מאמע דאָ דעם גרויסן ווײ זיך,
ס׳וועט עפשער נאָך דערהערן זיך דאָס זיסע קאָל
פון טכיְעס־האמייסימ?..

III

פאַרוועלקטע האָבן בלעטער זיך געטראָגן אַף אַרום
פון ביימער, אָפּגעפאַלענע פריצײַטיק אַף די וועגן.
די גרוב איז ווי א בארג פון אומעטום
אַן אָפּענע געגאַנגענע אים אַנטקעגן...
און נאָכגעגאַן אים, ווי אוויילים, זײַנען טעג,
די לעצטע טעג פון אָפּגעוועלקטן זומער.
נאָר ער, פון קייווער אופגעשטאַנען, אָן א וועג
איז, בלאָנדזשענדיק, צו די אַרומגערינגלטע געקומען.
ס'האָט קיינער דעם געקומענעם באַמערקט —
אַף אומגליק, גלײַך ווי אַף א שטאָק, אַן אָנגעלענטן.
וווּהין מע גייט, א פרעג געטאָן האָט ער,
נאָר קיינער האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט.
געוואָלט האָט ער אוועק ערגעץ געשווינד,
דער טרויער האָט קיין קאָפּ ניט אָפּגעשטעלט אים...
מיט בלעטער האָט געוואָרגן זיך דער ווינט,
און אומעטיק געשפּריים האָבן זיך פעלדער.

IV

נאָר פון סאַדאָווסקין האָט דער דראַנג ניט אָפּגעטראָטן מער:
דעם קלעם כאָטש מיט די ציין אַדורכצוהאַקן!
אין אומרו האָט ער יענעם טאָג באַמערקט,
אַז עמעצער האָט אין זײַן גרופּע זיך געטאָן א וואַקל,
אַז פאַר דער לויערדיק-פאַרטײַעטער געפאַר
האָט דאָס געמיט זיך אײַנגעבראָכן בא א טייל בא א געוויסן.
און אופגעגאַנגען איז זײַן דראַנג אין זיבן פאַך,
און ס'האָט פון גאָרגל אים מיט בלוט געטאָן א ריס זיך:
— איז וואָס, סאָלדאַטן זײַנען מער דאָ ניט פאַראַן?
צי איז ער אַפן גאַנצן וואַלד דאָ איינער? —
א רודער האָט דער לאַגער זיך געגעבן ביזן ראַנד,
מיט ראַש צעוויגט האָבן זיך קעפּ, ווי אין א שטורעם ביימער:
— פאַראַן! — און איינער האָט צולעצט געטאָן א פּליס,
ווי א פאַרשפּעטיקט-אָפּגעהאַקטער קלאַנג פון א קאַפּעלע...
געוועז זײַן בליק איז אויסגענאָגט און וויסט,
ניט צוגעדעקט דאָס לײַב האָט קיין סאָלדאַטישער שינעל אים.

V

געהאלטן אופגעהויבן גראד האָט ער דעם קאָפּ,
און אײַנגעהאלטן האָט דאָס קאָל ווי מיט א שלייף ער,
ס'האָט מיטן בליק סאדאָווסקי זיך געטאָן אין אים א גראָב:
— פונוואנען גייסטו? — כ'גיי פון גראַנאַטאָפּער קייווער!
ארויסגעוואָרפן האָט פון דאָרטן מיך די שאנד,
ווי אָפּגעטריבן ס'ווערט פארגוואלדונגס-פרוכט פון טראכט פון מאמעס;
עס גייען נאָך. עס גייען מענגעס. אָן א צאָל. באנאנד.
זיי בײַסן דורך די ערד. ניטאָ פאר זיי אין ערגעץ ניט קיין צאם איז,
עס קומט אין קייווער די הארוגים ניט קיין רו,
איבּ העלדזער האָבן זיי געשטרעקט אונטער דער האק געהאָרזכאם.
האָט די געשאָכטענע געמיינדע מיך ארויסגעשיקט פון גרוב,
איך זאָל די אופגעוויקלטע מעגילע פונעם בראָך זײַן!
מ'האָט אָן פארענטפערונג מיך אויסגעריכט אין וועג,
פארזאָגט, אז אין מײַן קאָל ניט זײַן זאָל קיין געוויין נאָר,
איז דארף איך פונדאָסנײַ איצט שטארבן אין געשלעג,
ארײַנגעטאָטעמט לעבן צוליב דעם זיך האָט אין מײַנע ביינער! —

VI

געקוקט האָט ער אפן פארזאָרגטן קאפיטאן,
נאָר ער געזען האָט דעם פארבלוטיקטן בעסוילעם,
ווו ס'הייבט די ערד און הויקערט זיך צום ראנד
מיט קייווערדיקע קרעכצן און געהוילן.
עס קייטלט א בעסאלמען זיך אין א בעסאלמען אָן
פון גאָר דער ערד — פארוועלקטע און צעגרינטע,
עס שטײַגט אפּ א מיליאָן א מיליאָן —
א גאנצע אומע: אורעלטערן, עלטערן און קינדער!
אדורכברעכן זיי וועלן ווו א צאם
און איבער אלע וועגן זיך צעפלייצן,
ווי אין א שטורעם — א צעבושעוועטער יאם,
און בא דער וועלט עפּעס א מאָן טאָן וועלן טויטערהייט זיי!
און מער קיין קלאָרקײַט ניט געהאט האָט זײַן פארשטאנד,
פארדעמערט איז געווען זײַן בליק און אויסגעלאָשן.
— פונוואנען שטאמסטו? — האָט געפרעגט דער קאפיטאן.
— פון יענעם שטאם, וואָס ער איז עפּשער מער ניטאָ שוין!

VII

א רודער זיך געגעבן האָט דאָס פעלד. פון פליגל — א געפּאַך.
זיך אופגעהויבן האָבן הילכיק רויטארמייער,
און ס׳האָט געטראָגן זיך א בריִענדיקער שאָרך
פון אומעטום, ווי פון אונטער דער ערד געגעבן א צעוואקס זיך.
און צוגעבלאָנדזשעט האָט פון אונטערוועגס א קינד
מיט ווונדן אף די פיס און מיט א טאָרבע אף די אקסל.
געהויבן האָט עס יעדער רויטארמייער ווי א שווערד
און דורכגעשטאָכן זיך מיט דעם ביז בלוט די הערצער.
נאָר ס׳האָט סאדאָווסקי אלץ נאָך דעם געקומענעם געהערט
און אין דעם אָפּקלאנג פון זיין קאָל נאָך איינגעהערט זיך.
ס׳געווער געדריקט ביז ווייטעק אין די הענט,
געגאנגען פון די אויגן איז זיין צאָרן ווי א כמארע
און שטיל געגעבן זיך צו אים א ווענד:
— ווי רופט מען דיך? — מיין נאָמען איז גוראריע!

## 32. א מענטש פון יענער וועלט

I

ווי אף רעסאָרן, וויגנדיק זיך, לייכט געלענט
אף קני גערונדיקטע, ווי האלבע רעדער,
און אין דער ביקס זיך אָנגעשפּארט מיטביידע הענט
האָט, א פארוווּנדערטער, געקוקט מאמעדאָוו,
נאָך דעם געקומענעם געשפּירט מיט פלייס,
האלב־אופגעשפּארט דאָס מויל און ציינ אנטבלויזט געטאָקטע,
און יעדער ווייל די הארטע ווייסלען א פארגלייז,
איבערגעפרעגט מיט זיי: וואָס האָט אזוינס געזאָגט ער?
אף די שפּיץ פינגער פלעגט מאמעדאָוו אָט אזוי
אינמיטן סטעפּ, לעם א קישלאק, פארנאכט־צו,
אין דעם געזאנג פון אן אקין זיך געבן א פארזויג,
זיך איינהערן אין דעם אי מיטן מויל אי מיטן הארצן.
נאָר ס׳האָט געשווינד אים אופגעהויבן פון דער ערד,
ווי ס׳הייבט א ווינט בא א בערקוט אופ דאָס געפלעדער,
ווען אף זיין פראגע „ווער ער איז?״ — האָט ער דערהערט
פון קאָמאנדיר: — א מענטש פון יענער וועלט, מאמעדאָוו! —

II

דאנ האָט זיך צוגיינ נע׳נטער אימ פאַרוואָלט,
אונ ווי א היימישער צו דעמ געקומענעמ גענענע,
ער זאָל דערהערנ דייטלעכער זיינ קאָל
אונ אינ דעמ פּאַנעמ בוילעטער דערזענ אימ,
אז ער פונ יענער וועלט געקומענ איז אהער,
אז אופגעשטאַנענ איז ער פונ די טויטע.
האָט זיך דערלאַנגט צו אימ מאַמעדאָוו שטיל א קער,
פאַרוואָלט זיך געבנ האָט א שטיקל ברויט אימ.
— ביסט הונגעריק? — א פרעג האָט ער געטאָנ
אונ שעמעוודיק דערלאַנגט אימ א סוכארל.
נאָר ניט געוווּסט, צי איז ער דאָ צי נאָך ניטאָ,
האָט אינ דער פּיינלעכער צעטומלטקייט גוראריע.
ער האָט דאָס ברויט גענומענ אינ די הענט,
אונ זיך צעשפּרייט פאַר זיינע אויגנ האָט א נעפּל,
אימ האָט געדוכט: דאָ קערט מענ אומ צוריק די וועלט;
א׳מ האָט געדוכט: דאָ קערט מענ אומ צוריק דאָס לעבנ...

III

אימ א ביזאָיענ איז געווענ זיך צורירנ צומ ברויט,
עס האַלטנ אינ דער האַנט איז אימ געווענ א כאַרפּע.
פאַר זיינע אויגנ נאָך געשווינדלט האָט דער טויט,
נאָך אומגעיאָגט אינ זיינ געדאַנק האָט די פאַרדאַרבונג,
געהילכט האָט נאָך אינ זיינע אויערנ ס׳געשריי פונ קינד:
„וואָס שיט מענ זאמד אינ מויל אריינ מיר, מאַמע?״...
אימ אָנגעיאָגט האָט דער געוואָי פונ ווינט,
אימ האָט פאַרפאָלגט פונ בלעטער דער געשטאַמל...
ערשט איצט ער בוילעט האָט דערזענ
דעמ וויי-אונ-ווינד, וואָס וועט זיך קיינמאָל שוינ פונ אימ ניט אָפּטאָנ.
ארויסגעפאַלנ איז דאָס שטיקל ברויט פונ זיינע הענט —
ס׳וואָלט גלייכער ניט געפּרוּווט אינ אימ די צאַרטקייט זיך א גראָב טאָנ.
אונ מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אז ס׳דרייט זיך אימ דער קאָפּ,
אז ס׳קאָנענ זיינע פיס אזויפיל ווי אפ זיך ניט האַלטנ;
אימ האָט געדוכט, אז ס׳שליידערט אינ אנ אָפּגרונט אימ אראָפּ,
נאָר ס׳איז מאַמעדאָוו צו, אימ ניט געלאָזט קיינ פאַל טאָנ...

IV

א פיבער דורכגעגאַנגען דורך אים איז ווי א ווינט,
געלעגן ער א ווײַלע איז אַן אויסגעגאַנגענער,
נאָר אופגעכאַפּט האָט ער זיך מיט פאַרענטפערונג געשווינד,
לעם אים געשטאַנען אָנגעבויגן איז דער דאָקטער.
ער האָט אים אויסגעהערט אײַנגאַנצן מיטאַמאָל,
אַדורכגעשפּאַרט דורך אים פון שווייס זיך האָבן טראָפּן.
געפרעגט און איבערפרעגט — עפּשער דאָס צענטע מאָל:
— איז זײַט איר, הייסט עס, אויך א גראַנאַטאָפּער? —
געביטן האָט מאַרגוליס אומרויִק דעם טראָט,
עפּעס געזוכט און ניט געזען פאַר זיך דעם פּאַציִענט שוין.
צי האָט ער אויסגעהערט דורך אים די טויטע שטאָט,
צי אויסגעהערט דורך איר דעם איינציקן געראַטעוועטן מענטשן?
איז וואָס?.. זיי האָבן טאַקע אומגעבראַכט די גאַנצע שטאָט?
האָט אים צום האַרץ דער דאָקטער צוגעלייגט דעם אויער,
און שווײַגן אים א ווײַל געבעטן שטיל ער האָט
מיט אויגן אָנגעגאָסענע איבערן ראַנד מיט טרויער...

V

גוראַריע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַפּ יאָ און ניין...
ס'האָט דער זיקאָרן ווי א וווּנד זיך אים צעעפנט:
— איך ווייס ניט... כ'בין אַליין...—
גענומען האָט איין וואָרט צום אַנדערן ניט טרעפן...
ער האָט זיך אַלץ דערמאָנט. אים האָט פאַרלאָזט די רו,
די אויגן האָבן אים גענומען סאַרפּן:
— ווער אַפּ א נעס געוואָרט ס'האָט באַ דער גרוב,
ווער ס'האָט דעם נעס פאַרביטן אַפּ א שטיין א שאַרפן,
ווער מיט די הוילע הענט זיך האָט קעגנגעשטעלט
ביז צו די לעצטע גסיסעדיקע קראַמפּן,
און ווער בעגאַנגען ס'איז מעקאַדעש זײַן די וועלט —
מיט כקירע בליציקער, מיט פּילפּל און געאַמפּער.
באַם קיווער האָט דער קאַט געוואָלט באַהעפטן זיי
פון דער צעזייטקײַט איבער אַלע שיווע-יאַמים,
ס'זאָל פון די זיבעציק לעשוינעס דאָס געשריי
פאַרטויבט ווערן אין פײַער און אין פלאַמען.

## VI

גוראריע האָט מיט מי אַרײַנגעשעפּט די לופט,
און ס'האָט זײַן בליק געגעבן ערגעץ א פארהאַק זיך.
— איר דאַרפט זיך אָפּרוען! לייגט זיך אַנידער! פּרוּווט! —
האָט אים דער דאָקטער אָנגענומען פאַר די אַקסל.
ער האָט געפאָלגט. באַקוקט די אומעטיקע ווײַט אַרום,
און מיטן אָטעם בלויז געפּרוּווט דעם ווײ א ריר טאָן:
— פאַרוואָס, דערקלערט מיר, האַרגעט מען אונדז אומעטום?
פאַרוואָס האַלט מען אין איין פאַרטיליקן אונדז און פאַרניכטן? —
פון די פאַרמאַכטע אויגן האָבן טרערן זיך געטאָן א לאָז,
גוראַריען אויסגעליידיקט דאָס געזיכט דאָס מידע.
און ווי פון שלאָף האָבן די ליפּן זיך באַוועגט: — פאַרוואָס?.. פאַרוואָס?..
— די מערדער האַרגענען ניט בלויז קיין ייִדן... —
נאָר יעדערן, ווער קעגנשטעלן זיך ניט קאָן...
אַן אויסגעשעפּטער האָט זײַן בליק געבלאָנדושעט אין די ווײַטן: —
ס'איז שוין אַזוי פון שטענדיק אָן
און אומעטום... אין אַלע צײַטן...

## VII

דער שלאָף האָט צוגעטוליעט צו דער ערד גוראַריעס באַק,
א בין אַרום זײַן מויל האָט זיך געדרייט ווי אין פאַרגעסונג:
א הויכער קאָפּ איז ניט קיין אָפּהאַלט פאַר דער האַק,
א ווײַסער האַלדז איז קיין מעניע פאַרן מעסער!..
זיך אומגעקערט מאַמעדאָוו האָט צוריק אַהער,
פון אופרעג און פון אומרו א געיאָגטער:
צי אינדערעמעסן פון „יענער וועלט" איז ער?
און מיטן קאָפּ אַפּ „יאָ" האָט שטיל א מאַך געטאָן דער דאָקטער.
ס'האָט איבער אים א דעמב אַן אַלטער זיך געוויגט,
קימאַט באַרירט מיט צווײַגן שאָרכעדיקע גרינג אים,
פונקט ווי א בלינדער, אַפּן ווינט,
וואָלט אים געהיים געלייענט מיט די פינגער...
און א פאַרלעגערטע האָט זיך געטוקט דעם דאָקטערס שטים,
ווי אָנגעטרונקען וואָלט ער זיך מיט ווינטן קילע.
געקוקט האָט דורך דעם אײַנגעשלאָפענעם אַפּ אים
אַן אַלטע, טויזנטיעריקע מעגילע...

## 33. פאר ווּעמען קרייט דאָרטן א האָן

I

א גאַנצן טאָג האָט זיך באַשעפטיקט דראָזד
מיט סאַרווערן א באָרשטש אַזאַ ווי אין פּאָלטאַווע,
און מיט דעם ערשטן קעסעלע זיך גלײַך געלאָזט
צום קאָמאַנדיר, א גליקלעכער פארהאַוועט.
דער טיש געווען מיט דער מאַפּע איז געגרייט,
מיט אָנגעמערקטע פונקטן — דערפעלעך און וועגן;
דער רייעך פונעם באָרשטש האָט זיך געגעבן א צעגיי,
און אָנגעשניטן ברויט איז אויפן טעלער שוין געלעגן.
נאָר ס'האָט סאַדאָווסקי זיך ניט צוגערירט צו דעם געריכט,
ער האָט אים אײַנגעדעקט, באַוואָרנט פון געפאַר אים,
און אויסלעשנדיק ס'קאַנעצדיקע ליכט,
איז ער מעוואַקער-כוילע זײַן אַוועקגעגאַנגען גוראַריען.
מיט א באַזוך צו דעם פאַרוווּנדעטן האָט ער דעם טאָג דערגענצט,
דערזען דאָרט דעם כירורג, ווו אַלץ מיט אים געווען פול איז.
— ווען די רעפּועס זײַנען קנאַפּ, איז א רעפועע אויך דער מענטש, —
באַגעגנט האָט דער דאָקטער אים און אים דערמאָנט: — מאַרגוליס!

II

אַרויסגעגאַנגען שטיל זיי זײַנען אין דער לופט,
דעם שווערן אָפּרו פון די שלאָפנדע ניט שטערן.
סאַדאָווסקי האָט געטאָן דעם קאָפּ א הייב אַרויף —
דעם דאָקטער אָנגעוויזן אויף א ווײַטן גרינעם שטערן,
די לופט אין זיך מיט דאָרשט אַן אָטעם אײַן,
א רוק אַרויף די הוט איבערן שטערן:
— איר ווייסט, דורך וויפל יאָר דערגייט צו אונדז די שײַן
פון אָט־אָ יענעם גרינעם בלענדנדיקן שטערן? —
און קוקנדיק צו די פאַרווּנדעטע זיך אַלע ווײַלע אום,
האָט ער דאָרט פאַרגעזעצט געמיטלעך זײַן באַטראַכטונג:
— פונקט דורך אַזויפיל יאָר אַרום
אַדורכלויכטן די שײַן ווערט פון די שלאַכטן,
אין וועלכע די פאַרווּנדעטע, און איך, און איר,
אינײנעם און פאַרשיידן נעמען איצט אַן אָנטייל, —
געדוכט האָט זיך סאַדאָווסקין, אַז פון אײן באַריר
האָט ער דערפילט אין דאָקטער גלײַך אַן אײגענעם, א נאָענטן.

III

זיי זײַנען ביידע אײַנגעהאַלטן-אומרויִק געווען,
כאָטש ס'האָט א וועלט א גאַנצע זיי צעשיידט דאָרט.
אין איינעם האָט אַן אַלטער דאָר דערברענט,
און אופגעשײַנט א דאָר א נײַער — אינעם צווייטן.
נאָר ביידע האָבן זיי באַגעגנט איין באַגין,
און איינער און דער זעלבער צאַר האָט ביידע זיי דערנע'נטערט.
דער דאָקטער האָט באַמערקט, אַז ס'איז דער שטערן גרינ
און טוקט זיך, און פאַרגייט, האָט ער זײַן גאַסט געענטפערט,
פאַרשעפּנדיק די שײַן די גרינע מיטן בליק:
— געוויס וועלן יאָרהונדערטן א יעדע אונדזער ט'לאַכט דערמאָנען,
אָבער ס'וועט ניט קיין מינדסטן זין האָבן דער גאַנצער קריג,
אויב בלײַבן וועט א מינדסטער שפּור פון דער טאַליאַנישער געמאַניע. —
ס'איז שווער געווען אים ברענגען פאַרן מויל אַצינד
דאָס טאַמע וואָרט, וואָס האָט מיט בלוט פאַרפלעקט די ליפּן.
ער האָט זיך אופגעשטעלט: — כ'וועל גיין! כ'האָב נאָך א פאַציִענט א קינד, —
און אַפן שטערן זיך פאַרקוקט, ווי זען דאָס קינד וואָלט ער זיך דאָרט געקליבן.

IV

— ווי אַלט איז אײַער קינד? — מײַן קינד איז זיבן יאָר!
— א מאַמע איז פאַראַן? — פאַראַן א קייווער איז דער מאַמעס! —
ס'האָט לאַנגזאַם אויסגעשפּרייט די פליגל א קאַיאָר,
וואָס האָט דערמאָנט אין א געבענטשטן טאָג פון מיטן טאַמוז.
אין רוים ט'געשמעקט מיט טויט און מיט געבורט,
א שטיק פון הימל אין דער זײַט געווען איז גרויִ נאָך.
סאַדאָווסקי האָט צעעפנט דעם פלאַנשעט פונקט ווי א בוך:
— כ'האָב אויך א זון... א זיבניעריקן... אַזוינעם...
ער איז אַף יענער זײַט... געבליבן דאָרט...
אינאיינעם מיט דער מוטער... מיט אַן אַלטן זיידן... —
עס האָט אים לײַכטקײַט אויסגעפעלט אין וואָרט,
געוואָרגן האָבן זיך אין האַלדז די שטילע רייד אים.
א נעם געטאָן האָט ער דעם בריוו מיטן געמעל,
וואָס ס'האָט זײַן זון, זיך שפּילנדיק, געצייכנט.
גענומען גליטשן זיך האָבן די אויגן זײַנע שנעל:
ס'איז עפּשער פון דעם אַלץ ניטאָ שוין מער קיין זייכער!..

V

צי וועט ער זיי אמאָל נאָך זען צי ניין?
צי וועט דאָרט אויסקומען צי ניין אמאָל נאָך זײַן אים?
דורך אָט דעם קינדערשן געמעל הייבט ער פונסנײַ איצט אָן פארשטיין,
וואָס הייסט א בוים אן אייגענער, א לײַבלעך-דײַנער.
וואָס שטילקײַט איז אזוינס, א זעמדל א געגארטס,
די שטיבעלעך, די וועגן די פארטראכטע,
ווי אײַנגעבאקן טיף איז דאָס אין הארץ,
ווי טרויעריק און אייגנארטיק!..
ווי אָפּטאָן קאָנען ניט די אויגן זיך א ווײַל,
ווי ס'קאָן ניט אָנטרינקען צו זעט דער בליק זיך
מיט אָט דער קינדערשער פארקלערטער ווײַט,
מיט אָט די דרעמלדיק-בײַוועגיקע געוויקסן,
וואָס אין א יעדן אָדערל פון זיי
איז ער אליין אינגאנצן דורכגעקנאָטן,
און דאָס איז זײַנס ביז בלוט, ביז וויי,
פונקט ווי זײַן הארץ און ווי זײַן אָטעם.

VI

און קיינער איז מיט דעם אים שיידן ניט אימשטאנד,
ווי קיינער קאָן מיט זײַן געדאנק אים ניט צעשיידן.
ס'איז היים. ס'איז ערד. ס'איז לאנד.
ס'איז מוטער, קינד און זיידעס,
וואָס האָבן מיט דעם לײַב און מיט דער שווערד
ס'געוויקס פאר אים מיט זאפטן אָנגעטריפט דאָ...
און ס'האָט זיך אים דאָס הארץ פארשווערט,
און ס'האָט זיך אים דאָס הארץ געריפטלט.
ער האָט באטראכט דאָס קינדערשע געמעל איבעראנײַס,
געשאָקלט מיטן קאָפּ: — די היים... א כאָלעם — אויסגעלאָשן... —
דעם דאָקטער שמעוודיק געגעבן עס א ווײַז: —
קיין כאָלעם עפשער אויך איז מער ניטאָ שוין...
אלציינס! א קיווער... אש פון אלץ א ביסל נאָר,
ס'שטייט ווי א מאמע פאר די אויגן לעבעדיק אנטקעגן.
— נו, אָט! פאר מאמעס מאָנט מען ביזן צענטן דאָר. —
א זאָג געטאָן דער דאָקטער האָט און זיך געזעגנט.

VII

„א ביסל אַש“ — זײַנענ אימ נאָכגעגאנג סאַדאָװסקיס רייד;
„א קייװער“ — אונ עס שטייט אימ װי א מאַמע פאַר די אויגנ;
אַליינ אימ אויכ װעט אויסקומענ אינ אַש איצט זוכנ פרייד,
געגעבנ האָט זײַנ אייגנ קאָל א בייג אימ.
„א מאַמע“ — האָט אימ דאָס פאַרשטיינערט האַרצ געטאָנ א ברי,
אונ דורכגעגאַנגענ איז אינ אימ א הייסער װינט זיכ.
נאָר ס'שטייענ מער ניט אופ קיינ ייִדנ אינדערפרי,
אונ מער קיינ לעבעדיקע פור פאַרקער'װעט ניט אהינצו!..
פונ שטעטלעכ טויזנטער ס'צעװייטע אַש
אַדורכגעדרונגענ האָט אימ דורכ אפ דורכ דאָרט.
עס ליגט דערשטיקט א טויזנטיאָרעדיקער ראַש
פונ כאַסענעס, פונ סימכעס אונ געבורטנ,
דער שטויב פונ גאַסנ לײדיקע פאַרהיט
האָט עפּשער אומגערנ די לעצטע טריט דאָרט
פונ לעצטנ אומבאַשיצט-געכאַפּטנ ייִד,
װאָס דורכגעפירט דער דײַטש האָט צו דער שכיטע...

VIII

ס'איז דאָרטנ שטיל. ס'איז דאָרטנ טויט.
א רעגנ גייט אַראָפּ — די לעצטע צייכנס צו פאַרמעקנ...
מיסטאַמע קומענ שאַבעס פײגעלעכ נאָכ ברעקלעכ ברויט,
נאָר ס'קאָנ דעמ שאַבעס זייער צװיטשער ניט דערװעקנ...
װי פונ א כאָלעמ כאַפּט זיכ אופ מיסטאַמ א גרעזל גרינ,
אינמיטנ װעג די װיסטע הײַזעלעכ סע װערט געװאָרע.
מיסטאַמע װאַרטנ זיי... אונ ביימער דאָרט מיסטאַמע בליִענ,
אונ דעמערונגענ קומענ דאָרט מיסטאַמע בײַטנ די קאַיאָרנ...
װאָס טוט אינ גראָנאָטאָפּ, אַשטייגער, איצט א װינט?
פאַר װעמענ פּרוּװט איצט אינ גראָנאָטאָפּ א שאַרכע טאָנ די ביימער?
פאַר װעמענ קרייעט דאָרט א האָנ אצינד,
אַז ס'שלאָפט א גאַנצנ טאָג די כראָפּענדיקע איימע
אפ גאַסנ לײדיקע, ביז אונטער דר'ערד פאַרטויבט
פונ טאָמע טריט, װאָס האָבנ דאָרט געטראָטנ?..
אַליינ אינ גראָנאָטאָפּ באַגעגענענ דעמ טויט
געבליבנ איז זײַנ אַלטער אכציקיאָרעדיקער פאָטער...

# 34. געפאַלן ווײַט זײַנען די עפּל פונעם בוים

I

דער וועג געווען געצייכנט איז מיט בראָך,
געוואַלגערט אײנס אַפּ אַנדערן זיך האָבן ביימער.
עס זײַנען נאָכגעגאַנגען דעם דאָקטער זעקס און פופציק יאָר
און גאָר די ערד, ווי אַ דעריננערונג וועגן אַ היימלאַנד.
מיט לײַב-און-לעבן — אומעטום — האָט ער איר אָנגעהערט,
און שטעלן ניט געקאָנט האָט פעסט אַפּ איר קײן טראָט ער,
נאָר אָט אַזאַ האָט ער זי ליב געהאַט, די ערד,
ווי אַלץ, וואָס גיט זיך ניט. ווי אַלץ, וואָס איז פאַרבאָטן.
עפּשער דערפאַר איז זי געווען דאָס סאַמע טײַערס און געגאַרטס,
עפּשער דערפאַר ז׳געווען זײַן בליק אַזאַ באַטריבטער,
עפּשער דערפאַר האָט ער געטראָגן זי בײַ זיך אין האַרץ,
ווי אַן אַוועקגעגאַנגענעם בילד פון אַ געליבטער,
און אַ פאַרצויבערטער געשטאַנען פאַר איר פּראַכט,
אַפילו ווען דער טויט האָט אַרום אים אַ נעץ געשפּינט דאָרט,
און ניט פאַרטראַכטנדיק זיך איר געבראַכט
זײַן האַרץ, און זײַן געדאַנק, און זײַנע קינדער.

II

אַז ליב האָבן זאָל זי אים זײַן דערלויבט,
דערלויבט זאָל מיט איר כאָכמע אים דערנערט זײַן —
אָט גלאַט דערפאַר, ווײַל ס׳איז דער הימל בלוי,
אָט גלאַט אַזוי זיך, ווײַל די אויגן לעכצן.
ער האָט אין קינד זײַנעם זיך אָנגעהאַלטן פעסט,
ווי פון זײַן פאָרזעצונג דעם סאַמע בעסטן אָרעוו —
אַ סאַך אַזעלכע אָרווים פון זײַן נעסט
האָט ער צעוואָרפן אין געוועלב פון יאָרן.
וווּ זײַנען זיי? עס ווייסט עפּשער דער וואָגלדיקער ווינט,
וואָס יאָגט אַרום אין זײַן פאַרנעפּלטן זיקאָרן...
דערמאָנט האָט ער אין זײַנע קינדער זיך אַצינד,
אַן אויסגעהוילטער, ווי די שטרוי פון אויסגעקלאַפּטן קאָרן,
ווען ס׳האָט אים אַפּן מיטן וועג צעשיידט דער טויט
מיט דער, וואָס אַפּ דער וועלט האָט זי געבראַכט זיי.
געלייגט האָט זיך אַפּ אים פרימאָרגנדיקער טוי,
אַ ווינט האָט אָפּגעהילכט בײַ אים אין האַרצן.

III

געשטעלט האָט דאָך אצינד ער פעסט דעם שפאַן,
כאָטש ס׳האָט געריסן זיך זײַן הארץ, ווי אין באלאגערונג פון פײַער.
בעיס א כאסענע זיך אין די קינדער מע דערמאנט,
און אויך דערמאנט מען זיך אין זיי בא א לעווײַע.
ס׳איז גרויס די ערד — ניט צו באנעמען. מיטן בליק,
נאָר אָנגעשפארט זײַן טרויער אומעטום האָט.
א בלעטער גיבן זיך אליין די יאָרן אפ צוריק,
באוואקסענע מיט קראָפּעווע, מיט פאכעד און מיט אומעט.
ס׳איז אין זיי שטיל, און טרויעריק, און וויסט,
ווי אין געבורט-שטעטל אין זײַנס אפ אוקראַינע.
מיט ביטערקײַט גיט אים ס׳געמיט זיך אָ באגיס,
די אויגן גיט ביז פינצטערניש א צי אהין אים,
און א פארקלעם דאָס הארץ ביז מעשוגאאס,
כאָטש נעם דעם קאָפּ און אין א שטיין צעפּלעט אים!
עס פאדען מערדער איצט ארום דאָרט אפ זײַן גאס
איבער די טויטע הײַזער, אפ די בלוט-פארפלעקטע בעטן.

IV

פון אומעטום האָט זיך געשטרעקט צו אים דער בראָך
מיט אזא בלוטיק-בריענדיקן בלײַ-ריס;
עס האָט אים אָנגעקערט א קאָרעוו דער בעסוילעם פון ניו-יאָרק,
א קייווער ער זײַן אייגנס האָט געהאט אין בוענאָס-אײַרעס.
די ערד די אופגעבראָכענע געווען איז שווארץ ווי פעך,
געצונדן דאָס געדעכעניש האָט זי בא יעדן שפאן אים.
צופוסנס בא די ווונדיקע גוואדאלאכארער בערג
געפאלן איז א זון זײַנער אין שלאכט פאר שפאניע,
און איינער אומגעשוועבט האָט ערגעץ אין דער לופט,
א גווארדיע-מאיאָר פון אוויאַציע.
געדוכט האָט אים, אז פונעם פאָכען איבערופט
אפ צווײַגן אופגעוויגטע בלאט מיט בלאט זיך.
דער ווינט געשפּילט האָט אפן וואלד, ווי אפ א הארפ,
און מיט אן עלנטקײַט אזא די דורכגייער פארשפּראָכן.
א קויעך אָנטאָן זיך א גרויסן מע באדארף,
בלויז אין געדאנק די קוואָרים אופזאמלען פון דער מישפּאָכע.

## V

דער מיטלסטיקער זײַל פֿון זײַן געזינד —
באַשאָנקען האָט מיט אומגעדולד און גוורע די נאַטור אים.
ווער ווייסט, ווו שלאָגט ער איצט זיך ערגעץ מיטן ווינט?
ווו ערגעץ ראַנגלט ער אַצינד זיך מיטן שטורעם?
ער פּרוּווט זיך אין געזיכט אים פֿאַרשטעלן אַ ווײַל,
זײַן ניט-געצווימטקײַט אין באַנעם, אין דער מישפּאָכע — איינער!
פֿון זיך צו וויסן טאָן די טעווע — אַף אַ מײַל,
אי דורך אַ ליד אי דורך געשלעג. דער זיידע מיט די ביינער!
אים נאָכגעגאַנגען איז ניט פֿון קיין געשטעלטן מענטש אַ שעם,
איבערגעוואָרפֿן זיך פֿון איינס צום צווייטן האָט געשווינד ער.
דאָך האָט ער שוין אין יענעם קריג זײַן נאָמען ניט פֿאַרשעמט,
און מיט אַ שטערן מיט אַ גאָלדענעם זיך אומגעקערט פֿון פֿינלאַנד.
ער שוועבט דאָ, מעגלעך, אין די הייכן איבער אים, —
האָט ער זיך אינעם הימל כיטן בליק געטאָן אַ קלאַמער,
אים דוכט זיך, אַז ער הערט זײַן וועקנדיקע שטים
פֿון הימל, פּונקט ווי פֿון דער היים: אַ בריוועלע דער מאַמען!..

## VI

געלייגט האָט זיך אַף ווײַט פֿון רויך אַ זוים,
געוויקסן דורכגעשפּאַרט פֿון דאָרטן האָבן גרינע.
ווי וואַקסט עס אויס אַ בוים אַזוי,
אַז יעדער צווײַג זאָל אָנקערן אַן אַנדערער מעדינע,
אַז יעדער צווײַג זאָל אָנקערן אַן אַנדער שפּראַך,
אַז יעדער צווײַג זאָל פֿון אַן אַנדער זאַפּט גענערט זײַן
און הע̇פקער זײַן פֿאַר יעדער האַק, וואָס איז פֿאַרמאָסטן, וואַך
איבער די בלײַענדיקע קעפּ און קוועלנדיקע הערצער?!..
און דאָך געפֿילט האָט ער זיי אַלע נעבן זיך,
ווי ער וואָלט איצט מיט יעדערן פֿון זיי גערעדט דאָ.
ער האָט געזען זיי אַלע אין געזיכט,
דעם אָטעם זייערן געהערט דורכן גערויש פֿון בלעטער,
דורך אויפֿגעוויגטן ווינט אין רוים,
דורך דעם געוואַלגער פֿון יאָרטויזנטדיקע צאָמען:
געפֿאַלן ווײַט זײַנען די עפּל פֿונעם בוים,
נאָר דורכגעטראָגן אומעטום די זעלבע זאָמען!..

## VII

ניט דאַרפנדיק פאַר זײַן פאַרמעג קיין אייל אַף דר׳ערד,
איז ער אַף איר דורך זײַן באַרוף געשטאַנען, ווי אַ הערשער;
דעם סקאַלפּעל קעגן טויט געהאַלטן, ווי אַ שווערד,
דאָס דענקען — פאַר זײַן אָרט אונטער דער זון דערקלערט שווינג.
אים האָט געדוכט, אַז ס׳ברויכט ניט דער געדאַנק
קיין ביקסן, קיין האַרמאַטן און קיין פּאַנצערס.
אַנטוואָפנט האָט זיך די נאַטור קעגן זײַן דראַנג
און אונטערטעניק זײַנען אים געוועזן ספערן גאַנצע,
ווען ער דאָס האַרץ פון מענטש געהאַלטן האָט אין האַנט.
דערגרונטנדיק דעם סאָד פון די געוועבן
און איבערשפּאַנענדיק פונעם קאַנאָן דעם ראַנד,
איז ער געגאַן פאַנאַנדערשליסן דעם יעסאָד פון לעבן.
יאָ, יאָ! ער איז געווען גערעכט, דער קאַפּיטאַן,
וואָס האָט אַ ביקס בײַ אים געפרעגט, ווי נאָר ער האָט דערזען אים:
אַף צו באַקעמפן די נאַטור — גענוג איז דער געדאַנק,
אַף אויסראָטן די פּעסט — ניט קלעקן וועט דער גענעם.

## VIII

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ יעדער ווײַל,
באַטראַכט פון כורבן און פון בראָך דעם מאָלצײַט.
אין פלוג האָט ער זיך קיינמאָל שטאַרבן ניט געאײַלט,
נאָר איצט, ווי קיינמאָל ניט, האָט לעבן אים געוואָלט זיך:
ס׳וועט זײַן אַן אַוולע אויסהויכן דאָס האַרץ אַזוי,
ניט האָבנדיק געזען דעם בראָך פון די פאַרדאַרבער,
ביז אויסברוקירט די ערד פון זוים צו זוים
ניט זײַן עס וועט מיט זייערע צעזעצטע שאַרבנס!
ווי האָט פאַרשאָלטן זײַן באַדאַרפט אַ פאָלק
און ווי פאַרקריפּלט האָט באַדאַרפט אַ לאַנד זײַן,
אַז ס׳זאָל אַ מוטערטראַכט פאַרקניפּט זײַן מיט אַ וואָלף,
ס׳זאָלן געבוירן ווערן עגדעשן אין פּאַנצערס?!
ער קלײַבט ניט מיט דער כײַע פירן זיך קיין שטרײַט,
און טײַנען האָט ניט וואָס מיט זיי ער —
עס ווערט רעגלאַמענטירט די כײַע דורך אַ שטײַג,
און דאָ — בלויז דורך געווער פון רויטאַרמייער!

IX

צו טריט צו אייגענע זיך צוגעהערט האָט ער,
געדוכט האָט זיך, אַז ס'רײַסן זיך פֿון זיי געהוילן:
איז ווירקלעך אים געבליבן איצט ניט מער,
ווי בלאָנקען פֿון בעסוילעם צו בעסוילעם?
ווי וועט מען אומקערן זיך אין אַ שטאָט?
ווי וועט מען אומקערן זיך אין אַ יִישעוו,
ווּ ס'איז קיין מענטש קיין לעבעדיקער מער נישטאָ,
ווּ פֿון דער טויטער שטילקײַט איז די ערד פֿרילישעט?
וועט איצט קיין וועג ניט שווער זײַן פֿאַר זײַן טראָט,
אויב גיין אַפֿילע טאָג און נאַכט וועט זײַן געגייט ער —
נאָר זײַן אַ יעדער טאָג זאָל אַ געבאָט,
און יעדער נאַכט זאָל זײַן אַ ניידער:
זיך אַפֿ אַ ווײַלע ניט צעשיידן מיט דעם וויי,
ווי מע צעשיידט זיך אַפֿ אַ ווײַל ניט מיטן שאָטן,
ביז אָפּגעמעקט עס וועט ניט זײַן דער לעצטער צווישן זיי,
ביז ס'וועט דער לעצטער צווישן זיי ניט זײַן צעטראָטן!

## 35. אַ כִּיעס איז צו לעבן

I

נאָך דרײַ טעג גאַנג האָט מען אַפֿ אָפּרו זיך געשטעלט.
שוין נאָענט איז פֿון קלעם די לעצטע גרענעץ.
געצויגן האָט זיך ווײַט אַן אויסגעטראָטן פֿעלד,
נאָר קיינער האָט עס דאָרט פֿון מידקײַט ניט געזען איצט.
אַ וואָרף געטאָן די רוקזעקלעך אַפֿ לינקס און רעכטס,
דעם שווייס געווישט פֿון שטערנס און פֿון העלדזער,
די שטיוול אויסגעטאָן מיט טײַוועדיקן קרעכץ
און איבערוויקלען אָנעטשעס גענומען שנעל זיך.
מיט פֿיס מיט באָרוועסע דערפֿילט די ערד,
ווי קיינמאָל נאָך אַזאַ מין מוטערלעך־באַפֿרישטע,
זיך אָפּרײַסן פֿון איר געוועזן איז שווער,
נאָר ס'האָט זיי מונטערדיק אַ הייב געטאָן דער פֿרישטיק.
עס האָבן קעכעלעך אַ קלונג געטאָן מיט פֿרייד,
און אונטער פּאַכוועס — לעבעדיקע לאַבנס, אַ מעכײַע!
דער טאָג מיט ברויט האָט און מיט וואַסער זיך געגרייט
און מיט מענוכע פֿאַר דעם מידן כאַיִל.

II

א שײַער אָנגעשמעקט. א שאָטן אונטער ווענט.
א בינטל האָלץ אפּ אופליגן א שײַטער.
געבלישטשעט מעסערס האָבן אין די הענט
און פראגעס אינעם בליק: צי וועט מען גיך זיך לאָזן ווײַטער?
געזעסן בינטלעכווײַז א טײל איז לעם א טײל,
ביז גורט אנטבלויזט די לײַבער די צעשפּארטע,
און שראמען אלטע האָבן האָפּערדיק דערציילט
פון ניט פארגעסענע, פון גרויסע שלאכטן.
דער אָקרעפּ האָט געפלעט א יעדן לויט דער ריי,
נאָר ס׳האָט דער דאָרשט בא קיינעם זיך ניט אײַנגענומען.
דאָך האָט שוין עמעצער געשלעפּט א ביסל היי,
און עמעצער האָט אויסגעבעט צוקאָפּנס זיך דעם קלומעק.
א פרישער ווינט פון פעלד — מיט א צעלאָפּ
האָט זיי געבראכט דעם ווײ פון אויסגעברענטע ערטער.
און איינער אויסגעכראָפּעט האָט שוין פונעם שלאָף:
— ער קלעמט ארום, דער דײַטש... — נאָר קיינער ט׳ניט געהערט אים.

III

גוראריע האָט צום ערשטן אויסגעזוכט אן אָרט,
ווּ אויסוואשן פון וועג זאָל ער זיך גרינטלעך קאָנען.
א ריטשקעלע א שמאָלס געגאנגען איז דאָרט
צווישן פארטריקנטע האָרבאטע קליאָנען.
ער האָט דאָס העמד אראָפּגעשמיסן נאָך אין וועג,
באטראכט די הענט, דעם ברוסטקאסטן, די אקסל,
און ס׳איז א קלינגענדיקער פליוסק אוועק,
אז דאָס געמיט האָט יעדער רעגע זיך צעוואקסן.
ער האָט געזייפט די פינגער איינציקווײַז, מיט פלײַס,
צעשפּרייט מיט טײַנעג יעטווידן באזונדער;
זיך אײַנגעקוקט אין זיי איבעראנײַס,
ווי ער וואָלט זײַן פארמעג געציילט. ס׳פארמעג פון וווּנדער.
ער האָט געטאפּט די הענט, די נאָז, דעם האלדז,
די האָר פון קאָפּ, פון אויערן — די לעפּלעך:
— ס׳איז דאָ! פאראן! פאראן איז אלץ! —
און צו זײַן אָפּבילד זיך געווענדט: — א כיעס איז צו לעבן!

IV

אזוי־אָ פילט ער זיך צום ערשטן מאָל, —
האָט אים געדוכט, זיך טריקענענדיק אפ דער זון דאָרט.
ער האָט פארפרוווט דורך א געשריי זײַן קאָל
און טענער עטלעכע ארויסגעלאָזט באזונדער.
דאָס וואסער איז אזוי דערקוויקנדיק און פריש,
דאָס גראָז אזוי דערקוויקנדיק און ווייך איז.
און ס'גיט אין אים א ביי ארײַן אזא געמיש
פון פלעטנדיקע זומערדיקע רייכעס.
און אָט דער פלעטנדיקער שטילער אינדערפרי —
ער טאפט אים אָן, פונקט ווי זײַן אייגן פּאָנעם,
און אָט דאָס יִשעוול דאָס פרידלעכע און גרינס,
און אָט די טײַערע האָרבאטע קליאָנען,
און ער איז צווישן זיי אָט דאָ אינמיטן וועג
אפ שטענדיק נאָר איין מאָל און איינער!
אזא-אָ לעבן גיט מען ביליק ניט אוועק,
א פרײַז אפ דעם קאָן שטעלן ער אליין נאָר,

V

אזא, ווי ס'האָט געשטעלט אפ זיך דאָס לאנד,
אזא, ווי אפן פאָלק געשטעלט האָט די געשיכטע,
ווען ס'האָט דער וועלט דער אויסגעליטענער דערלאנגט
די פרײַהײַט אין געשלעג א פארוויזירטע,
אזא, ווי אין דערווירקלעכקײַט האָט עס געהאט,
אזא ווי פינף און צוואנציק יאָר איז עס געגאנגען — איבעראשנד.
און דורך רויִנען האָט געשפארט דער דײַטשישער מעכאניזירטער קאט,
וואָס איז געגאנגען אָנשטאָפּן מיט בלוט די פּיסקעס און די טאשן.
עס האָט פאר יעדער גראָז דאָס הארץ געטאָן א קלעם,
גערופן האָט א יעדער בוים מיט א געהויל אים.
גוראריע האָט אפילע טראכטן זיך אצינד געשעמט,
אז אָפּהענגיק קאָן זײַן א מענטש פון בלוט-באזויפטן גוילעם,
אז ס'וועט דער עקלהאפטסטער כאם און פאראזיט
די ווערט פון מענטש איבער דער ערד באשטימען.
און ביימער וועלן טראָגן זייער פרוכט אין בליט,
און בלוי און ליכט וועט אויסשפרייטן דער הימל —

## VI

דער הימל און די ערד, פאר וועלכע ער איז אקוראט
אין אָנהייב קריג געקומען שוין אַן אויסגעשטאטער,
דערפילן זיך פאר זייער לײַבלעכן סאָלדאט,
אויך פאר דעם גראָז, אויך פאר די קליאָנען די האָרבאטע...
ער האָט פונסנײַ א פרווו געטאָן די הענט, די נאָז, דעם האלדז,
די האָר פון קאָפ, פון אויערן די לעפלעך:
— ס'איז דאָ! פאראן! פאראן ס'איז אלץ! —
און מיט די אויגן צו דעם פעלד געגעבן זיך א קלעפ נאָך:
איז אָט! א פרײַז אף דײַטשלאנדס בלוט,
א פרײַז אף דער פארבלוטיקט-גוילעמדיקער גײַווע
געפינען דארף מען אין זיך קראפט און מוט
צו אײַנשטעלן, ווען ס'איז גערמאניע אפן פערד — אין בלענד פון גרײַפן,
אָט איצט, ווען ער, גוראריע, שלאָגט זיך אָן א ביקס,
ווען בלויז דער ווייטעק אין די אָדערן אין זײַנע שור'ועס.
באוואָפענען וועט קענען איר זיך יעטווידער געוויקס!
און קענען איר באוואָפענען אליין זיך די נאטור וועט!

## VII

אלציינס, צי זען דאָס גליק געגעבן אים דאָ איז,
צי ניט באשערט אליין איז אים דאָס גליק זען,
נאָר וואלגערן וועט זיך גערמאניעס בלוטיק מעשוגאס אין מיסט
איניינעם מיט איר שטאָל, און מיט איר שטאָלץ, און אירע ביקסן!
און טענער עטלעכע ארויסגעלאָזט באזונדער
אזוי-אָ פילט ער זיך צום ערשטן מאָל, —
האָט אים געדוכט, זיך טריקענענדיק אף דער זון דאָרט.
ער זאָל נאָך אָט אזוי-אָ, ווי ער איז,
איבער דעם קיווער פון גערמאניע דורכשפרײַזן זיך קאָנען!..
דער זאָנדערפיורער קלאָפּס וועט האלטן פאר געוויס,
אז ס'שטימט ניט מיט די דײַטשישע קאנאָנען...
און דאָך האָט אין זײַן הארצן ניט געהויזט די רו,
דעם ליכט אן אָרט אין בליק ניט אָפגעטראָטן האָט דער ווייטעק.
זײַן היים וועט, ווײַזט אויס, אייביק זײַן די גראָנאַטאָפער גרוב,
דעם בראָך, ווײַזט אויס, אויך זען וועט טויטערהייט ער...

VIII

באפרײַט פונ אלצ, ער צ׳ריקוועגס האָט געשפרײַזט,
זיכ א באנגײַטער אומגעקוקט אינ אלע זײַטנ;
אימ האָט געדוכט, אז יעדער הויז צו אימ זיכ רײַסט,
אז יעדער פענצטערל אינ הארצ בא אימ זיכ שײַטערט.
א יעדער שטריבעלע האָט עפעס אימ דערקלערט,
א יעדער גראָז פארזאָגט האָט עפעס שטרענג אימ.
צו יעדנ שאָרכ פונ בוימ האָט ער זיכ צוגעהערט,
ער זאָל אפ אלעמאָל אינ וועג אימ פארגעדענקענ.
געקוקט פונ אומעטיקער ווײַט אפ אימ
זײַנ קאלע האָט, פארהילט אינ דעמער.
אימ האָט געדוכט: ער הערט איר שטימ
צווישנ די טויזנטער פונ קײַווערדיקע קלעמער...
ווי שווער דער וועג זאָל אימ אצינד ניט זײַנ,
ווי פונ זײַנ לעבנ זײַנ אצינד זאָל ער ניט ווײַט שוינ,
האָט דאָכ זײַנ ווײ איצט, ווי א שטערנ אימ געשײַנט:
א פרײַז וועט רוסלאנד שטעלנ אפ די דײַטשנ!

## 36. דער שאָטנ פונעמ זאָנדערפיורער

I

— א בראָכ צומ פינגערהוט! — האָט זיכ מיט מײַסטערס דרײַ
א לאָז געטאָנ אינ יענעמ טאָג דער שנײַדער זיאמע לעווינ.
אויב עמעצ דארפ אצינדערט נאָכ זײַנ גאָלדנ שנײַדערײַ,
דארפ ער איצט נאָר א ביקס! וואָס נאָכ? א קעסעלע! א לעפל!
אונ באָקי איז ער אינ א ביקס, געליבט איז גאָט,
ניט ווײניקער ווי באָקי איז א ייִד אינ אשרײ.
אינ שטיל מיטנ ווארשטאט געזעגנט זיכ ער האָט
אונ צומ וואָקזאל אוועק, ווי א סאָלדאט — אנ איבעראשטער.
געווענ דער וואָקזאל איז אָנגעשטאָפט
מיט רויטארמײער אונ מיט אומבאקאנטע מענטשנ.
א פאָר טאָג דארפ מענ פריִ׳ר אהײמ, קײנ גראָנאָטאָפ, —
באשלאָסנ לעווינ האָט, — ווער ווײסט, צי וועט מענ זיכ נאָכ זענ שוינ?!
אונ אינ דער הײמ האָט ער געהאט נאָכ וואָס צו זענ:
א קינד, א ווײַב, א מאמע בא די אכציק...
אונ זאָלנ גראָנאָטאָפער שנײַדערס וויסנ וואָס אונ ווענ,
אויב טאָמער... מאלע וואָס עס מאכט זיכ...

II

נאָך א בילעט געשטעלט זיך אין דער ריי,
נאָר כאָדאָראָם איז אים געגאנג דער קאָפּ דער קוטשעראווער:
מע דארף דאָס ביסל געלט נאָך איבערלאָזן אין דער היים,
דאָס אָפּגעשפּאָרטע אין פּאָלטאווע.
געקראָכן זײַנען אים געדאנקען אלערליי,
גענומען איינער האָט דעם צווייטן איבעריאָגן:
עפּשער זיי איבערפירן — איינס און צוויי —
און מיט א רוּק הארץ אוועק זיך שלאָגן?!..
א הון האָט פּלוצעם זיך פון וועג געטאָן א לאָז
און א דערשראָקענע בייזוויגדערדיק גענומען קוואָקען.
און לעווין האָט געטראכט: צוריק גערעדט, איז גאָר ניט אזוי פּראָסט
אין אזא ספּעקע פּאקן אפּ דער האנט א וואָגן!
ער האָט זיך שוין געשאפט ווי אין דער היים קימאט:
אָט דאָס — אהער און דאָס — אהין. און אלץ באוויזן מאכן.
ער דארף זיך נאָר ארײַנשטעלן אין זײַן וואָיענקאָמאט,
אים ווײַזן דעם בילעט מיט אלע זיבן זאכן...

III

און טאָמער שפּארן זיי זיך אײַן — אז ניט פון אָרט:
א קינד... אן אלטע מאמע... וואָס זשע טוט ער?
איז רעדט ער ניט ארויס דאָס צווייטע וואָרט,
איז זיך געזעגנט און — א גוטן!
און פון דער צווייטער זײַט, איז בלײַבן זיי דאָך פּאָרט אליין,
און דאָ גיט דיר דער אָסיען באלד א גיי צו...
די מאמע — אלט... דאָס קינד איז קליין...
און ס'אין קיין ברעקל האָלץ ניטאָ אפּ הייצונג...
און כאָטש אין שוויס איז אָפּגעגאנגען דער וואָקזאל,
האָט ער זיך ניט געפּוילט אין „וואָס מע זאָגט" א לאָז טאָן,
אז ס'וועט דער ווינטער זײַן א ביטערער אזא,
מיט פרעסט אזעלכע, וואָס מע זעט זיי נאָר אין מאָסקווע!
און עפּשער טאקע איז קיין טאכלעס ניט דער נאווענאד? —
האָט ער דעם כעזשבן אפּ צוריק גענומען מאכן —
נו, אָט וועט ער זיך צושטעלן אין זײַן וואָיענקאָמאט,
אים ווײַזן דעם בילעט מיט אלע זיבן זאכן...

IV

אונ אלצ וועט זײַנ באזאָרגט, אונ אלצ וועט זײַנ באשטאט,
אונ — אָט זײַנ ריי! זי נע'נטערט זיכ. אָט גיט זי שוינ א גיי צו!
ער איז דאָכ איצט ניט מער ווי א סאָלדאט,
אונ דער וואָיענקאָמאט וועט אימ באהילפיק זײַנ אויכ מיט אנ אייצע!
נאָר קיינ בילעטנ גיט מענ ניט קיינ גראָנאָטאָפּ —
בלויז עשעלאָנענ גייענ רויטארמייִשע אהינצו.
אונ דער וואָקזאל גיט אלע ווײַל זיכ א פארשטאָפּ,
אונ אפ די ביימער באמ וואָקזאל צעוויינט א ווינט זיכ.
עס האָט ווי מיט א האמער אימ דערלאנגט אינ קאָפּ,
אונ ווי אראָפּ אפ אימ וואָלט מיטאמאָל א האָגל:
איז שלאָגט מענ, הייסט עס, זיכ בא גראָנאָטאָפּ —
פארוואָס זשע זאָל ער פאר זײַנ שטאָט ניט גיינ זיכ שלאָגנ?
ער וועט זיכ לאָזנ גיינ צופוס אהיימ,
צופוס דערקלײַבנ וועט ער דאָרט צו גראָנאָטאָפּ זיכ.
ניט ווײַט פונעמ פעראָנ אונטער א בוימ
איז א קאָבואר געזעסנ מיט א צוגעדעקטער קאָבזע.

V

פארקויפט מ'האָט קינדער-שפּילעכלעכ אפנ פעראָנ,
עס האָט דאָס הארצ ביז בלוט א ריס געטאָנ אימ;
אימ גיט זײַנ טעכטערל זיכ פלוצעמ א דערמאָנ:
ווי קומט מענ עס אהיימ אזוי אָנ א מאטאָנע?
אונ מיט א שפּילכל צוגעלאָפנ צו אנ עשעלאָנ:
— ער גייט קיינ גראָנאָטאָפּ? אינ יענער ריכטונג?
צי וועט מענ אימ ניט מיטנעמענ? ווענ קומט מענ אָנ? —
— ער גייט שוינ אָפּ! ער וועט זיכ באלד א ריר טאָנ! —
פונ עשעלאָנ צו עשעלאָנ. נאכהער — צופוס...
די גאנצע וועלט איז צוגעגאנ צומ מויל אימ.
ער איז געווענ צעטומלט אונ געײַלט אונ ניט געוווּסט,
אז גראָנאָטאָפּער ייִדנ זײַנענ אויסגעקוילעט.
נאָר ווײַטער מאכנ ניט געקאָנט האָט מענ קיינ טראָט.
דער אומגליק האָט געהיט דעמ וועג, אימ אומזיכטיק באטראָטנ.
געלעגנ אײַנגעוויגט א טויטע איז די שטאָט,
אונ איבער איר — דעמ זאָנדערפירערס שאָטנ.

## VI

אים האָט געדוכט, אַז עמעצ שטויסט אים אינ אַ טהאָם אראָפּ,
דעמ האלדז האָט אים געוואָלט אליינ זיך אַ צעשנייַד טאָנ:
איז, הייסט עס, וואָס? איז אויס? אַ סאָפּ צו גראָנאָטאָפּ?
נאָר דאנ — אויב אויס די גאנצע וועלט איז סייַדנ! —
ער וועט עפּשער באגעגענענ נאָך עמעצנ אינ וועג,
מע וועט אים עפּשער אָנזאָגנ די שיינע בסורע?
געשיקט זיך, אַז פֿונ דאָרט איז קיינער ניט אוועק?
געשיקט זיך, אַז עס ווארט פֿונ זיי אינ ערגעצ ניט קיינ שפּור אים? —
ער האָט אינ וויי זיך אלע וויַיל געטאָנ אַ גראָב,
זיך אָפּגעטיילט אַ גליד האָט פֿונ אַ גליד אים:
ריבוינע־שעל־אוילעם, איז ווו זייַנענ די בעזשענצעס פֿונ גראָנאָטאָפּ?
פֿארוואָס באגעגנט ער דאָ ניט קיינ גראָנאָטאָפּער ייִדנ?
וואָס וועט ער גיינ זיך איַינרעדנ אצינד,
וואָס וועט ער פֿונ כאלוימעס לאָזנ זיך פֿארסאמענ,
אַז ס׳האָט זיך דאָך געראטעוועט אַ קינד,
אַז לעבעדיק געבליבנ איז אַ מאמע?..

## VII

אונ האלב צעדולט, ניט ווינסנדיק אליינ נאָך וואָס,
מיט הענט אינ קעשענעס ווי צוגעקלעפּטע שטיקער קאָרע,
האָט ער זיך עפּעס זוכנ דאָך געלאָזט,
ווי ער זאָל האָבנ דאָרט די וועלט זייַנע פֿארלאָרנ.
אונ אונטער אַזאַ אומפֿארשטענדלעכ־נאָ׳נטנ ראש,
פֿארוועבט ערגעצ אינ וויַיטע אומדערגרייכלעכע געהילכנ,
האָט ער מיט הענט מיט אָפּגעבריטע אָנגעטאפּט אינ טאש
דאָס קינדערשע דאָס ניט־דערבראכטע שפּילכל...
ארויסגענומענ לאנגזאם עס ער האָט,
געקוקט אַפֿ דעמ מיט אויגנ בלאָנדזשענדיקע, דולע:
איז וואָס האָט זיך געטראכט אַ גאנצע שטאָט?
מע האָט דענ ניט געוווּסט, אַז ס׳גייט אַ פֿינצטערע געדולע? —
אונ שווארצער פֿונ דער ערד — אראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ,
גענומענ גיינ צוריק האָט ער ווי אינ געלויער.
פֿונ הינטנ איז אַ מעס געלעגנ — גראָנאָטאָפּ,
אנטקעגנ איז געגאנ די גאנצע וועלט אינ טרויער.

## 37. די גימנאַסטיאָרקע

I

דאָס הארצ פארטריפט מיט טרויער אונ מיט סאמ
אונ ניט באגרייַפנד, וואָס אזוינס איז פאָרגעקומענ,
געלאָזט זיכ אפ צוריק האָט לעווינ ניט געזאמט —
דאָס ניט-דערבראכטע שפּילכל אפ די אקסל אינעם קלומעק,
די ניט-דערגרייכטע היים — אינ אָוולדיקנ בליק,
דאָס ניט-באזאָרגטע הויזגעזינד — אינעם פארשטיינטנ הארצנ.
עפשער א טאָעס? — האָט דער ווייטעק אימ געשטיקט, —
ס'איז ניט געווענ עפשער דער גראָנאָטאָפּער צוג, ווי ס'מאכט זיכ?
עפשער באדארפ מענ נאָכאמאָל זיכ טאָנ א לאָז,
זיכ גוט פאנאנדערפרעגנ פריִ'ר, — עס קאָנ דאָכ אלצ געמאָלט זייַנ! —
די אויגנ האָבנ זיכ אימ אָפּגעשטעלט, ווי גלאָז,
דאָס ליכט אינ זיי האָט זיכ אינ פייַנ געשמאָלצנ.
נאָר אָפּגעשניטנ איז געווענ שוינ אויכ דער וועג צוריק...
גענומענ ווארפנ זיכ פונ שטעג אפ שטעג האָט פונדאָסנייַ ער, —
אונ אָנגעהויבנ אָט אזוי האָט ער דעמ קריג
בא דעמ ארומגערינגלטנ סאדאָווסקיס כאיִל.

II

וואסילי דראָזד איז אומגעגאנ פונ בוימ צומ בוימ,
געטוליעט זיכ צו יעדנ שטאמ, ווי צו א מאמע.
א ציִ, ווי פארנ טויט, געטאָנ האָט אימ אהיימ,
דאָס ערשטע מאָל האָט ער א בענקעניש דערפילט אזא מינ...
סאדאָווסקי האָט דעמ בליק געטאָנ אפ אימ א וואָרפ:
— עפּעס געטראָפנ, דראָזד? אנו, בראטאָק, איז לאָמיר הערנ!
— ס'איז גאָרניט, כאווער קאפּיטאנ... ׳יכ טראכט פונ אונדזוער דאָרפ...
אונ דאָ, ווייַזט אויס, וועט אויסקומענ געהארגעט ווערנ... —
פארייכערט האָט דער קאפּיטאנ, געלאָזט א קנייַלכל רויכ
אונ אפ די רינגעלעכ פארקוקט זיכ אפ די רונדע:
— נו, יאָ... מע ווערט געהארגעט אויכ...
געוויס. אונ ווער עס ווערט דאָרט בלויז פארווּנדעט...
עס איז דאָכ ניט קיינ כאסענע — ס'איז דאָכ א קריג,
נאָר פונ א קריג אויכ אומקערנ א העלד מע קאָנ זיכ...
דאָס איבעריקע ליגט אינ מאזל, — האָט זייַנ בליק
אפ דראָזדנ פאָטערלעכ געטאָנ א בלאָנדזע.

III

— כ'וויל ניט דערהארגעט ווערן, כאָווער קאָמאַנדיר, —
האָט ווי א טאַטן דראָזד א זאָג געטאָן סאַדאָווסקי'ן.
און אומרו איז אזא געגאַנגען מיט געוויכט
פון די געזיכט-צוגן די אָפּגעווינטיקטע און פּראָסטע.
א פייערל האָט העל זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם רויך,
ווי ס'וואָלט צוט מויל געקראָכן עס א ברי טאָן.
די אויגן אופגעהויבן האָט סאַדאָווסקי אין דער הייך,
א ווײַל זיי אינעם שפּיץ פון בוים אַרײַנגעשניטן
און זיי צוריק א לאָז געטאָן אַראָפּ
אף דעם פארזאָרגטן, אומרויִקן דראָזדן:
— און איך, ווי מיינסטו, כאַלעש אָנלייגן דעם קאָפּ?
און אלע די, וואָס ליגן אפן גראָז דאָ...
ס'וויל קיינער ניט דערהארגעט ווערן, דראָזד, —
אים אין די אויגן ער א קוק געגעבן גלײַך האָט: —
געהארגעט ווערט נאָר דער, וואָס הארגענען זיך לאָזט,
אים הארגעט פרי'ר פאר אלץ דער פּאַכעד!

IV

אַנטקעגן דראָזדן אָפּגעשטעלט האָט זיך א ציג,
ווי א יעכוימע פון אן אָפּגעברענטן יישעוו.
ס'האָט דראָזד געגעבן זיך צו איר א צי,
דערפילט אין איר די היים נאָך פון פאַרפרי שוין.
ער האָט זיך מיט איר שטיל דערלפרייט אזוי,
ווי מע דערפרייט אין וועג זיך מיט אן אלטן שאָכן.
און זי האָט טרויעריק געקוקט מיט א דערשראָקן אויג, —
דאָס צווייטע איז געוועזן אויסגעשטאָכן.
אדורך איר פעל, ווי דורך אן אויסגעלאָטעט העמד,
האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט אומעטיק די ריפּן.
זי דאַרף שוין ניט קיין גראָז. דאָס מויל איז איר שוין פרעמד,
געציטערט האָבן בלויז פון זיך אליין בא איר די ליפּן.
זי וועט, ווײַזט אויס, דאָ אויסציִען די פיס,
וואָס זײַנען צו א מענטשן קוים דערלאָפן.
דאָס אויג דאָס איינציקע וועט שוין אזוי געוויס,
ווי א מעגילע פונעם יישעוו, בלײַבן בא איר אָפן...

## V

פארבײַגעגאנגענ לעווינ איז דאָס אָרט,
דערזענ די ציג און דראָזדנ גלײַכ געטאָנ א טעסע:
— איז ליב דיכ מיטנ גאסט!.. ווײַזט אויס פונ דאָרט!
מ׳עט איר דאָ דארפנ אָפּגעבנ דעם לעצטנ כעסעד! —
אנ אומעט ארום דראָזדנ האָט זיכ שטיל געוועבט.
די ציג... זי טוט אצינדערט אויכעט ווײ אים.
— דײַנ גימנאסטיאָרקע, דראָזד! האָסט דאָ געכאפּט א טשעפּ, —
האָט לעווינ אים באמערקט. — מע דארפ עס גלײַכ פארנייענ!
באוויַז! עס איז דאָכ עפּעס אונדזוער כופּע-טואלעט,
וואָס ביסטו טרויעריק? — האָט ער די גימנאסטיאָרקע אים געגלעט, —
מ׳ר גייענ דאָכ די גאָרגלענ, דראָזד, צעטרענענ בא די דײַטשנ! —
אפּ הינ און צ׳ריק, פונ ראנד און צו דעם ראנד,
אָנ אופהער זיכ געצויגנ האָבנ לאנגזאמ פורנ.
ס׳איז דראָזדנ לײַכט געוואָרנ גלײַכ פונ לעווינס האנט,
א מילדקײַט איז אזא געגאנ פונ לעווינס צוריר...

## VI

ס׳איז לעווינענ געננוג א קוק טאָנ אפּ א קנאָפּ,
אז אפּנ אויג זאָל פּעסטשטעלנ גענוי ער,
ווענ פּינקטלעכ, אקוראט ווערט ער אראָפּ,
און עס מיט מיטגעפיל דעם רויטארמייער גלײַכ פארטרויענ.
ער דארפ קיינ סאכ, א קוק טאָנ נאָר,
בא איינעם לויכטנ זיכ די הויזנ ערגעצ-ווו דאָרט,
אז טרעפנ זאָל ער גלײַכ: ס׳איז א סאפּיאָר —
געלאָזט באם סוינעס דראָט-פארצוימונגענ א שטיקל פלודער.
גענוג איז אפּ א גימנאסטיאָרקע אים א קוק טאָנ פונ דער ווײַט,
דערזענ א ריס, אז ס׳זאָל אים גלײַכ א צי טאָנ:
— נו, יאָ! — גיט ער א פאָרשנדיקנ טײַט, —
אָט דאָס-אָ טינטערל איז פונ א שפּליטער! —
איז ווארט ער ניט. ער גיט אליינ א פלי,
ניט פרעגנדיק, ער שטעלט זיכ עס פארנייענ.
ס׳האָט לעווינ זײַנ פראָפעסיע ליב,
און אים — אים האָבנ ליב די רויטארמייער.

VII

איז יאָמטעוודיק, אפּ גדולע און אפּ רום
האָט לעווינ דראָזדנ אויסגעריכט די גימנאַסטיאָרקע.
ארומגעקוקט געטריַ זי אומעטום,
ניט אופהערנדיק שפּיגלענ זיכ איִנ איר און פּאַרקענ.
און נאָכאמאָל א קוק, און ווידער פונדאָסניַ,
גאָר ניט געקאָנט מיט איר צעשיידנ האָט זיכ לעווינ.
דערקלערט פאר דראָזדנ אלצ: די כאָכמע שניַדערייַ
און פונ טאנדעט פונ פּאָשעטנ די טעווע.
א שפּרוכ באַגלייט האָט יעדנ נאָט,
און אויסגעפּרעסט אימ קונציק מיט א ווערטל האָט ער,
און פּונקט ווי צו דער כופּע זיכ אינ שלאכט געלאָזט ער האָט
מיט דראָזדנ אינ איינ ריי — פּאָרויס דער גאנצער ראָטע.
אנ אויסזענ פונ א הייליקנ האָט ער געהאט,
פונ אלצ געוועזנ וויַט, אפּ גאָרנישט מער געריכט זיכ,
נאָר טראָט בא טראָט האָט ער געשפּאנט מיט דראָזדנ אקוראט,
כאָטש אינ דעם וווּקס איז ער געווענ פונ דראָזדנ עטוואָס קירצער.

## 38. א קאָמפּלעקט קינדער־בגאָדימ

I

אונטער דעם זאָנדערפיורערס אופזיכט טאָג ווי נאכט
האָט מענ סאָרטירט פונ די דערהארגעטע די בגאָדימ.
געשטאנענ זיַנענ וואכליַט אפּ דער וואכ
מיט ביקסנ אווטאָמאטישע געלאָדנ.
די דיַטשע פּינקטלעכקיַט האָט דאָ געהערשט מיט פליַס,
און איַנגעשפּאנט אינ איר געווענ די טויטע שטאָט איז.
געשוועבט האָט דאָרט דער אויבערמענטשנ-גייַסט
איבער דעם כאאָס פונ צעפליקטע העמדער און קאַפּאָטעס.
געמאָסטנ איַלעוודיק מ׳האָט יעדער שטיק אפּ זיכ,
א יעדער שטיק מ׳האָט פיבערדיק געשאצט אינ מארקנ.
בא יעדנ איז געווענ צעיושעט דאָס געזיכט,
ווי בא גאנאָווימ אפּ די רוישנדיקע מארקנ.
געברענט בא זיי די אויגנ האָבנ ווי בא וועלפ,
און צוגעשמידט בא יעדערנ געווענ דער בליק צום פּאָל איז,
ווו ארבל האָבנ זיכ געשטרעקט פארבראָכנ אפּ דער העלפט,
ווו ס׳האָבנ ווי פונ שלאָפ אליינ געהויבנ זיכ די פּאָלעס.

II

געשטאנען זײַנען וואכלײַט בא דער טיר,
די צײַנקאסטנס געהאלטן גענעצנדיק אין דרייען,
און אינווייניק האָט גרויס-גערמאניע סאָרטירט
ס'בעסאלמענדיקע גוטס, ווי שלאכטיקע טראָפייען.
צונויפגעלייגט פּידזשאַק מ'האָט צו פּידזשאַק,
א פּלודער מ'האָט באהאָפטן מיט א פּלודער;
געווען זיי זײַנען ערטערווײַז צעהאַקט,
געווען זיי זײַנען ערטערווײַז פארבלוטיקט.
ביז צו דעם באלקן זיך געהויבן האָבן פּעק,
און צייכנס דײַטשישע, ווי האקנקרייצערישע מאָטאָס,
געלייגט זיך האָבן אף די יִדישע די לאסטיקענע רעק
און אף די וואָכיקע פאריאָסעמטע קאפּאָטעס.
עס מאכט ניט אויס! מע וועט עס איבערקאָכן לײַכט,
אף דעם איז יעדער גרעטכענס אין גערמאניע א בעריע.
און אויספּוצן אין דעם וועט זיך דאָס דריטע רײַך —
די טריִומפאלע זיגרײַכע אימפעריע.

III

נאָר ס'האָט געפעלט א קינדערשער קאָמפּלעקט,
די צאָל האָט ניט געשטימט מיטן בעסאלמענדיקן צעטל.
איז אפּדראָסנײַ א זוך געטאָן פון עק ביז עק:
— עס פעלט! — געטרייסלט האָבן זיי זיך, — דאָנער-וועטער! —
געשטאנען זײַנען וואכלײַט בא דער טיר,
אדורכגעגרילצט האָבן פארבײַ געטאסעוועטע פורן.
— זאָפּאָרט די צעטלען געבן א שטודיר! —
באפוילן גרויזאם האָט דער זאָנדערפירער.
די אויגן זײַנען אים ווי גאל געוואָרן גרין:
צי וועט זײַן פלײַס פארעכענען דער פירער פאר גענוג אים?
ס'פעלט א קאָמפּלעקט, — הערט ער, ווי ס'שרײַט צו אים בערלין, —
פון אָט דעם צעטל יִדישע הארוגים.
ס'האָט ערגעץ אויסבאהאלטן זיך א קינד, ווײַזט אויס,
געווידערשפּעניקט אין באפעל פון זאָנדערפירער!
זאָל אן אָטריאַד איבער די וועגן זוכן עס ארויס, —
האָט ער דאָרט אופגעהויבן כריפּענדיק א שטורעם.

IV

גערמאָרדעוועט האָט ער זיך ווי אין הינערפלעט,
און שוים פון מויל, ווי ער וואָלט זיך געעקט דאָרט:
— די צעטלען לייענען אליין דער פיורער וועט,
אליין דער פיורער פונדערוועגן וועט די קאָמפּלעקטן!
גערמאַניע! די הערשערן פון גאָר דער וועלט!
גערמאַניע! — געווישט האָט ער דעם בלויען האַלדז-און-נאַקן, —
גערמאַניעס אַן אימפּעריִשן באַפעל
ניט אויספילן געוואַגט האָט אַ פאַרפלוכטעס לאַבסערדאַקל!
די דערפער איבערגראָבן מיט די קעפּ אַראָפּ!
די הײַזער אויסרײַסן אינײנעם מיט די שטאַמען!
געפינען עס! — האָט ער געקלאַפּט, —
געבראַכט ס'זאָל זײַן! — האָט ער געשטאַמלט.
און ס'איז אַ שטראָף־אָטריאַד אַ גרויזאַמער אַוועק
די דערפער אויסטרעטן אַףברייטן און אַף לענגן.
די הײַזער לאָזן מיטן פלאַם פון עק צו עק
און — לעבעדיקערהייט צי טויט — דאָס ווידערשפּעניקערל ברענגען.

V

די, וואָס האָט ווידערשפּעניקט אינעם דײַטשן מיליטער,
די, וואָס דער שטראָף-אָטריאַד געלאָקערט האָט אָן אופהער,
איז אַלט געווען דאָס זעקסטע יאָר. ניט מער.
נאָר מ'האָט, ווי אַ דערוואַקסענע, באַם נאָמען זי גערופן:
„יעהודעסל!" — געשמייכלט האָט צו איר דער גאַנצער הויף,
„יעהודעסל!" — באַוווּנדערט האָט די גאַנצע גאַס זי,
ווען נאָך אַ שמעטערל זי פלעגט זיך לאָזן אין געלויף
און ווי אַ שמעטערל אַליין זיך אומקערן אַ בלאַסע.
זי האָט געהאַט אַ קאָפּ מיט גינגאָלדענע האָר
און ברעמען זײַדענע איבער די שוואַרצע אויגן,
און האָט געהאַט צו טאָן אַ יאַם אין אירע אָנפאַנגלעכע יאָר,
און יעדער רעגע איז באַ איר מיט גאָלד גע'זוען געוויגן.
פון סאַמע פון קאַיאָר, פון סאַמע אינדערפרי,
ווי נאָר דער שלאָף טרעט אָפּ פון איר געלעגער,
הייבט גלײַך זיך מיט פאַרכאַפּטקייט אָן איר מי
פון עפּעס-וואָס צו זען, פון עפּעס-וואָס צו פרעגן...

## VI

און דאָ די קוקלע אָנקאָרמענ. שוינ אזוי שפעט.
און לאָזנ זיכ מיט איר באנאנד שפאצירנ.
איר אופנייענ א קלייד. פארבעטנ איר דאָס בעט.
און מענטשלעכ מאכנ פונ פאפיר איר.
און מיט פארכאפטנ אָטעם און פארטרוי
זיכ אופזעצנ א ווײַלע אפ א וואָגנ,
און זייפנ-בלאָזנ לאָזנ דורכ א שטרוי,
און א פארגאפטע נאָכ א רייפעלע זיכ יאָגנ.
און לויפנ אלעמענ אנטקעגנ גלאט,
אפ אלצ צעעפענענ דעם בליק דעם קלאָרנ...
א יאמ צו טאָג האָט זי שוינ אפנ זעקסטנ יאָר געהאט,
און האָט זיכ קוים געקאָנט מיט אלצ אופאָרענ.
דאָ גיבנ זיכ די פינגערלעכ א פלעכט אליינ צונויפ,
און אינ א טאנצ זי לאָזט זיכ אָפ אזוי געלאסנ.
— יעהודעסל! — געפליעסקעט האָט צו איר דער גאנצער הויפ.
— יעהודעסל! — באוואונדערט האָט די גאנצע גאס זי.

## VII

— יודיט! — פארשריבנ איז אפ דײַטש געווענ
איר נאָמענ אינ טראָפיי-דערקלערטנ מייסימ־צעטל.
און אפ דער דײַטשישער קוואַרטיר, אינ די פארטויבטע ווענט
געכריפעט האָט דער זאָנדערפיורער: — דאָנער-וועטער!
די דערפער איבערגראָבנ מיט די קעפ אראָפ,
די הײַזער אויסרײַסנ אינײינעם מיט די שטאמענ!
געפינענ זי! — האָט ער געקלאפט, —
און ברענגענ זי! — האָט ער געשטאמלט.
געווענ פארשריבנ „דרײַצנ טויזנט זיבעציק און פיר“
אינ זײַנע מאלכאמאָוועסדיקע צעטלענ איז איר נומער.
זי האָבנ אויכ די דײַטשנ רעגיסטרירט,
איר האָט מענ אויכ באפעלט אפנ בעסוילעמ קומענ
און מיטנעמענ זיכ שפײַז אפ צוויי-דרײַ טעג,
און אויכ די סאמע ווערטפולע פונ אירע זאכנ.
האָט זי א סאכ באדארפט דענ גרייטנ זיכ אינ וועג?
האָט זיכ דענ צײַט געפאָדערט צוליב דעם א סאכ איר?


878—10

## VIII

די זאַך די סאַמע ווערטפולכטע בא איר
געווען א בער פון פּליוש איז מיט איין אויער.
דעם מאַלכאַמאָוועס זי אַליין געעפנט האָט די טיר
מיט נײַגיר, ווי אַן אומבאַקאַנטן אוירעך,
געזאָגט אים: — פּעטער, ס׳איז די מאַמע אין דער היים ניטאָ,
איר וועט אַרײַנקומען א ביסל שפּעטער! —
נאָר עפּעס האָט א שווינדל אין זײַן האַנט געטאָן.
— וואָס האַלט איר אין דער האַנט? גיט מיר א קוק טאָן, פּעטער, —
זי וואָלט אים פאַר אָט דעם אוועקגעשענקט דעם בער,
זיך כאָטש א ביסעלע מיט דעם א שפּיל טאָן...
וואָס נאָך פאַר דעם פאַרלאַנגט דען ער? —
א וואָרף געגעבן אין דער הייך האָט זי די פּילקע
און איז אַרויסגעלאָפן פון דערשרעק,
אָנשטאָט דער פּילקע שוין אַליין געטאָן א פאַל,
נאָר מער קיין שוץ פאַר איר שוין ניט דער פאַל איז,
זי דאַרף באַצאָלן דײַטשלאַנד פאַר ווערסאַל,
באַצאָלן דאַרף זי איצט פאַר דײַטשלאַנדס שענדלעכע מאַפּאָלעס.

## IX

דעם בער פונקט ווי א קינד א כאַפּ געטאָן האָט זי
און שפּילן זיך אַוועק מיט אים נאָך אַפ א ווײַלע,
און אַפן וועג האָט זי דערזען א ווײַסע ציג —
און ווײַטער ניט געהאַט וווהין זיך שוין צו אײַלן.
די גאַנצע שטאָט איז צום בעסוילעם שוין אַוועק,
איז וואָס? אַז זי איז מיט דער ציג דער ווײַסער דאָ פאַרנומען!
זי ווייסט ניט, אַז גערמאַניע קערט איבער דאָרט דעם וועג,
איר פאַלט ניט אײַן, אַז ס׳האָט דעם שעפּ פאַרפעלט א נומער.
וווהין די ציג אַליין האָט בלאָנדזשענדיק געפירט זי...
א שטיקל ברויט אין וועג פון א ראַכמאָנעסדיקער האַנט.
און אַפ דער הוילער ערד — צעטראָטענע געווירצן.
אַמאָל — א טרער. אַמאָל — א טראָפּן טוי.
דער וועג איז שווינדלדיק. דער גאַנג — א גיכער.
אַמאָל אין פעלד באַטאָג — פאַרוקט אונטער א סטויג,
און ווי א פייגעלע אַמאָל באַנאַכט אונטער א סטריכע.

X

און גאנץ גערמאניע געיאָגט האָט זיך נאָך איר
פון דאָרף צו דאָרף, פון סוייפע איבער כרייפע.
און זי, ווי פון אן אויסגעמאטערטן שפאציר,
איבער די אקסעלעך די קליינע אָנגעטאָן דאָס רייפל.
און אף די הענט — דער בער אייניינעם מיט דער ציג
געגאנגען א געלאסענע אין שטאָט צוריק איז
מיט איר קאָמפּלעקט באקרוינענע דייטשלאנדס זיג
און מיט איר קאָפּ פארזיגלענע ס׳צעטל פון האריגעס.
אריינגעגאנגען אין שטאָט פון אש און פעך
איז די זעקסיאָרעדיקע בירגערן די קליינע,
אריינגעגאנגען מיט דער פּילקע, מיט דעם בער
און מיט דעם ציגעלע דעם קלאָר-ווייסן אינאיינעם.
געקומען אין געסטאפּאָ איז די קליינע בירגערן אליין,
צום מאלכאמאָוועס זיך געווענדט מיט קינדערישן שטאמל:
— צי ווייסט איר, פעטער, ניט, ווו איז ערגעץ מיין היים?
צי ווייסט איר, פעטער, ניט, ווו איז ערגעץ מיין מאמע?

## 39. די ראדיסטקע

I

יעדיעס פינקטלעכע האָבן די אויסשפּירער געבראכט:
פון איין זייט — וואלד, און פון דער צווייטער — לאנען.
און גרייטן זיך גענומען צו דער שלאכט,
דעם לעצטן קרייז אדורכרייסן איז פאָרגעשטאנען.
קיין רעגע ניט צעשיידט מיטן „טראָפּיי“
און מיט די אויער-רערלעך אירע האָט זיך טאָניע.
געקישעפט דעם עפיר ביז צערנלעכקייט, ביז וויי,
און פּלוצעם — פרייד פון איר א גיי געטאָן האָט,
ווי ס׳וואָלט זי אופגעהויבן ערגעץ דאָרט אף בערג
און אף די הויכע כוואליעס ערגעץ זי געקויקלט.
און נאָך פארטייעטער זי האָט זיך איינגעהערט,
א רוף געגעבן אלע מיט די הענט און מיט די אויגן:
— פאראן! ס׳איז אונדזערע! איך הער! —
ווען ניט די אויער-רערלעך, וואָלט זי אין א טאנץ געלאָזט זיך.
ארומגענומען געוואָלט האָט זי די גאנצע ערד,
ארומגענומען האָט זי אומבאמערקט סאדאָווסקי.

II

ווען א באיאַן זאָל זײַן, — האָט פּערעליאַט דערלאַנגט א ריס, —
וואָלט ער איצט א קאַמאַרינסקע אַוועקגעלייגט פון די פּאַגאָסטער!
געבעטן האָבן זיך אליין די פיס,
זיי אײַנהאַלטן האָט מי אונ אָנשטרענגונג געקאָסט אים.
נאָר אָן דעם האַרציקן באיאַן, אַלציינס געפעלט,
האָט ער פאַרלייגט א האַנט באַם האַלדז-און-נאַקן,
אונ אין דער ווייכער ערד, ווי אין אן איבערבעט,
האָבן די שטיוול זײַנע פּײַקלדיק געגומען קנאַקן.
זיך צוגעזעצט אין טאַנצ א יעדער ווײַל ער האָט,
אונ וואַרפנדיק די פיס, האָט ווי א דריידל ער געשווינדלט.
געהילכט האָבן די רויטאַרמייער: — פּערעליאַט! —
אונ — ניעדאָליאָט! — געטריבן האָט אליין דער ווינט אים.
— איך הער! — געשריגן, טאַנצנדיק, האָט פּערעליאַט. —
א גרוס איך הער! א גרוס פון מאָסקווע! —
אונ ווי עס קלאַפּן צו די רויטאַרמייער מיטן טראַט,
געקוקט האָט שמייכלדיק, פאַרגאַפט סאַדאָווסקי.

III

מיט קישעפ האָט געקלונגען דער פּאַראָל,
די האָפענונג געטאָן האָט יעדן א פאַרטרוי ער.
סאַדאָווסקי האָט ראַדירט. געכאַזערט מאָל נאָך מאָל:
— איר ווערט אונדז העלפן דורכברעכן דעם לעצטן טויער! --
פאַרפינקטלעכט אין די צײַט אונ אָנגעמערקט דאָס אָרט,
דאָס קאָל פון דאָרט איז אזוי מעכטיק אונ דערקוויקנד.
איז מיט די אויגן גיט ער איבער יעדער וואָרט,
אונ אלע ענטפערן אים פריידיק מיט די בליקן:
נאָך הײַנט באַנאַכט רײַסט מען דעם קלעם אַדורך,
אונ מאָרגן הייבט פונסנײַ דאָס לעבן אָן זיך.
געטראָגן האָט פון ווײַטע שטערן זיך א שפּרוך,
אונ אויגן האָבן גליקלעכע געגומען בלאַנדזשען.
ס'איז לאַנג שוין ניט געוועזן אזא מילדע נאַכט,
דער הימל ניט געווען איז לאַנג שוין אזא בלויער.
באַגינט האָט אין דער אָפּגעשטעלטער שאָ די שלאַכט
פון דורכברעכן אין קלעם דעם לעצטן טויער.

## IV

דעם דײַטשן גארניזאָן באַם שלאָפנדיקן ראנד
האָט ניט געכאָלעמט זיך קײן בײז און קײן געוויטער.
נאָר פונקט ווי מיט א פלאַמיק-דונערדיקן קראַנ
האָט אים א הײב געגעבן דער הארמאט פון די געברידער פיר ראקיטא.
מיט פינקטלעכקײַט ביז צו דעם העכסטן גראד
דעם בלײַ, ווי בליצן, האָבן זײ געלאָזט א פלי טאָן.
זײ האָבן נאָך געדענקט די פינקטלעכקײַט פונעם ווארשטאט
און אויך ו׳עם בליק פון זײער פאָטער — פון איוואַן ראקיטא.
זײ האָבן דעם הארמאט געטרײַ און פאָטערלעך באדינט,
זײ האָבן פאַר דער גאנצער צײַט פון קלעם פארהיט אים;
ווען מ׳האָט באדארפט, האָט ער זײ פרײַ׳לינגדיק געגרינט,
ווען מ׳האָט באדארפט, האָט ער זײ זומערדיק געצוויטעט —
אצינדערט נײיטיק איז געווען,
ניט וויסן זאָל דער דײַטש — פונוואַנען...
פון אָרט צו אָרט מ׳האָט דעם הארמאט געטראָגן אַפ די הענט.
פון אײן זײַט — וואלד, און פון דער צווייטער — לאַנען...

## V

און דאַן איז שוין ארויס וואסילי דראָזד,
ווי ס׳וואָלט אים די קאָמאנדע אויסגעהילכט זײַן שטאָט פאָלטאווע.
ער האָט זיך אַפ זײַן קוילנווארפער פעסט פארלאָזט,
ווי אַפ דעם בעסטן, אויסגעפרוּווטסטן כאַווער:
— דערלאַנג פאָלטאווער האלעשקעס דעם דײַטש צו זעט!
און מיט וואַרעניקעס דעם גאָרגל אים צעפּענטע! —
האָט ער זיך מיט זײַן קוילנווארפער הארציק דורכגערעדט,
פארלייגנדיק א לענטע נאָך א לענטע.
אלײן געפלעט, צעטומלט און פארבלענדט
פון העל-צעשפריצטן פײַער,
האָט אים געדוכט, אז ס׳גייט דער פלאַם פון זײַנע הענט,
און ס׳האָט זיך אים פאַר פרייד געוואָלט צעשרײַען:
— ווער נאָך? וואָס זאַמט מען זיך? אהער!
דער וועג באלויכטן איז מיט הייסן בלײַ דאָ! —
און א ניט-צוטריטלעכער אינעם דראַנג, האָט ער
דעם קוילנווארפער אָנגעזאָטלט ווי א רײַטער.

## VI

די דײַטשנ מאָרדעווענ געלאָזט זיכ הינ אונ צ׳ריק,
אפנ קאטאָק פונ טויט באפעלט זיי פֿײַערלעכ זיכ גליטשנ...
אינ אקסל דראָזנ האָט געטאָנ עפעס א פּיק...
ניינ! ס׳האָט זיכ אויסגעדאכט! די האנט איז איינפאכ מיד שוינ
פונ זייענ שארבנס דײַטשישע אינ טאָל,
פונ צוקלאפנ מיט קוילנ צו דער ערד א יעדנ.
ער האָט אפילע ניט געוווּסט, אז זײַנע זיידעס נאָכ אמאָל
אונטער פּאָלטאווע אָט אזוי האָבנ געשאטקעוועט די שוועדנ..
צעפליקטע פינצטערניש פונ פלאנג צו פלאנג
האָט אלע ווײַל מיט פלאמ געטאָנ זיכ א צעפנ.
פאטראָנעס האָט דעמ כאווער דראָזד דערלאנגט
דער ראָטנער שנײַדער זיאמע לעווינ.
אונ דורכ דעמ קאָרידאָר געפלאָסנ האָט דער טייל,
פארוווּנדעטע מ׳האָט אפ די הענט געטראָגנ,
ניט אָפגעשטעלט אונ ניט געציילט,
אונטער דעמ בלײַק-סווישטשענדיקנ האָגל.

## VII

מיט שטורעמ האָבנ זיי צעשפארט דעמ קאָרידאָר,
אונ אונטער פלאמ דער וועג געלעגנ גראד איז.
די דאָקומענטנ פונעמ טייל געפירט האָט דער פארטאָרג —
דער דרײַ מאָל שוינ פארוווּנדעטער אָוואדיס.
א יעדער רעגע האָט געלייגט זיכ אפ דער וואָג,
א יעדער שפאנ האָט מיטנ טויט זיכ אויסגעוויגנ,
אונ אָפשטופנ דעמ ערשטנ בלוי פונ טאָג
האָט ער באמיט זיכ מיט דעמ בלוי פונ זײַנע אויגנ.
אָט באלד!.. נאָכ א מינוט!.. אונ אויס!
געצויגנ האָבנ זיכ אפ ווײַט געפלעפטע מײַלנ.
סאדאָווסקי איז געגאנ פאָרויס,
אפ צ׳ריק זיכ אומגעקוקט א יעדער ווײַלע.
אונ אלע האָבנ אויסגעזענ צעוואָרפנ אפנ וועג,
ווי אפ א שטורעמ-יאמ געשוווּמענ וואָלטנ זיי א צײַט שוינ.
ער זעט שוינ אָנ זיכ, דער געגארטער ברעג,
אונ הינטנ ברעקלענ זיכ צעקלאפט די דײַטשנ.

VIII

גענע׳נטערט האָט מיט יעדער רעגע זיך די גרויסע ערד,
פֿון דאָרט צו די ארומגערינגלטע געגאנגענע מ׳איז אנטקעגן.
ס׳האָט דעם דערקוויקנדן „אורא״ סאדאָווסקי שוין געהערט,
נאָר שווער איז אים געווען אצינד זיך צו באַוועגן.
פֿארהוילט ער האָט פֿון זיך אליין די ערשטע וווּנד,
און פֿון די פֿריַינט האָט ער די צווייטע אויסבאהאלטן.
נאָר ס׳האָט א קרעכץ דערטראָגן זיך פֿון טאָניען: — ווּ?
געטאָן א לאָף... דאן האָט גוראריע אים דערזען א פֿאל טאָן.
ער האָט זיך גליַיך געטאָן צו אים א לאָז,
נאָר אופשטעלן האָט זיך אליין באמיט סאדאָווסקי, אָן אים;
גוראריען אָנגעוויזן מיט די אויגן אפֿן גראָז,
ווּ פֿון א קויל איז אומגעפֿאלן טאָניע.
און אָנגעוויזן טאָניע האָט אים פֿריִער דאָס געווער.
ער האָט עס אָנגערידט. געווען ס׳איז נאָך וואַרעם.
און אָט אזוי געטראָגן צו דער גרויסער ערד
האָט די פֿארווּנדעטע ראדיסטקע אף די הענט גוראריע.

IX

פֿון איין פֿארווּנדעטן צום צווייטן אין געַיל,
צעטומלט אומגעטראָגן האָט דער דאָקטער זיך אָן אופהער.
בא יעדן אָפּגעשטעלט זיך אף א וויַיל
און — וויַיטער! נאָך די שטילע קרעכצנדיקע רופֿן.
און אָט אזוי פֿון וואַנד צו וואַנד, פֿון בינט צו בינט,
ניט מעסטנדיק, אף וויפֿל צום געפֿאר ס׳איז נע׳נטער,
האָט ער זיך פּלוצעם א דערמאָן געטאָן: — דאָס קינד?!
ער זעט עס ניט! ס׳האָט ערגעץ זיך, וויַיזט אויס, פֿארפּלאָנטערט!?
זיך אויסגעמישט בא אים אין קאָפּ האָט בארג און טאָל,
דער וואַלד געררוישט בא אים האָט אין די ביינער,
אין אלע ריכטונגען האָט ער זיך מיטאמאָל
א לאָז געטאָן, ניט וויסנדיק וווּהין אליין נאָך...
און מיטאמאָל פֿון גרינע צווייַ מונדירן גאל
האָט דעם צעשטרייטן בליק געטאָן א שמיר אים,
און ביידע אויסגעגאָרגלט האָבן: „האלט!״,
און אין א פֿינצטערניש געלאָזט האָט ער זיך אונטער זייער שמירע.

X

און לעווין האָט זיך אײַנגעהערט אין יעדן ריס,
די קילן טראָגנדיק און טראכטנדיק אזוי נאָך:
אז אָט שוין, דאכט זיך, בא די אייגענע מע איז,
און אין אן אויגנבליק — אין הינטערלאנד באם סוינע.
דעם אומגעדולד פארפרעסנד מיט די ציין
און אונטער פרעס פון טויט געפינענדיק דורכויס זיך,
האָט לעווין פלוצעם, מיטאמאָל אליין
זיך אפ א כאָפּטע דײַטשן אָנגעשטויסן.
א שפרונג איבערן קאָפּ געגעבן האָט דער „פראָנט":
פונוואנען? וויאזוי? נאָר — מאטער זיך, ניט מאטער —
שוין רונד ארום זײַנע פאָנעם האָבן נאָ'נט
זיך אויסגעסאדערט זיבן אווטאָמאטן...
ווי ס'וואָלט א בארג אפ אים געטאָן א פאל,
אין ערגעץ קאָן שוין זיך ניט טאָן קיין דריי ער.
און טייקעף אָפּגעפירט מע האָט אים אין א שטאל,
ווו ס'האָבן אין געפאנג געפלאָגט זיך רויטארמייער.

## 40. די וועלט דורך א שפּארונע

I

אין אויסשפירונג דאָס ערשטע מאָל ווען לעווין איז אוועק,
פארדריקנדיק אין האנט דעם אווטאָמאט, באלאָדן,
האָט ניט פארגעסן אויך ער מיטנעמען אין וועג
די שער, די בײַוועלעך און אויך די נאָדל.
— וואָס נעמסטו מיט זיך מיט דעם אינווענטאר? —
א פרעג געגעבן האָט אָוואדים גלאט אים.
— א שײַלע! מאלע וואָס? — האָט ער די הענט געטאָן א שפאר, —
עס טרעפט — מע דארף עמעצן צולייגן א לאטע! —
ער איז דער ערשטער צוגעקראָכן צו דער דײַטשער וואך,
גלײַך דעם קינזשאל ארײַנגעשטעקט אין האלדז-און-נאקן
און זיך אנטשולדיקט: — ס'ערשטע שטיקל ארבעט איז געמאכט,
נאָר צופרעסן א קאפעלע, סאכאקל. —
דערנאָך אזוי שוין אגעוו-אורכעדיק האָט ער
זיך אָנגעבויגן און א זאָג געטאָן: — נו, מיילע!.. —
און מיט דער אלטער שנײַדערישער שער
ארויפגעכאפּט באם דײַטש, פונקט ווי א צוויקעלע, דעם ציילעם.

II

— איר זעט? — דערקלערט אָוואריסנ האָט דעמאָלט ער, —
אצינד פארשטייט איר שוינ? — האָט ער געטאָנ א פּאָכע, —
אז אויכ אינ אויסשפּיר קומט צוניצ א שער...
דעריקער דארפ דער באלמעלאָכע זײַנ א באלמעלאָכע! —
אונ אפּנ וועג צוריק, פארטראכט אונ מאט,
באפאלנ האָט א כאָפּטע דײַטשנ אומדערוואַרט זיי.
געווענדט דער שנײַדער האָט זיכ דאנ צום אווטאָמאט,
געווענדט האָט דאנ דער שנײַדער זיכ צום הארצנ:
— איז, הייסט עס, וואָס?.. א סאָפּ צום שנײַדערײַ? —
אונ מיט צעברעקלט-בליאסקענדיקע בליצנ:
א רײַ! אונ — נאָכ איינע! אונ — אלע דרײַ! —
האָט ער אוועקגעוואלגערט זיבנ פריצנ.
— ס'א נײַער שניט! — האָט ער דערקלערט נאכהער, —
אפּ זיבנ — דרײַ! זיי וועלנ ביסלעכווײַז באקומענ אָפּשײַ!
דעריקער צונייענ אזוי צו דר'ערד,
ווי קנעפּ, וואָס רײַסנ קיינמאָל זיכ ניט אָפּ שוינ!

III

אונ איצט געזעסנ לעווינ איז פארשפּארט אינ שטאל.
ארײַנגעקוקט די וועלט האָט בלויז דורכ א שפּארונע...
געדוכט האָט אים, אז ער געטאָנ א פאל
האָט אינ א פינצטערנ, א טיפנ ברונעם.
מיט יעדנ קער אונ ווענדע צו דער פרײַ
האָט ער געזעענ דעם טויט, וואָס האָט צו אים געגע'נטערט...
אדורכגיינ דארפ פאר אים אצינד פארבײַ
זײַנ גאנצע וועלט, ער זאָל צולעצט זי נאָכ דערזעענ דאָ,
אז ס'זאָל אים דרײַ מאָל טרויעריק אונ שווער
זיכ דאָס צעשיידנ זײַנ דאָ מיטנ לעבנ...
אינ יעדנ הילכ אונ אויסגעשריי האָט ער געהערט
דעם גאנג פּונ זײַנע פינצטערע באגרעבער.
געזעגענענ, ווײַזט אויס, ער דארפ זיכ באלד
מיט אלצ, וואָס טײַער איז אונ ליב אים,
אונ פרי'ר פאר אלצ — מיטנ זיקאָרנ, וואָס פארהאלט..
ס'איז, ווײַזט אויס, ווייניק צײַט אים שוינ געבליבנ.

IV

נאָר ניט דערמאָנענע קאָן ער זיך, ווי זײַנע יעהודעסל זעט אויס,
ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן באַדאָרפֿט, „יעהודעסל" ניט אַ געשריי טאָן,
און זיך געעקט: ווי קריכט מען ניט פֿון זיך אַליין אַרויס
דעם גאַרגל איבערהעריזענע זיך אַליין פֿאַר ווייטעק?
געשיקט זיך, אַז.. אַז אַלץ איז שוין נישטאָ?..
אַראָפּגעפּאַלן איז אַף אים אַ שטרוי פֿון דאַך, ווי אַ פֿאַרסטריגע.
אַ שטאָט... אַ שטאָט... אַ גאַנצע שטאָט, —
האָט ער דעם קאָפּ פֿון זײַט צו זײַט געגומען וויגן.
און ער אַליין... ער וואַרט... ער ווייסט, אַף וואָס ער וואַרט,
עס זעצט דער ווײ ווי אין שלייף אים, ווי אַ האַמער.
נאָר דרײַ מאָל הייבט זײַנע שאַרבן זיך, ווען נאָר ער גיט אַ טראַכט,
ווי מ'האָט פֿון שטוב אַרויסגעשלעפּט זײַן בלינדע מאַמע...
מאַמע... מאַמע!.. נו, און שײַנדל מיטן קינד...
זיי האָבן אַפֿן בוידעם דאָך געקאָנט אַרופֿ... דאָס דאַרף מען אויך דען קענען
און אויך די מאַמע מיטנעמען... אַ זקנה... בלינד...
און אויסבאַהאַלטן זיך אונטער די אַלטע מאַנעקענען!

V

און אָט דעם ווייטעק אָפּטרײַבן פֿון זיך מיסטאָמע
ניט קאָנען וועט ער שוין ביז צו דער לעצטער רגע.
געקומען איז אים פּלוצעם אַפֿן טאָם
דער רייעך פֿון זײַן שטעטל נאָך אַ זומערדיקן רעגן.
דער אָפּגעפּרישטער זאַמד. דער שאַבעס אינדערפֿרי.
די ביימעלעך די פּאָר. דער טײַך און די טשערעטן.
און ס'האָט דאָס האַרץ אים אַלע ווײַל געטאָן אַ ברי,
ווי ס'וואָלט דער טויט געגאַנגען די ציין אים אַ פּאַרעד טאָן.
ער פֿילט ניט, ווי עס טוט זײַן פֿוס אַליין אַ שפּאַן,
געגומען האָבן די יאָמטויווים פֿאַר אים דורכגיין...
אוועקלייגן ער פֿלעגט אין קלוב אַ פּאַדעספּאַן,
וואָס האָט געקאָנט פֿאַרשטעקן אַ מאַזורקע,
זיך טאָן אַ דריי אַרום אַ כאַוועדטע — אַהער, אַהין,
נאָר מיטן קוק איר עפּעס אײַנרוימען, פֿאַרשטעלט און דין,
און טראָגן הויך איר האַנט, בלויז אָנגערירט די פֿינגער. —

## VI

וואָס קריכט עס אים אין קאָפּ? ווי קלאַפּט מען עס אַרויס?
ווי ווערט מען פּאָטער פון דעם פּײַן? פונעם זיקאָרן?
געווען איז — אַלץ. און אַלץ — איז אויס!
זיך אויסגעשטעלט דאָס גאַנצע לעבן פאַרן טויט האָט אַזוי קלאָר אים...
און פּלוצעם האָט דעם וועג דערזען ער צום וואָקזאַל,
די כּיינעוודיקע דערפּעלעך אין גריגס אַף בײדע זײַטן...
דורך דאָרט האָט מען זיך אין דער וועלט געטאָן אַ לאָז אַזאַ,
פון דאָרט האָט מען פאַרליבט זיך אין די אומבאַקאַנטע ווײַט....
ער וויגט זיך אײַן אין דעם שפּאַרונעדיקן פּאַס,
און מיט זײַן שנײַדערש אויג ער גיט אַ מעסט דעם שעטעך.
דורך יענעם וועג געקומען איז מען אַלע יאָר צוגאַסט
און מ'האָט די גאַנצע וועלט אַרײַנגעבראַכט אין שטעטל...
און אויך דורך יענעם וועג האָבן די דײַטשן קינד-און-קייט
פון גאָר דער שטאָט אַפן וואָקזאַל געטריבן.
„אַף אַרבעט!" — האָבן לאַכנדיק די מערדער זיי באַגלייט,
און ערגעץ האָט דער טויט באַגעגנט זיי בײַ גריבער...

## VII

— פּראָסטאַקעס פינצטערע! — האַלט לעווין קוים זיך אײַן,
ער זאָל ווי אַ בוהײַ איבער דער שטאָל זיך ניט צערעווען. —
אויב איך בין אין די הענט אין זייערע אַרײַן,
בין איך קיין שנײַדער ניט! און ס'איז מײַן נאָמען מער ניט לעווין! —
ס'איז שווער דער טויט... און ביטער איז די לעצטע נאַכט...
און ס'וואַרגט אַזוי די וואַרטנדיקע פּײַן אים.
איין טרייסט: ס'האָט יעקע באָק אַהער אים ניט פאַרנאַרט —
האָט ער אַליין מיט ערעוו-מיסעריקן שטאָלץ זיך אײַנגעטײַנעט.
און דאָרט האָט יעקע אָפּגעפּריצעוועט אַ שטאָט,
אַ שטאָט מיט יִידן אָפּגענאַרט האָט ער דאָרט,
און ברויט אין וועג געהייסן מיטנעמען ער האָט
אַף פינצטערן בײַזווינדער און געלעכטער...
געשיקט זיך, אַז געגעסן האָבן זיי דאָס ברויט אין וועג?
און דרײַ מאָל שרעקלעכער דער ווייטעק און דער בראָך איז!
און שטאַרבן איז אים איצטער אַ ביזאָיען און אַ שרעק —
דאָס, וואָס געגאַנגען ווי קעלבער זײַנען אויכעט באַלמעלאָכעס.

## VIII

עס גיבן פון זײַן ווייטעק א צעטאָרע זיך די ווענט,
און ס׳דוכט, אז ס׳ברענען דורך פון שטאל די העלצער:
וואָסי? קיין פּרעסלעך זײַנען דען בא שנײַדערס ניט געווען?
צי האָבן פּראָסטע בייגלבאָקן דען פֿארפעלט זיי?
און ס׳גיט דאָס הארץ בא אים אין היץ א ברען,
און ס׳גיבן זיך די פּיס אן אונטערבראָך אים:
ווּ איז עס עוועדי באראנעווקער געווען?
ווּ איז געוועזן לייבעניו פּופּאָכע?
פארוואָס האָט ער זיי פאר די גאָרגלען ניט דערשטיקט? —
גיבן די אויגן שוין אין בלוט בא אים א בלאָנדזע, —
ער האָט דאָך נאָך מיט וויפל יאָר צוריק
געשלאָגן זיך אפּ דער מילכאָמע מיט יאפּאָנצעס?!
און קסיל! געקײַעט גלאָז... א בראָך!
געבליצט אין מויל בא אים האָט, דוכט זיך, ווי אין גענעם!
ער פּלעגט דאָך זעקס פּידזשאקעס אופּנייען א וואָך,
זאָל ער קיין דײַטש קיין איינעם ניט דעם בויך צעטרענען?

## IX

פון הוילן שטאָל-און-אײַזן דארף ער זײַן,
ער זאָל אין שטאל ווי א בוהײַ זיך ניט צערעווען,
ווען ס׳גיט דער מאלכאמאָוועס זיך א קוק ארײַן
אין אים, אין דעם געפאנגענעם דעם שנײַדער לעווין...
אז בלויז איין שפּאן פון שטאל — איז א קאיאָר,
אז אויך דאָס לעבן איז איין שפּאן פונדאנען,
אז ער איז אלט אינגאנצן צוויי און דרײַסיק יאָר,
אז ס׳שמעקט דאָס מיסט פון שטאל אים אויך מיט האָניק.
און דײַטשן קוילען ייִדן אוים אין יעדער שטאָט,
און הייסן פאר דער שכיטע זיך דאָס אָנטאָן ברענגען,
און ס׳זײַנען אין די שטעטעלעך קיין ייִדן שוין נישטאָ,
ווי זיי וואָלטן דאָרט קיינמאָל ניט געווען גאָר...
און אז ע׳ר גיט זיך מיט זײַן לעצטער טראכטעניש א לאָז,
און אז דעם כעזשבן זײַנעם גיט ער א האַרעכן,
איז בלײַבן לעבן האָט ער שוין בעמײלע ניט צו וואָס,
כאָטש ס׳ועט בעמײלע אים א דײַטש ביז אינדערפרי דערשטעכן...

## 41. זיך דורכגעריסן!

I

און דאָך האָט ער צוערשט באַקוקט פֿון שטאַל די טיר:
ווי עפֿנט זי זיך אויף, ווי זי פֿאַרמאַכט זיך.
דערזען אַ דרעמלדיקן דײַטש אין וואַך לעם איר,
איז אים געוואָרן עטוואָס גרינגער אויפֿן האַרצן.
„מימאָנעפּשעך, — געטראַכט האָט ער, —
חלילה וואָס?!.. איז אָדער — אָדער!
בײַזוואַנען ס׳איז פֿאַראַן אַ שער,
איז קאָן ער דאָך זיך אויפֿטרענען אַן אָדער!
און אויב אַ שלאָף גיט גאָט אַרײַן דער וואַך
איז דאַרף מען ניט קיין סך... ער שאָקלט זיך שוין, קאָנטיק, —
איז ניט קיין אומגליק אויפֿשנײַדן דעם דאַך.
די שער — דעם דײַטש אין גאָרגל אויף אַן אָנדענק.
דעריקער מײַלע — וואָס ס׳איז מוטער-נאַכט,
זײַן פּאָנעם זעט מען ניט אַרויס לעסאַטע".
און נאָך אַ קלער און נאָך אַ טראַכט:
„און ביז פֿאַרטאָג — איז גאָט אַ טאַטע!"

II

געפֿאַנגענע זיצט ער שוין די זעקסטע שאָ,
שוין דורכגעטראַכט די גאַנצע וועלט אין אַנגסטן.
עס איז דאָס לעבן אים אַוועקגעבן אַ שאָד,
און ציִען ציט עס אַזוי שווער און לאַנג זיך.
און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שיסערײַ.
— עס שיסן אונדזערע! די קוילן קלינגען איצט ווי שליסל! —
צעטרייבערט אַ סנאַריאַד אַ שטיבל האָט דערבײַ
און פֿון דער שטאַל די טיר אַראָפּגעריסן.
די וואַך מע זעט שוין ניט. קיין וואַך — ניטאָ!
און גלײַך אַ טראַסק דערהערט האָט זיך אַ צווייטער.
— וואָס טוט מען? ס׳איז נאָך ווײַט צו טאָג!
— וואָס וואַרט מען? אײַנציקווײַז, סאָלדאַטן! פּלייטע! —
און גלײַך אַ שפּרונג געגעבן דורך דער טיר.
ווי רויטע פּלאָטעצעס געיאָגט האָבן זיך קוילן...
ער האָט דעם בליק דעם בלאָנדזשענדן געטאָן אַ פֿיר:
— ווי רײַסט מען זיך אַדורך, ריבוינע-שעל-אוילעם?

III

ווּ זײַנען אונדזערע? צי נאָ'נט צי ווײַט?
אז אויסגעמישט איז אלץ און אלץ — פארפלאָנטערט!
מע קאָן אים פון אנטקעגנ געבנ א צעבײַט,
א נאָכיאָגנדע קויל אים אונטערהאקנ קאָנ דאָ.
ווּ איז ער אינ דער וועלט? ער קוקט אהינ, ער קוקט אהער,
פון אלע זײַטנ שנײַסט און מאָרדעוועט זיכ פײַער!
ס'א פינצטערניש... נאָר ס'פירט אים דאָס געהער,
און אָנגעטאפּט האָט ער דאָרט, בלאָנדזשענדיק, א שײַער.
ער ווייסט ניט, וויפל אָפּגעגאנ איז ער,
נאָר קלאָר איז איינס: דאָ זײַנענ דײַטשנ!
דאָס זשאבע-לאָשנ דײַטלעכ איצט ער הערט,
א יעדער וואָרט דאָס הארצ בא אים צעשנײַדט שוינ.
צי האָט מענ אים דאָ ניט באמערקט?
נאָר ס'טרייסט פונ קוילנ אים דער האָגל.
פארגעסנ ער'באהאלטנ האָט די שער
און ניט באמערקט, ווי ס'האָט געגומענ טאָגנ.

IV

וואָס האָט עס אים אהער געגעבנ א פארטראָג?
א יעדער רעגע האָט אינ אנגסטנ זיכ געצוויגנ.
דורכ די שפּארונעס האָט ארײַנגעטריפט דער טאָג,
צו די שפּארונעס האָט ער צוגעקלעפּט די אויגנ:
אָט זײַנענ זיי, די הינט. אי נאָ'נט, אי ווײַט.
זיי קײַקלענ קוילנוואָרפערס שווארצע צו די ראנדנ.
ער קוקט זיכ איינ, דעמ אָטעמ טיפ פארטײַ'ט,
ווי זיי צעסאדערנ און שטעלנ זיי פאנאנדער.
און אפנ אויג באמערקט ער — ווּ און וואָס,
אז ס'זאָל קיינ פינטעלע פונ בליק ניט גיינ פארלאָרנ,
ווי ער וואָלט דאָ פונ א זאקאז ארויפגעכאפּט א מאָס
אצינד — נאָר לעבעדיק אוועקטראָגנ די פּיס,
קיינ קויל ניט צוגייענ צו דר'ערד זאָל זיי אים...
און מיטאמאָל — א קנאל! און נאָכ איינער — א ריס!
ער האָט דערזענ, ווי ס'גרײַפנ אָנ די רויטארמייער.

## V

ריבוינע-שעל-אוילעם! וועט ער זיך דורכרײַסן צו זיי?—
ער פילט ניט, צי ער לויפט, צי ס'טראָגט דער רועך אים.
און זיסער איז געווען דער רויטארמייערישער „שטיי!“
פון בעסטן ליד און פון גאנײדנדיקע שפּרוכן.
— איך לויף פון דאָרטן, כאַווער קאָמאַנדיר!
ס'איז אַלץ אין קאָפּ פאַרצייכנט און פאַרמערקט דאָ, —
און ווײַזנדיק אַהין, אַ צייל געטאָן: — אָט האָט איר פיר —
דאָס זײַנען קוילנוואַרפערס, גרייט צו דער פרימערקע!
קיין רעגע וואַרט ניט, כאַווער קאָמאַנדיר!
פון ביידע זײַטן שטאַל און בּאַ דעם שײַער, —
און מיט דער האַנט געטאָן אַהין אַ פיר:
— דער וועג איז דורך דעם וועלדעלע אַ פרײַער! —
סאַדאָווסקי האָט אַ ווײַלע נאָך געטאָן אַ קלער,
געקוקט אָפּ לעווינען, באַטראַכט פונסנײַ אים.
— דאָס האָסטו אַלץ באַוויזן מיט דער שער? —
און אַ באַפעל: — איבער דער שטאַל פון ביידע זײַטן — פײַער!

## VI

און דו — פּאָרויס! דעם וועג זיי אָפּשנײַדן אָפּ צ'ריק
וועסטו אין אומגאַנג מיט אַ טייל זיך לאָזן! —
געלעגן זײַנען קוילנוואַרפערס שוין דערשטיקט,
פאַרגראָבן מיט די מײַלער אין די גראָזן.
עס האָבן די אַרמייער זיך געגעבן אַ צעוואָרף,
געפירט האָט לעווין, זינקענדיק אין קאָרן,
פּונקט ווי געבוירן ווערן וואָלט ער דאָ אין דאָרף,
ווי אָפּגעלעבט ער וואָלט דאָ אַלע זײַנע יאָרן.
פון רויך אַרויסגעוויקלט האָט זיך לאַנגזאַם דער באַגין,
דאָס דערפעלע געהויבן האָט אָפּ גראַבליעס זיך פון פײַער.
און קיינמאָל זײַנען גראָזן ניט געווען נאָך אַזוי גרין,
און קיינמאָל זײַנען פעלדער ניט געווען נאָך אַזוי טײַער.
מינוטן ציִען זיך. אָט איז דער וועג. שוין בּאַ דער שוועל
אַ קוילנוואַרפער אויסגעוואַקסן נעבן שטאַב איז,
און אַכט און דרײַסיק וואָיענדיקע וועלף,
פון שרעק איבערגעקרימט, האָבן אַ הייב געטאָן די לאַפּעס.

VII

מ׳האָט אופגעקליבנ די געפאלענע אינ שלאכט,
אינ פײַנ איבערגעגעבנ שטיל דער ערד זיי.
דעמ קיווער צוגעדעקט האָט אומעטיק די נאכט,
זיכ ווארגנדיק מיט טרויער אונ מיט קרעכצנ.
— ווו איז דער דאָקטער? — האָט געטאָנ א פרעג
סאדאָווסקי אומרויִק. מע זעט עפעס דאָ אימ ניט...
זיכ אָפגעדעקט פונ שאָטנס האָט דער וועג,
זיכ אײַנגעהילט מיט וואָלקנס האָט דער הימל.
דעמ דאָקטער האָט מענ ערגעצ ניט געהערט,
אונ צווישנ די געהארגעטע האָט קײנער ניט געזענ אימ.
זאָל זײַנ, אז אָפגעשטאנענ ערגעצ-ווו איז ער
אונ אינ די הענט צו זיי ארײַנ... אינ געפענגעמ?!..
„דאָס סאמע אלטע אויסקויפ-בלוט פונ דר׳ערד" —
דערמאָנט זיכ האָבנ אימ דעמ דאָקטערס ווערטער;
ער האָט זיי, דאכט זיכ, איצט פונסנײַ געהערט,
זיי האָבנ מער, ווי שטענדיק, איצטער אָנגעהערט אימ...

## 42. ווײַניקער מיט אכט אונ דרײַסיק

I

פונ בליק בא יעדערנ פונ זיי געגאנ איז שרעק,
אונ פינצטערניש געשפארט בא זיי האָט פונ די מײַלער.
זיי האָבנ זיכ ווי ווערעמ אפ דער זונ באוועגט,
די קעפּ ארײַפגעלאָזט א יעדער ווײַלע.
פונ זיי האָט מיטאמאָל זיכ אָנגערוקט די נאכט,
די לופט האָט ארומ זיי מיט גיפט זיכ אָנגעפילט דאָ.
אצינד האָט ערשט אָוואדיס זיי באטראכט,
ווי ס׳קער צו זײַנ, אינ דער פארדאָרבנקײַט אינ זייער ווילדער:
אזויפיל צײַט געענדערט די נאטור האָט זיכ,
ביז פונ דער מאלפע זי דעמ מענטש האָט אויסגעשטײַערט,
אונ זיי, ווי שנעל זיי האָבנ עס אָרגאניזירט
דעמ צ׳ריק-מארש — פונ דעמ מענטשנ צו דער כײַע!
עס איז זיי, דאכט זיכ, לײַכט, עס איז זיי, דאכט זיכ, גוט
אפ אלע פיר נאָכ רויב צו יאָגנ פונדאָסנײַ זיכ
אונ מיט א גענעצ זיכ באלעקנ פונעמ בלוט,
וואָס זיי האָבנ פארצוקט אפ זייער צ׳ריק-אנטקרוינטער רײַזע...

II

אַט זײַנען זיי — געװעטיקטע פון מאָרד,
באַטראַכט אָוואַדיס האָט דעם מיִנ געװועלטיקער און מערדער.
אַזוינע איז פֿאַראַן אַ גאַנצער דאָר,
וואָס האָבן מיט דער פעסט געפּרוכפּערט און געמערט זיך.
די צײַנקאַסטנס — צעשפּאַרט ווי בײַ די װעלף,
אין שטערנס פֿלאַטשיקע פאַרוקט די אויגן:
ווי פֿולקום אײַנגעפּאַכט עס האָט אויף זיי זיך פֿעל!
ווי קעניגלעך דער אור האָט זיי פאַרצויגן!
איז וואָס זשע טרײַסלען זיי זיך דאָ אַזוי אַצינד,
אַרויסגעשטעקט די פּיבערדיקע צינגער
געהאָרכזאַמער און מיִעסער פון הינט,
אָט די געוועלטיקער, באַהערשער און באַצווינגער?
ניט אויסגעזען קיין אײנער האָט ווי אַ סאָלדאַט, —
די פּאַזוכעס געשטאָפּט מיט רויב און שמאַטעס,
ווי פון אַ הייל אַרויסגעקראָכן — אַקוראַט —
געגאַנגען אין געפּענק זײַנען די מערדערישע טשאַטעס.

III

סאַדאָווסקי האָט געקוקט, די צײן פאַרפּרעסט,
אויף אָט דער מאַכנע שלעפּער, מיסט און מערדער:
צעשײדט האָט מיט די ליבסטע אים אָט די־אָ פּעסט,
אָט דער־אָ הײשעריק האָט אָפּגעריסן פון זײַן ערד אים!..
פון שווערע טעג און שלאָפלאָזיקע נעכט
געוועזן זײַן בליק איז מוטנע און צעבויטעט:
דאָס זײַנען זיי געקומען העפקער אויף זײַן עוד
צעברעכן אַלץ, וואָס מ׳האָט געפלאַנצט און מ׳האָט געבויט דאָ!..—
מיט מי פאַרצײַענדיק אַלײן זיך אין אַ פּענט,
האָט ער פון זיי די אויגן אָפּגעקער׳וועט:
דאָס האָבן זיי פון לוסט געצונדן און געברענט
צעבליטע שטעט און שוצלאָזיקע דערפֿער!..
דער רויש פון וואַלד האָט מיט מעהומע זיך געמערט,
געריסן יעדער גראָז האָט זיך אַ קלאָלעדיקן שאָרך טאָן:
דאָס האָבן זיי געהאַנגען זקײנים אויף די מערק
און מאַמעס מיט די קינדער אויף די הענט געשאָכטן! —

IV

און אָפּגעווענדט דעם קאָפּ סאַדאָווסקי האָט,
ניט זען, ווי ס'ריכט פון זייער טומע זיך דער סטעפּ אײַן,
נאָר ס'האָט אים ווייטעקלעך פאַרפאָלגט דער טראָט
פון אָט דער מאַכנע בלוטדאָרשטיקע שלעפּער.
ער האָט אים, הערנדיק, געזען, און ניט בלויז דאָ,
נאָר אומעטום — דעם טרעטנדיקן איבער ווונד און וויַיען
אין יעדן דערפעלע, אין יעדער שטאָט,
ווו זיי האָבן געבושעוועט אָפּ יענער זײַט טראַנשייען.
פון זייער נויט זיך פאַר דער שײַן צו געבן א באַגראָב,
פון זייער ראָבן-גיר, נעווילישן און שוואַרצן,
זײַנען אים צוגעגאַן די בלוטן צו דעם קאָפּ,
און ניט געפונען האָט קיין אָרט זײַן האַרץ זיך.
צו דעם פאַרהער אוועקשטעלן באַדאַרף ער זיי
נאָך אָפּ דער ערד. אונטערן הימל. בא דער זון דאָ:
וועט דען א קויל אַן אײַנפאַכע באַצאָלן פאַר דעם ווײ?
צי וועט א גרוב אַליין פאַרהיילן דען די ווונדן?

V

און לעווין האָט מיט זיך אַליין גערעדט,
פון אַלע זײַטן קוקנדיק, ווי די געפּלעטע שפּאַנען:
וואָס קאָן מען זאָגן אָפּ אַזאַ גרויסאַרטיקן בוקעט?
וואָס קאָן מען זאָגן אָפּ אַזאַ מין אײַדעלער קאָמפּאַניע?
גוראַריע האָט געקוקט: אַזוי געקליבן — קאַט צו קאַט,
אַזוי געזיפּט דעם ייִכעס יעדערן פון זיי דאָרט:
וויפל כאַנטים די לענג אין ווײַדל האָט געהאַט
פון מוטערס צאַד דער גאָט-זעליקער זיידע?
ביזוואַנען ציט זיך זייער נאָבלדיקער שטאַם
פון ריינע מענטשנפרעסער און פאַרדאַרבער?
צי איז, כאָלילע, ניט פאַראַן ערגעץ קיין פּגאַם
אין די פאַרקריפּלט-מאַלפּעדיקע שאַרבנס?
ווי ווײַט זײַנען אין בלוט בא זיי די הענט?
צי קער מיט זיי לויט אַלע צדאָדים זיך די האַק אָן?
צי אויסגעלעבט אין זיי דער מענטש איז ביז דער שפּענט?
צי וועלן זיי זיך פאַר א קינד ניט טאָן קיין וואַקל?

זיי גייענ איצט צעקוועטשט איניינעמ מיטנ שטאָל,
איינס פונ דעמ צווייטנ ווײַכנדיק — אינ שרעק גערעמלט.
עס קאָנ גערמאַניע מיט זיי זײַנ שטאָלצ,
כ׳האָט דײַטשלאַנד זיכ מיט זיי ניט וואָס צו שעמענ.
ווער ס׳איז פונ זיי פאַרצויגנ אינ טריקאָ
אונ ווער פאַרוויקלט ס׳איז אינ א געגאַנווועטער פאַטשיילע,
די הענט אינ בלוט, ערגעצ פאַרשטעקט דעמ קאָפּ, —
צי פעלט זיי ניט די קרויג פונ וועלט פאַר אזא הײַלעכ?
זיכ איבערציילנ! — גייענדיק, האָט לעווינ זיי באַפעלט,
ניט אויסרינענ זאָל עמעצער פונ זייער זיגרײַכ בינטל.
„נו, וויניקער אפּ אכט אונ דרײַסיק הענקער אפּ דער וועלט”, —
האָט מיט די אויגנ ער צו זיכ אליינ געטאָנ א פינטל.
גוראַריע איז דעמ גאַנצנ וועג געגאַנגענ אונ געקלערט,
די גרוב האָט פאַר זײַנ בליק פונכנײַ זיכ אופגעמישט אימ:
ווענ ס׳זאָלנ ייִדנ קאָנענ אופשטיינ פונ דער ערד
א קוק טאָנ, ווי מע פירט די הענקער צו דעמ מישפּעט!..

## 43. קיינ מאָסקווע

I

ניט מער ווי זיבנ הונדערט מאַנ,
באַוואָפנט ווי-ניט-איז אינ וועג, אזוי נאָר,
צונויפגעקליבנ האָט דער קאַפּיטאַנ
באַמ דורכרײַסנ די לעצטע קייט פונ סוינע.
ער האָט קיינ אכט געלייגט, ווענ שפּליטערס צוויי
דורכ זײַנע ריפּנ האָבנ זיכ אדורכגעבײַטשיקט,
ווײַל ס׳האָט א פּרווו א גרעסערע געוואַרט פונ ווײ,
אונ גרויזאַמ, ווי דער גוידל, זיכ געצייכנט האָט איר צײַט שוינ.
מיט קאַסקעס געברוקירט דעמ וועג, ווי א שאָסיי,
אונ קעפּ געשאַטקעוועט, אפּ קעפּ געטראָטנ, —
זיכ אָנגעהויבנ ערגעצ האָט שוינ דער פאַרזיי
פונ שאַרבנס דײַטשישע געשטאָפּט מיט בלאָטע.
אזוי דורכ שלאַכטנ, שפּאַנ נאָכ שפּאַנ,
דעמ טייל, פונ קלעמ אונ צוואַנג פאַרשפּאַרטנ,
שוינ א פאַרוווּנדעטער ארויסגעריסנ האָט דער קאַפּיטאַנ
אונ אימ געפירט באַהעפטנ זיכ אפּ נײַע שלאַכטנ.

II

די מידקײַט איז פון אים נאָכ ניט אראָפ,
די אָנעטשעס נאָכ ניט באוויזנ איבערבײַטנ,
אונ שוינ געוווּסט: אָוואַדיסנ קיינ מאָסקווע רופט מענ אָפ,
אונ אָנגעצייכנט איז דער וועג דער שלאכטיקער שוינ ווײַטער.
ארויסגערופנ האָט סאדאָווסקי אים, געקוקט פארקלערטערהייט
אונ אים געזאָגט מיט בענקשאפט לויטערער אונ פראָסטער:
— נו, אָט!.. אינ וועג, אָוואַדיס, מאכ זיכ גרייט,
פאראנ א פּאָדערונג אפ דיר קיינ מאָסקווע!
— פונ וועמענ? — האָט אָוואַדיס זיכ דערפרייט,
ניט האָבנדיק, פונ וואָס סע גייט א רייד, קיינ אנונג.
— פונ אינסטיטוט! פונ נארקאָמאט! קיינ אונטערשייד:
פונ מאָסקווע. אלצ. פארשטאנענ?
— דער אינסטיטוט?!..—האָט נאָכ אָוואַדיס ניט צעקײַט,
וואָס דאָס באדײַט, — איז ער אינ מאָסקווע נאָכ? — אוואדע,
געוויס! וואָס נאָכ קאָנ זײַנ פאר א באטײַט,
ווי אנדערש דענ, אָוואַדיס?

III

זיי האָבנ ביידע אפ א ווײַלע זיכ פארקלערט,
דער בליק געגאנ איינס צו דעמ צווייטנ גראד איז,
געדוכט, אז די געדאנקענ איינער בא דעמ צווייטנ הערט:
סאדאָווסקי — מיטנ בליק, אונ מיטנ הארצ — אָוואַדיס.
— קיינ מאָסקווע! — האָבנ זיי א זאָג געגעבנ ביידע מיטאמאָל, —
אונ צו די פײַערטעג! — האָט זיכ געכאפט סאדאָווסקי, — סאמע, סאמע...
ס'האָט פּאָרכטיקײַט געהערט זיכ אינ זײַנ קאָל —
אונ ליבע — אָנגעלעבט אינ שלאכט צוזאמענ...
איז וועט מענ זיכ געזעגענענ אצינד, ווײַזט אויס...
דערפילט, אז אינ די אויגנ פײַכטקײַט איז פאראנענ...
— דערצייל דאָרט, ווי מע איז פונ דער ארומרינגלונג ארויס,
א בריוול אָנשרײַבנ זאָלסט זיכ אמאָל דערמאנענ!..
ארומגענומענ זיכ אונ צוגעדריקט זיכ פעסט,
אונ ווי דער רוסלענדישער מינהעג — נאָכאמאָל אונ ברייטער.
— איז אָט... א בריוול, ברודער, ניט פארגעס, —
האָט מיט די אויגנ לאנג סאדאָווסקי נאָכ באגלייט אים...

IV

נאָר דער באַפרײַטער טײל דערוויסט זיך מיסאמאָל:
אים וועט זיך אויסקומען איבערפאָרמיהנ אונטער מאָסקווע.
האָט זיך פארווערט סאדאָווסקי פירנ אינ שפיטאָל
אונ מיט דעמ טײל צעשײדנ ניט געלאָזט זיך.
אינ וועג געטראָפנ מ'האָט שאכטיאָרנ גײנ,
פארשטײנערטע פונ וויטעק אונ פונ טרויער, —
אלײנ זײ האָבנ שאכטעס אופגעריסנ מיט געווײנ,
וואָס זײ האָבנ פארלײגט אלײנ אונ זײ אלײנ געבויערט.
פארזאָרגט אונ שווײַגנדיק געגאנגענ זײַנענ זײ,
מיט קײַלעס אינ די הענט, פארהילט אינ קאפּיושאָנען.
ארײַנגיסנ אווו-ניט-איז זיך ערגעצ אינ ארמײ, —
אונ צו סאדאָווסקיס טײל זײ זײַנענ צוגעשטאנענ.
זײ האָבנ מיט די שאכטעס זיך געזעגנט ניט אפ לאנג,
זיך אומקערנ זײ וועלנ צ'ריק — פארהײלנ זײ די וונדנ;
געשפּארט פונ אנגלענ האָט בא זײ געצוימטער דראנג,
אונ שטילקײַט גרויזאמע אינ בליק פונ אונטערגרונטנ.

V

צי האָט סאדאָווסקי אנדערש דענ פארלאָזט זײַנ שטאָט?
צי האָט ער דענ ניט אויך אזוי מיט קיװ זיך געזעגנט?
קאשטאנענ האָבנ בלעטער מעשענע געגעבנ א צעשאָט,
ווי שטיקער בלוט פונ הארצ פונ זײַנעמ אפ די וועגנ;
געווײנט האָבנ די ביימער בא די נעכט,
אלײנ פונ זיך אראָפּגעפליקט די בלעטער
אונ זיך ארויסרײַסנ געוואָלט פונ דר'ערד,
די שטאָט ניט לאָזנ פונעמ פײַנט באטרעטנ.
צי האָט זיך דאמאָלט אינ זײַנ בליק דענ ניט געשפּרײט
פונ טרערנ אונ פונ בלוט א פלעטנדיקער נעפּל?
ס'האָט מיטנ וואלד, ווי מיט אנ אָנלענ, ווײנענדיקערהײט,
זיך צו דעמ יאמ אוועקגעלאָזט דער אלטער דניעפּער...
ער וועט זיך אומקערנ, אונ טראָט נאָכ טראָט
די וונדנ אויסהײלנ אפ אלע וועגנ.
צי ניט — דורכ שטרעקעס ווײַט — געזענ סאדאָווסקי האָט,
ווי ס'האָבנ מיט דער שטאָט מאטראָסנ זיך געזעגנט?

VI

אָ, ער געדענקט, ווי בלאָנדזשענדיק מיט בלינדע ווײַנענדיקע טראָט,
ווען ס׳האָט דער ארסענאל ווי ס׳הארץ געטאָן זיך א צעריס דאָרט,
האָבן די גאָלדענע די אלטע אָוולדיקע שטאָט
פארלאָזט צולעצט די זקיינים באַנדוריסטן.
געגאַנגען זיי זײַנען איינס לעם איינס, באַנאַנד,
די קעפּ אַנטבלויזט און אויפגעהויבן די באַנדורעס,
און אויסגעדרייט צוריק זיך צו דער שטאָט באַם ראַנד —
פארגליווערטע — אַנטקעגן שטורעם...
דעם בליק ניט אָפּגעריסן פון דער שטאָט,
געשטאַנען זײַנען זיי אַפּ וואָגל אויסגעריכטע,
און בלײַ געריסן איבער זיי זיך האָט,
נאָר זיי האָבן פון אָרט זיך ניט גערירט דאָרט.
פארהוילן ניט געקאָנט סאַדאָווסקי האָט דעם צער,
אין יעדן וואָי פון ווינט געוואָלט האָט זיך אַרײַן אים.
ארויסגעפאלן איז בא איינעם פון דער טאָרבע דער קאָבזאַר
און זיך אַליין צעלייענט פאר דער הויפּט-שטאָט פון אוקראַיִנע...

VII

געגאַנגען מ׳איז — א לאַנגער צוג — צו צוויי,
זיך אומגעקוקט א יעדער ווײַל סאַדאָווסקי האָט א טריבער,
אדורכגעבלעטערט אין געדעכעניש מיט ווייַ
די פרײַנט די שלאַכטיקע, וואָס זײַנען אונטערוועגס געבליבן...
געגאַנ... זיך צוגעהערט צום וויי פון לאַנד,
ווי ס׳וואָלט געביין פון קוואָרים אונטערוועניקע געטײַנעם.
דעם דאָקטער האָט ער פלוצעם זיך דערמאַנט:
עס האָבן פּאַר געוויס די דײַטשן אים פארפײַניקט...
„דאָס סאַמע אלטע אויסקויפּ-בלוט" — געווען אין מויעכ איז פארקריצט
„וואַסיאָנעו!" — האָט דאָס הארץ געטאָן א ריס זיך מיטאַמאָל אים...
מיט יעדער רעגע אָנגעלייגט אַפּ אים האָט זיך א היץ,
גענומען האָבן בײַטן זיך די פלאַכן, ווי נ׳א שווערן כאָלעם...
ארופגעלייגט מע האָט אים אַפּ א פור, אים אײַנגעדעקט,
און ער איז אָפּ מיט בלוט. דער פיבער האָט ניט אָפּגעלאָזט אים.
— צו מאָסקווע איז נאָך ווײַט? — האָט ער, זיך דרייענדיק, געטאָן א פרעג, —
און ער, אָוואַדיס, קער געוויס שוין זײַן אין מאָסקווע...